בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## יום טוב סוכות ב' תשפ"ז

**פון י"ז תשרי - ביז כ"ג תשרי**

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א
ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח
ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,**
**ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 9119-907 (646)**

## מאנטאג – י"ז תשרי – א' דחוה"מ

הרה"ק רבי יהושע אלעזר ב"ר משה יוסף זי"ע, (חודרוב), **דומ"ץ בקאלאמייא.**

## דינסטאג – י"ח תשרי – ב' דחוה"מ

הרה"ק רבינו נחמן ב"ר שמחה זי"ע, (**בן פיגא**), **בעל ליקוטי מהר"ן, מברסלב.**

הרה"ק רבי חנה ב"ר מנחם מענדל זי"ע, הי"ד, (הלברשטאם), **בעל דברי חנה, מקאלשיץ.**

## מיטוואך – י"ט תשרי – ג' דחוה"מ

הגה"ק רבי אליהו ב"ר שלמה זלמן זי"ע, **הגר"א מווילנא.**

"הנקרא **דער ווילנער גאון**"

הרה"ק רבי יעקב יצחק ב"ר אשר זי"ע, (ראבינאוויטש), **ראש שושלת פשיסחא.**

"הנקרא **היוד הקדוש מפשיסחא**"

## דאנערשטאג – כ' תשרי – ד' דחוה"מ

הרה"ק רבי יעקב יוסף ב"ר יהודה לייב זי"ע, **רבי ייב"י, מאוסטראה.**

## פרייטאג – כ"א תשרי – הושענא רבה

הרה"ק רבי מנחם מענדל ב"ר אליעזר זי"ע, **בעל דרכי ישרים, מפרמישלאן.**

## שבת קודש – כ"ב תשרי – שמיני עצרת

הרה"ק רבי מנחם גרשון ב"ר דוד זי"ע, (גרינוואלד), **בעל מרגליות טובה, אב"ד קערעסטיר.**

## זונטאג – כ"ג תשרי – שמחת תורה

הרה"ק הגביר רבי יעקב ב"ר יצחק זי"ע, (פיש), **ראש הקהל מקאלוב.**

"הנקרא **ר' יענקעלע פיש**"

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

חיים צבי בן שרה וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה. - ו' אדר תשפ"ה.

**יארצייט י"ז תשרי א' דחוה"מ**

**הרה"ק רבי יהושע אלעזר ב"ר משה יוסף זי"ע**
**(חודרוב)**
**דומ"ץ בקאלאמייא**

ער איז געבוירן צו זיין טאטן **הגביר** מוה"ר **משה יוסף מברדיטשוב** זי"ע.
בן הרה"ק **הגביר רבי יהושע אלעזר הגדול מבארדיטשוב** זי"ע.

וואס דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי מרדכי מטשרנוביל זי"ע האט געזאגט אויפן זיידן רבי יהושע אלעזר זי"ע, אז אליהו הנביא ז"ל **איז געקומען מיט ארימע קליידער, און האט דעם צדיק אויס פראבירט איבער הונדערט מאל מיטן נסיון פון מידת הצדקה, און דער זיידע איז בייגעשטאנען יעדעס מאל דעם נסיון**, און ווען ער איז נסתלק געווארן, זענען די צדיקים פון גן עדן אים געקומען מקבל פנים זיין מיט גרויס כבוד, און געזאגט **ככה יעשה לאיש שקיים מצות הכנסת אורחים וצדקה וחסד כאברהם אבינו ע"ה.**

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת מרים רחל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי מרדכי שפירא משפיטובקא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי משה מסלאוויטא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי פנחס בעל אמרי פנחס מקאריץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם אבא שפירא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי פנחס ב"ר משה** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי שלמה אב"ד סטאנוב** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי נתן נטע בעל מגלה עמוקות מקראקא** זי"ע.

ער איז געווען א צדיק און א איש קדוש ונורא מאוד, און א עניו גדול, ער איז געווען א גאון עצום בתורה ובהלכה, ער האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, און נישט געוואלט נעמען קיין קוויטלעך אפילו ער איז באמת געווען ראוי דערפאר, ער האט געדינט אלס דיין אין דעם בית דין פון הגה"ק **רבי הלל בעל משכיל אל דל מקולימייא** זי"ע.

אין ספר מכתם לדוד ברענגט ער א מעשה, וואס איז געווען מיטן טאטן הרה"ק רבי משה יוסף זי"ע, איין טאג איז געווען א סוחר פון שטאט בארדיטשוב וואס האט געוואלט מאכן א גרויסע געשעפט, אבער ער האט געברויכט האבן דערפאר **4000 רובל** וואס איז געווען א גאר גרויסע סכום בימים ההם.

בלית ברירה האט דער סוחר געשריבן א שטר מיט דעם נוסח "**אבקש להלוות סך ד' אלפים ר"ב, ועלי לשלם עד כלות שנה מיום דלמטה**", און ער האט אונטער געשריבן דעם שטר מיט די ווערטער, "**לי הכסף ולי הזהב נאם ד'**", און דער איד איז געגאנגען צום גביר רבי משה יוסף זי"ע, און געהאט אמונה אונעם גרויסן באשעפער אז ער וועט באקומען דעם הלוואה.

דער איד האט טאקע באקומען דעם הלוואה פון דעם גביר רבי משה יוסף, און ער האט מיט די געלט געמאכט דעם געשעפט און גאר שיין מצליח געווען, ווען עס איז געקומען דעם טאג וואס ער האט געברויכט באצאלן די געלט, איז דער גביר ר' משה יוסף נישט געווען אינדערהיים, האט דער איד געווארט אפאר טאג ביז דער גביר איז אהיים געקומען.

דאן איז דער איד גלייך געקומען מיט די גאנצע געלט צום שטוב פון ר' משה יוסף צו באצאלן דעם חוב, אבער דער גביר האט געזאגט פאר דעם איד, וואס זאל איך דיר זאגן, **דיין חוב איז שוין געווארן באצאלט, ווייל דער גרויסער באשעפער וואס האט אונטער געשריבן אויפן שטר, האט געשיקט ממש יענעם טאג פון די פרעון א גאר גרויסע געשעפט צו מיר, וואס פון דעם האב איך צוריק געמאכט דאס גאנצע געלט וואס די האסט גענומען פון מיר, און דערפאר ברויכסטו מיר שוין נישט באצאלן דעם חוב**, אבער אויב די ווילסט געבן דעם גאנצן געלט פאר צדקה אלס הכרת הטוב פארן גרויסע באשעפער, דאן קענסטו דאס טון.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת שיינא רחל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי חיים האגער בעל תורת חיים מקאסוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מנחם מענדל בעל אהבת שלום מקאסוב ווישניץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יעקב קאפיל חסיד** זי"ע, **מגדולי תלמידי הבעש"ט הקדוש** זי"ע.

מען דערציילט, אז זיין טאטע רבי משה יוסף זי"ע האט זיך אונטער גענומען ביים שידוך שליסן, **צו געבן א גרויסע נדן פאר די חתן כלה**, און דער טאטע האט געזאגט פארן מחותן דעם הייליגער תורת חיים מקאסוב זי"ע.

מיינט נישט אז צוליב וואס איר זענט פון א משפחה פון מיוחסים בישראל, דערפאר געב איך דעם נדן, ניין די סיבה פארוואס איך געב די נדן איז, **ווייל דער גרויסער באשעפער האט מיר ב"ה געגעבן עשירות, דערפאר וויל איך אויס האלטן דעם זון מיט זיין כלה**.

נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין שטאט **ברדיטשוב** נעבן זיין טאטן, און דאן איז ביי אים געווען תורה וגדולה במקום אחד, ער איז דאן געזעצן על התורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז דאן מפורסם געווארן מיט זיין גדלות בתורה, ער האט נישט געוואלט נעמען קיין פאסטן נאר געוואלט עוסק זיין בתורה מיט א ראויגקייט.

ליידער שפעטער איז דער טאטע געווארן א יורד ל"ע, און ער האט פארלוירען דאס גאנצע געלט און מער נישט געהאט דאס געלט צו אויס האלטן דעם זון אז ער זאל קענען זיצן און לערנען, דאן האט זיך דער גאון געצויגען קיין **קאסוב**, דארט האט ער זיך אריין געצויגען אינעם דירה פון זיין שווער דער הייליגער תורת חיים זי"ע וואס האט שוין דאן נישט געלעבט.

שפעטער האט ער זיך אריבער געצויגען צום שטאט **קאלאמייא** און דארט האט מען אים אויף גענומען אלס דומ"ץ פון שטאט, ער האט אויך געדינט אלס דיין אינעם בי"ד פונעם גרויסן גאון וקדוש הגה"ק **רבי הלל מקאלאמייא** זי"ע.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק **רבי פנחס אב"ד זעבליא** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי ברוך הלברשטאם מגארליץ** זי"ע
הרה"ק **רבי שמואל דוב מפעטריוועו** זי"ע, ער איז נסתלק געווארן **י"ז תשרי בשנת תרנ"ח**, דעם זעלבן טאג ווי זיין הייליגען טאטן זי"ע **מיט דריי יאר שפעטער**.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ז תשרי א' דחוה"מ סוכות בשנת תרנ"ה**, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט **קאלאמייא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**עס ווערט דערציילט**, אז אין שטאט קאלאמייא איז דער צדיק רבי יהושע אלעזר זי"ע געווען באוואוסט אלס א דיין וואס פלעגט שוקל זיין יעדן פסק מיט גרויס פחד נורא, מען פארציילט, אז ווען מען פלעגט קומען פאר אים מיט א דין תורה, פלעגט ער זיך קודם פארטראכטן בדביקות פאר א לענגערע צייט, זאגנדיג, **אז א דיין דארף פילן ווי א שווערד ליגט אים צווישן די קניען**.

איינמאל איז געקומען פאר אים א דין תורה פון צוויי גרויסע סוחרים, און איינער האט געוואלט ברענגען א שבועה, דער צדיק רבי יהושע אלעזר איז דערציטערט געווארן און אויסגעבראכן אין א געוויין מיט ביטערע טרערן, זאגנדיג מיט הארציגע מוסר-רייד, "**ווי אזוי קען א איד וועלן ניצן דעם הייליגן נאמען פון באשעפער פאר אפאר גילדן וואס בלייבן סיי-ווי אויף דער ערד**", די בעלי דינים זענען אזוי איבערגענומען געווארן פון זיין ערליכקייט און הייליגקייט, אז זיי האבן זיך תיכף דארט איבערגעבעטן און מוותר געווען איינער פארן צווייטן אן קיין שבועה און אן קיין שום מחלוקת.

• • •

**אלס מגיד מישרים און דיין אין שטאט קאלאמייא**, פלעגט ער צוציען צו זיינע דרשות גאר א גרויסע ציבור אידן, מען האט דערציילט, אז ער האט געהאט **דעם כח הדיבור פונעם סלאוויטער מגידות און דעם קאסובער ברען**, איבערהויפט אין די ימי הרחמים והרצון, ביים דאווענען פארן עמוד און ביים דרש'ענען שבת שובה, פלעגט דער גאנצער ביהמ"ד וויינען מיט ביטערע טרערן, און חסידים האבן דערציילט, אז מען האט געקענט שפירן אין זיין קול דעם כח פון זיין הייליגן זיידן רבי מרדכי משעפעטיווקא און דעם הייליגן סלאוויטער רב, וואס איז געווען מיט א תנועה פון תמימות צוזאמען מיט מסירת נפש פאר כבוד שמים.

• • •

**ס׳איז מקובל צווישן קאסובער און וויזשניצער חסידים**, אז כאטש דער צדיק רבי יהושע אלעזר זי״ע האט זיך שטענדיג באהאלטן אונטערן טיטל ״**דומ״ץ**״ און קיינמאל נישט געוואלט פרין קיין רבי׳סטעווע, פלעגן פשוט׳ע אידן גיין צו אים נאך ברכות אין שווערע צייטן, מען דערציילט, אז א איד וואס האט געליטן גרויסע רדיפות און ביטערע פרנסה-דרוק איז געקומען צו אים זיך אויסוויינען, רבי יהושע אלעזר האט אים אנגעקוקט מיט זיינע הייליגע אויגן און געזאגט, ״**מיין זיידע דער סלאוויטער צדיק האט געליטן יסורים און האט נישט פארלוירן דעם בטחון, גיי אהיים מיט אמונה און השי״ת וועט העלפן**״, און יענער איד האט דערציילט, אז נאך יענע וואך האט זיך זיין גאנצע מצב איבערגעדרייט לטובה אויף אן אופן העכערן נאטור.

• • •

**מען פארציילט**, אז ער האט געהאט א געוואלדיגע חביבות צו די הייליגע סלאוויטער דרוקן (די ש״ס׳ן און חומשים וואס זענען געדרוקט געווארן ביי זיינע זיידעס אין סלאוויטא), ער פלעגט זאגן, **אז אין יעדע אות ליגט קדושה און טהרה פון די הייליגע מדפיסים וואס האבן געגעבן זייער לעבן און בלוט פאר תורה**, ווען ער פלעגט עפענען א סלאוויטער גמרא, פלעגט ער עס קודם קישן מיט גרויס כוונה און ליבשאפט, און געזאגט, **אז די הייליגע אותיות לייכטן אריין אן אמת׳ע יראת שמים אינעם לערנער**.

• • •

**אין ספר קדוש ישראל ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי יהושע אלעזר זי״ע, וואס איז געווען אן איידעם ביי דעם הייליגן תורת חיים מקאסוב זי״ע, און זיין שווער אן איידעם ביים תורת חיים איז געווען הרה״ק **רבי ברוך האגער מוויזשניץ** זי״ע דער הייליגער בעל אמרי ברוך די פאטער פונעם הייליגען אהבת ישראל זי״ע.

דערציילט מען, אז כאטש רבי יהושע אלעזר איז געווען דער עלטערער איידעם און אליין געווען א גאון מופלג בש״ס ופוסקים, האט ער זיך געבויגן פארן שוואגער דער הייליגער אמרי ברוך מיט אן אויסערגעווענליכער ביטול, ווען דער הייליגער אמרי ברוך פלעגט קומען קיין קאלאמייא, פלעגט דער שוואגער רבי יהושע אלעזר שטיין פאר אים ווי א תלמיד פאר זיין רבין, און נישט געוואלט זיצן לעבן אים כאילו זיי זענען גלייך, און דער הייליגער אמרי ברוך פלעגט זאגן אויף אים, ״**מיין שוואגער דער קאלאמייער דיין איז פיל מיט תורה ויראה ביז די גארגל, אבער די ענווה באהאלט עס פון די אויגן פונעם המון עם**״.

• • •

**אין יענע יארן אין גאליציע פלעגן מחברים זוכן הסכמות פון גדולי הדור**, אבער דער צדיק רבי יהושע אלעזר איז געווען פון די איינציגע דיינים וואס פלעגן קיינמאל נישט געבן קיין הסכמה אן איבערקוקן דעם גאנצן ספר פון אנהייב ביזן סוף, מורא האבנדיג פאר מכשולות בהלכה.

ווערט געברענגט, אז א מחבר פון שו״ת ספרים האט געוואלט זיין הסכמה, און רבי יהושע אלעזר איז אפגעזיצן עטליכע וואכן דורך צו לערנען יעדע תשובה, ווען ער האט געטראפן איין פסק וואס איז געווען נוטה להקל קעגן א מגן אברהם אדער קעגן די מקובל׳דיגע מנהגים פון גאליציע, האט ער זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבן ביז דער מחבר האט עס פארראכטן, זאגנדיג, ״**א חתימה פון א דיין איז נישט קיין צעטל פראטעקציע, עס איז אן עדות פארן בית דין של מעלה אז די הלכה איז אמת לאמיתה**״.

• • •

**חסידים האבן פארציילט**, איבער זיין גרויס זהירות אין דינים און קדושת השבת, עס האט פאסירט אין א ווינטערדיגן פרייטאג צו נאכטס אין שטאט קאלאמייא, אינמיטן דער נאכט איז א פרוי געקומען צו לויפן צום דיין אין שטוב מיט א שאלה איבער א קראנק קינד, און מען האט געדארפט באשליסן צי מען מעג אנצינדן אן אויוון אדער טוהן מלאכות וואס זענען פארבינדן מיט חילול שבת פאר א חולה שאין בו סכנה וואס קען מעגליך צוקומען צו סכנה.

דער צדיק רבי יהושע אלעזר איז תיכף אויפגעשטאנען, און אנשטאט נאר פסק׳ענען פון דער ווייטנס, **האט ער אנגעטון זיין מאנטל און אליין געגאנגען אין דער פרעסט איבער די שנייאיגע גאסן ביז יענעם איד׳ס הויז כדי צו זען דעם מצב מיט די אייגענע אויגן**.

ווען די בעלי בתים האבן אים געפרעגט, פארוואס דער דיין מוז אליין גיין אינעם ביטערן

קעלט, האט ער געענטפערט מיט אן אמת'ער חסידישער תמימות, "**ביי פיקוח נפש און ביי הלכות שבת קען מען זיך נישט פארלאזן אויף השערות, און דער דיין דארף באמת שפירן די ווייטאג פון א צווייטן איד כאילו ס'איז זיין אייגן קינד**", ער האט דארט גע'פסק'נט קלאר וואס מען מעג טוהן, און געבליבן שטיין ביז מען האט אנגעווארעמט דאס הויז און דער קינד איז געקומען צו זיך.

• • •

**אין די מסורות פון בית קאסוב ווערט דערציילט**, אז ווען זיין שווער דער הייליגער תורת חיים זי"ע איז נאך געווען ביים לעבן, האט מען איינמאל פאר פסח גערעדט ביים טיש איבער חומרות און הידורים ביים באקן מצות, דער צדיק רבי יהושע אלעזר, וואס איז נאך דעמאלט געווען א יונגער תלמיד חכם אבער שוין באקאנט געווען מיט זיין טיפער בקיאות, האט זיך שטילערהייט אנגערופן מיט א הערה איבער א שיטה פון די ראשונים לגבי מים שלנו.

זיין שווער דער הייליגער תורת חיים זי"ע האט אים אויסגעהערט מיט גרויס נחת, און זיך אנגערופן צו די ארומיגע חסידים, **אז דער איידעם רבי יהושע אלעזר קוקט נישט נאר אין די פוסקים מיט די אויגן, נאר ער לעבט מיט די אותיות פון די שו"ע מיט זיין גאנצן הארץ**, ווייל דער שווער אפילו דער איידעם איז נאך דאן געווען גאר יונג, האט שוין דאן געזעהן זיין גדלות און זהירות בתורה.

• • •

**חסידים האבן דערציילט**, איבער זיין גרויסע כח התפילה און זיין פלא'דיגע השפעה אלס מגיד מישרים, איז געווען אין א זומער ווען עס איז געווען א שווערע טריקעניש אין די גאנצע געגנט פון קאלאמייא, און די תבואה אין די פעלדער האט אנגעהויבן צו פארטריקענט ווערן, די שטאטישע אידן זענען געווען אין גרויס זארג פאר א שווערן הונגער-יאר, און מען האט געבעטן פון רבי יהושע אלעזר ער זאל אויפטרעטן אין גרויסן בית המדרש מיט דברי כיבושין און מעורר זיין דעם עולם צו תשובה.

דער צדיק רבי יהושע אלעזר איז ארויף אויפן ארון קודש, און אנשטאט זאגן שארפע מוסר-רייד וואס שרעקט אפ דעם עולם, האט ער אנגעהויבן רעדן מיט אן אומגעהויערער ליבשאפט און הארציגקייט איבער די צער פון די אידישע קינדער און ווי שטארק השי"ת האט ליב יעדן איינציגן איד, ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין און געזאגט צום רבונו של עולם, **אז אפילו אויב די מענטשן זענען פשוט און האבן נישט קיין זכותים, זאל דער באשעפער קוקן אויף די קליינע קינדערלעך וואס האבן נישט געזינדיגט**.

דער גאנצער ביהמ"ד איז צוגאנגען אין טרערן צוזאמען מיט אים, און מען האט זיך תיכף געשטעלט דאווענען און זאגן תהילים צו איינרייסן פאר א ישועה, און מען פארציילט אז נאך איידער דער עולם איז ארויסגעגאנגען פון שול, האבן זיך שווארצע וואלקנס אראפגעלאזט אויף דער שטאט און א שטארקער רעגן האט אנגעהויבן צו גיסן וואס האט געראטעוועט די גאנצע געגנט, און יענע יאר איז געווען א גאר גרויסע השפעה אין די פעלדער.

• • •

**עס ווערט געברענגט איבער זיין געוואלדיגע הכנעה און ענווה** כלפי זיין שווער הרה"ק בעל תורת חיים מקאסוב זי"ע, ווען מען פלעגט זיך פירן אין קאסוב צו פארטיילן שיריים ביים הייליגן טיש, פלעגן אסאך חסידים זיך שטופען מיט התלהבות צו כאפן א שטיקל חלה אדער פלייש, דער איידעם דער צדיק רבי יהושע אלעזר, טראץ דעם וואס ער איז געווען א חשוב'ער איידעם און אן אנערקענטער דיין און מרביץ תורה, פלעגט שטענדיג שטיין פונדערווייטנס אין א ווינקל, אראפגעלאזט די אויגן צו דער ערד מיט א מורא'דיגן יראת הכבוד, **און קיינמאל נישט גענומען גארנישט אויב מען האט אים נישט גערופן ביים נאמען אדער ספעציעל געשיקט**.

דער הייליגער תורת חיים האט אים אמאל געזען שטיין אזוי באשיידן, האט ער אים גערופן צום אויבן-אן און אים דערלאנגט שיריים מיט די אייגענע הענט, זאגנדיג צו די ארומיגע, **אז דער איידעם רבי יהושע אלעזר פארשטייט דעם אמת'ן טייטש פון התבטלות, און אז ביי אים איז נישטא קיין שום פניות אדער זוכן כבוד**.

**יארצייט י"ח תשרי ב' דחוה"מ**

**הרה"ק רבינו נחמן ב"ר שמחה זי"ע, (בן פיגא)**
**בעל ליקוטי מהר"ן, מברסלב**

ער איז געבוירן אין שטוב פונעם זיידן **דער בעש"ט הקדוש** זי"ע אין שטאט **מעזיבוז**, **שבת קודש ר"ח ניסן בשנת תקל"ב**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי שמחה** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי נחמן מהורדנקא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יצחק מזלקאווא** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבינו יהודה ליווא בעל מהר"ל מפראג** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת פיגא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יחיאל מיכל אשכנזי מטולטשין** זי"ע, (הנקרא **דער דייטשעל** זי"ע), ואשתו **הרבנית הצדקת מרת אדל** ע"ה,
חתן הרה"ק **אור שבעת הימים מרן רבינו הבעש"ט הקדוש** זי"ע.

דער הייליגער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע איז געווען מפורסם אלס א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר ובתורת החסידות, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע פרישות און זיין געוואלדיגע התנהגות דקדושה, דער צדיק האט באמת נישט נהנה געווען פון די וועלט און געווען אפ געשיידט זיין גאנץ לעבן פון יעדן תענוג גשמי, עס איז באוויסט, אז דער צדיק האט דאס ביסל עסן וואס ער האט געגעסן כדי צו דערהאלטן זיין גוף קדוש לעבודת הבורא, **אראפ געשלינגען גאנצערהייט, כדי ער זאל נישט עקסטער הנאה האבן פון קיין דבר גשמי**, דער צדיק האט זיך גאר אסאך מסגף געווען בחייו, ער האט כסדר אפ געראכטן גלגול שלג און אויך אנדערע סיגופים, אבער אלעס איז געווען מיט א געוואלדיגע הסתר נאר מיט די ריינע כוונה למען שמו יתברך.

דער הייליגער צדיק רבי נחמן זי"ע האט זוכה געווען צו זיין גאר נאנט צו די געהויבענע תלמידים פון זיין זיידן דער הייליגער בעש"ט זי"ע, און דערפאר האט ער זוכה געווען צו מקבל זיין גאר אסאך סיפורי צדיקים, אבער דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען דווקא צו דערציילן די גרויסקייט און חשובות פון די עבודת השם פון די צדיקים הקודמים, און נישט געלייגט קיין שטארקע דגוש אויף קיין **מופתים**, ווייל די גדלות און קדושה פון א צדיק איז באמת וואס ווייזט די גרויסקייט פון א צדיק אמת, און די הייליגע תלמידים האבן מעיד געווען, אז דער הייליגער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט מתפלל געווען, **אז ווען ער באווייזט א מופת, זאלן די מענטשן פארגעסן פונעם מופת, ווייל ער האט באמת געגלייבט, אז די איינציגסטע מטרה פון א איד איז תורה און עבודת השם**.

דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע **אמונה פשוטה** אינעם גרויסן באשעפער, ער האט זיין עבודת השם געטון מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, אבער דער צדיק האט מקפיד געווען אז מען זאל דינען דעם באשעפער מיט א שמחה עצומה, און ביי דעם צדיק האט קיינמאל נישט געהערשט קיין עצבות, דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, ער האט יעדן איד ליב געהאט אהבת נפש און מלמד זכות געווען אויף יעדן איד אפילו גאר שוואכע, ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען צו מחזיר בתשובה זיין אידישע נשמות צום הייליגען בורא עולם, אבער אלעס איז געווען מיט אן אהבת יתירה, ווי עס איז באקאנט די ווארט וואס דער צדיק האט געזאגט בזה"ל, **"אם אתה מאמין שיכולים לקלקל, תאמין שיכולים לתקן", אויב א איד גלייבט אז מען קען ח"ו מקלקל זיין, גלייב אז מען קען אויך מתקן זיין"**, ורבים השיב מעון.

ווען דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז נסתלק געווארן בשנת תק"ך, איז די הויז פונעם הייליגען בעש"ט אריבער בירושה צו די טאכטער הצדקת מרת אדל ע"ה, וואס האט דאס שפעטער אוועק געגעבן פאר איר טאכטער הצדקת מרת פיגא מיט איר מאן הרה"ק רבי שמחה בן הרה"ק רבי נחמן מהורדענקא זי"ע.

און טאקע אין דעם הייליגען שטוב פונעם זיידן איז דער קינד געבוירן געווארן **שבת קודש ר"ח ניסן**, און די ברית איז פארגעקומען די קומענדיגע שבת, שבת הגדול מיט די באטיילונג פון די פעטערס פונעם קינד הרה"ק **רבי ברוך ממעזבוז** זי"ע און הרה"ק **רבי משה חיים אפרים בעל דגל מחנה אפרים מסדילקוב** זי"ע, וואס ווי עס

איז באקאנט האבן די צוויי ברודער מעיד געווען אויף די צדקות און ערליכקייט פון זייער שוועסטער, און די 2 הייליגע ברודער'ס האבן גערופן די שוועסטער פיגא מיטן צו נאמען, "**פיגא די נביאה**".

נאכן ברית איז די מאמע די צדקת מרת פיגא ע"ה צו געגאנגען צו איר הייליגע ברודער רבי ברוך'ל ממעזיבוז זי"ע מיט דער קינד אין די הענט בעטן א ברכה, אז דאס קינד זאל אויסוואקסן א גדול בתורה ויראת שמים און זאל דינען דעם גרויסן באשעפער מיט א אמת, אויך האט די מאמע געבעטן א ברכה פון די ברודער, אז מען זאל נישט קריגן אויף זיין דרך, דער ברודער דער הייליגער צדיק רבי ברוך'ל האט טאקע געגעבן א ברכה פארן קינד, אינמיטן איז ער געווארן שטארק פארטראכט, און זיך אנגערופן, **אז נישט קריגן אויף זיין דרך קען ער נישט צוזאגן**.

די הייליגע תלמידים האבן דערציילט, די סיבה פארוואס מען רופט דעם צדיק רבי נחמן זי"ע מיט זיין מאמע'ס נאמען, "**רבינו נחמן בן פיגא**", דאס איז, ווייל נאך פאר ער איז געבוירן געווארן, פלעגט זיין מאמע גיין כסדר צום ציון הקדוש פונעם זיידע דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, זיך אויסבעטן אז דאס קינד זאל אויסוואקסן א צדיק און א ירא שמים און דינען דעם באשעפער מיט א אמת, האט דער צדיק רבי נחמן געבעטן, אלס הכרת הטוב פאר זיין מאמע, "**פיגא בת אדל בת הרה"ק אור שבעת הימים רבי ישראל בעש"ט זי"ע**", זאל מען אים מזכיר זיין מיט די מאמע'ס נאמען.

שוין פון אלס גאר יונג קינד איז דער צדיק געווען באוויסט אלס א גאון בתורה און א חריף און בקי בתורה, מען האט שוין דאן געזעהן אז דא וואקסט א ילד הפלא און א גאר קלוג קינד, שוין דאן האט דער קינד עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה נפלאה, דער צדיק האט ווי באוויסט נישט געהאט באמת קיין רבי אדער מורא דרך וואס האט אים אריין געברענגט אין תורה און אינעם דרך אין עבודת השם, דער צדיק איז געווען איינע פון די יחידים בדורו און אפילו נאך זיין דור, וואס האט זיך מיט זיין אייגענע כוחות ארויף געברענגט צו גאר א הויכע מדרגה אין תורה עבודת השם און גאר גרויסע קדושה.

דער צדיק האט שוין פון אלס קינד פון 3 יאר אלט עוסק געווען אין סיגופים נפלאים און צובראכן זיינע תאוות גשמיות מיט א מסירת נפש ממש, ער האט שוין דאן אלס קינד אנגעהויבן מיט זיין געהויבענע דרך אין עבודות השם, פון מאכן התבודדות און השתפכות הנפש און רעדן און בעטן דעם גרויסן באשעפער אויף יעדע זאך, און מיט דעם דרך איז דער צדיק גאר שנעל געוואקסן אין תורה און צו געקומען צו גאר געהויבענע מדריגות אין דינען דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, און דאס האט ער שפעטער איבער געגעבן פאר זיינע תלמידים, אז א איד ברויך אייביג האבן א קשר מיטן באשעפער און רעדן צום באשעפער נישט קיין חילוק ווי א איד שטייט, ווייל דער באשעפער הערט אויס יעדן איד און וויל משפיע זיין קדושה און גוטס פאר א איד.

וויבאלד דער צדיק איז אויפגעוואקסן אין שטוב פונעם זיידן דער הייליגער בעש"ט זי"ע, איז אים כסדר אויס געקומען שוין פון אלס קליין קינד, צו זעהן די הייליגע תלמידי בעל שם וואס פלעגן כסדר קומען קיין מעזיבוז אין דעם זעלבן הויז ווי בחיים חיותו האט דער הייליגער בעש"ט דארט געוואוינט, אזוי אויך האט ער זיך אנגעזאפט מיט דברי אלקים חיים פון די הייליגע תלמידים און געהערט אסאך סיפורי צדיקים פון זיי, אין די שפעטערע יארן האט דער צדיק רבי נחמן אסאך משבח געווען דאס הערן סיפורי צדיקים און געזאגט אויף זיך, **אז דאס האט אנגעצינדען אין זיין הארץ א ברען צו עבודת השם**.

שוין פון אלץ קליין קינד האט רבי נחמן אנגעהויבן דינען דעם באשעפער און געזוכט קרבת אלקים, און אזוי ווי דער ערשטער סעיף אין שו"ע איז **שויתי י-ה-ו-ה לנגדי תמיד**, האט רבי נחמן פראבירט צו אינזין האבן דעם שם פונעם באשעפער שטענדיג, און דערפאר איז אויס געקומען, אז זיצענדיג ביים מלמד האט ער נישט מיט געהאלטן די לימודים, ווייל ער איז געווען (כאילו) פאר'חלומ'ט אין זיין הייליגע עבודה, דער מלמד האט זיך געבייזערט אויף אים, אבער דער צדיק רבי נחמן פלעגט געבן פארן מלמד פון די טאשן געלט וואס זיין מאמע פלעגט אים געבן, 3 רובל פאר יעדן בלאט גמרא וואס דער מלמד האט געלערנט מיט איהם.

בנוגע די געוואלדיגע התמדת הלימוד פונעם צדיק רבי נחמן זי"ע ווערט דערציילט, אז שוין אלס קינד האט ער אנגעהויבן מיט **משניות**, און לערנענדיג אליין האט ער בכלל נישט פארשטאנען וואס די משנה זאגט, פלעגט רבי נחמן אסאך וויינען צום באשעפער ער זאל זוכה זיין צו וויסן און פארשטיין וואס די משנה זאגט, ביז ער האט טאקע פארשטאנען, און אזוי האט ער געטון מיט די קומענדיגע לימודים **גמרא, רש"י תוספות, שולחן ערוך, זוהר וכתבי אר"י און נאך**, און אויף דער דרך פלעגט ער אויך אסאך בעטן דעם אויבערשטן און וויינען אז ער וויל זיין א הייליגע און ערליכע איד, און אסאך געבעטן אויף יעדע מידה באזונדער, און בכלל איז דאס געווען זיין הנהגה אויף אלעס וואס ער האט געוואלט אנקומען צו.

ביי די 13 יאר אלט האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת סאשיה** ע"ה,
בת **הגביר רבי אפרים מהוסיאטין** זי"ע.

זיין שווער רבי אפרים איז געווען א גרויסער בעל מכניס אורח און אסאך גרויסע צדיקים זענען איינגאשטאנען ביי אים אינדערהיים, און דער צדיק איז געווען אויף קעסט ביים שווער פאר אפאר יאר, דארט האט דער צדיק רבי נחמן זיך געפירט זייער באהאלטן, ער פלעגט זיך שפילן מיט די בחורים/קינדער פון זיין יארגאנג, אבער באהאלטענערהייט האט ער געדינט דעם באשעפער מיט א התלהבות עצומה, און קיינער אויסער די רעבעצין האט נישט געוואוסט, אפילו זיין שווער האט אויך נישט דאן געוויסט די גדלות בתורה און קדושה פון זיין גרויסן איידעם.

אלס פרישער אינגערמאן זייענדיג נאר 13 יאר אלט, ווען ער האט געוואוינט אין דעם שטעטל **הוסיאטין** אויף קעסט ביי זיין שווער, פלעגט ער אסאך מאהל גיין צום טייך ביים עק פון שטאט, און זיך אריין זעצן אין א שיפל און אויף בינדן דעם שיף, די שיף האט זיך גענומען שווימען אין טייך אריין, און דארט אויפ'ן שיף האט רבי נחמן געהאט זיין התבודדות און אסאך געשריגן צום באשעפער, אין די שפעטערע יארן האט רבי נחמן גזאגט, אז דארט אויפן שיף האט ער זיך אויסגעלערנט וואס מיינט דאווענען מיט א אמת צום באשעפער, ווייל זייענדיג אליין אויף דעם שיף אינמיטן די וואסער, און נישט וויסענדיג וויאזוי מען פירט א שיף, האט ער שוין איינמאהל געשריגן מיט א אמת צום באשעפער אז די שיף זאל זיך צוריק שווימען.

איינמאל איז געקומען צום שווער באזוכן א עלטערע חשובע איד א תלמיד פונעם הייליגען מזריטשער מגיד זי"ע, און דער שווער נישט וויסענדיג די גדלות פון זיין גרויסן איידעם רבי נחמן, האט זיך אפגערעדט פאר דעם איד אויף זיין איידעם און געזאגט, **געמיינט האב איך אז ער איז א גרויסער יחסן א אייניקל פון בעש"ט און רבי נחמן הורדענקער, און נאך אנדערע צדיקים, אבער ער לערנט נישט, און דאווענט נישט, ער איז ממש אן עם הארץ**.

דער איד האט נישט געגלייבט וואס ער הערט, האט ער צו געריפן דעם איידים רבי נחמן און פארהערט, דער איד האט ארויס גענומען א בבא קמא גמרא, און עס האט זיך אויפגעמאכט ביי פרק ב' ביי די משנה, "**הכלב והגדי שקפצו מראש הגג**", און דער איד האט געפרעגט פון רבי נחמן פשט אין די משנה, האט דער צדיק רבי נחמן געליינט ווי פאלגענד, "הכ**לב והגדי שקפצו, א כלב און א גדי וואס האבן געטאנצען א מארטש**".

דער איד האט זיך זייער אויפגערעגט, און דערלאנגט פאר רבי נחמן א פאטש אין פנים, און דערביי אים אנגעזידלט, היתכן, דו שעמסט זיך נישט, די בוסט א אייניקל פון בעש"ט הקדוש און נאך צדיקים, און דיין שווער האט זיך געלאזט קאסטן א גרויסן נדן ווייל די ביסט א יחסן, אבער לערנען לערנסטו נישט קיין אות אחת און דו דאווענסט נישט, ווי אזוי פאסט דאס פאר א יחסן ווי דיר זאל זיך אזוי אויפירן, דער צדיק רבי נחמן האט גארנישט געענטפערט, נאר דער צדיק האט געוויינט און געוויינט מיט ביטערע טרערן.

אפאר טאג דערנאך איז דער איד אהיים געפארן, און ער האט געברויכט דורך גיין א וואלד, טיף אין וואלד הערט ער קולות און יללות, איז ער נאך געגאנגען דעם קול זעהן וואס גייט פאהר, אפשר קען ער עפעס העלפן, ביז ער האט געזען א איד איינגעוויקלט און טלית און א פארדעקטע פנים און דער איד דאווענט מיט קולות וברקים ונעימה יתירה, האט ער אויף געהויבן דעם טלית, און צו זיין וואונדער האט ער געזעהן, **אז דאס איז**

**דער אינגער רבי נחמן וואס ער האט אפאר טעג צוריק אנגעזידלט און געשלאגן.**

אבער דער אינגערמאן רבי נחמן איז געווען אזוי פאר'דבק'ט, אז ער האט גארנישט געשפירט אז איינער האט אויף געדעקט זיין פנים, האט דער איד צו געווארט ביז רבי נחמן האט געענדיגט דאווענען, און ער האט זיך געבעטן ביי איהם אז ער זאל איהם מוחל זיין, האט רבי נחמן מסכים געווען צו מוחל זיין אויף די בזיונות, אבער נאר מיט איין תנאי, **אז ער וועט קיינעם נישט דערציילן וואס ער האט דא געזעהן כל זמן ער רבי נחמן לעבט**, דאס איז געווען זיין עניוות און זיין געוואלדיגע דרך אין עבודת השם, אז ער האט באמת נישט געוואלט אז מען זאל וויסן זיין גדלות און קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט.

אזוי ווי פריער דערמאנט, האט דער צדיק וקדוש רבי נחמן חתונה געהאט ביי די 13 יאר אלט, ביום חופתו ביי שחרית האט ער אנגעטראפן א עלטערע אינגערמאן מיטן נאמען רבי שמעון, און דער חתן האט געכאפט א שמועס מיט דעם רבי שמעון בתכלית מה חובת האדם בעולמו, און זיי האבן פארברענגט אין דעם שמועס א גאנצן טאג ביז צו די חופה.

דער רבי שמעון איז דעמאלסט נאך דעם שמועס געווארן דער ערשטער חסיד פונעם צדיק רבי נחמן מברסלב, און איז אויך געווען זיין משמש פאר יארן, און דער רבי שמעון האט עטליכע מאל געבעטן פון זיין גרויסן רבין, אז רבי נחמן זאל אים צו זאגן אז ער וועט זיין משמש אויך לעתיד לבוא, אבער רבי נחמן האט דאס נישט געוואלט אים נאך געגעבן, ביז איינמאל איז געווען א מעשה פון **מסירות נפש** פון רבי שמעון, און דעמאלט האט רבי נחמן אים צו געזאגט, **אז ער וועט אים קענען משמש זיין אויך לעתיד לבוא.**

עס ווערט דערציילט גאר אסאך מעשיות וואס ברענגען נאר אביסל ארויס די הייליגע עבודה און הארעוואניע פונעם צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע, ווי ער האט יעדע מינוט פון זיין לעבן געהארעוועט צו נענטער ווערן צום גרויסן באשעפער, אבער מיט דעם אלעם האט ער עטליכע מאל געזאגט און זיינע שפעטערע יארן, **אז מען קען אנקומען צו די אלע מדריגות אסאך גרינגער מיט תפילה און התבודדות אליין**, און נאך מער האט דער צדיק וקדוש רבי נחמן געזאגט, **אז ווען ער וואלט אין די אינגערע יארן געוואוסט ווי שטארק די כח התפילה איז, וואלט ער זיך נישט אזויפיל מסגף געווען זיין גוף, נאר וואלט אויס גענוצט די צייט צו מתפלל זיין און נענטער ווערן צום גרויסן באשעפער.**

ווי באקאנט איז תפילה און התבודדות געווען פון די שטערקסטע עבודות אין ברסלב, און דאס האט דער צדיק וקדוש רבי נחמן אוועק געשטעלט פאר זיינע תלמידים דאן און אויך לדורות עולם, אז עס איז אויך פאר פשוטע מענטשן, און אז יעדער קען אנקומען צו די העכסטע מדריגות, דורך אמת'דיג מתפלל זיין און זיך מתבודד זיין און רעדן צום גרויסן באשעפער.

אמאל האט דער צדיק רבי נחמן געהערט, ווי זיינע מענטשן רעדן צווישן זיך אויף די גרויסקייט פון זייער רבי, און זיי האבן געזאגט, אז עס מוז זיין אז ער איז אנגעקומען צו זיינע מדריגות ווייל ער האט א הויכע נשמה און ער איז א יחסן, האט רבי נחמן זיך אנגערופן און געזאגט, אז נישט וועגן זיין נשמה אדער ייחוס איז ער אנגעקומען צו די אלע מדרגות, נאר ווייל ער האט גאר אסאך געהאראוועט און מתפלל געווען, און אז יעדער איד אפילו א גאר פשוטע איד קען אויך אנקומען צו די מדריגות.

זיין התמדת התורה איז געווען עד אין לשער, דער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע האט קיינמאל נישט גע'בטל'ט קיין צייט, אויף אזוי ווייט, אז ווען ער פלעגט קומען אין שוהל צו שחרית, ביז מען האט זיך געגרייט צו דאווענען און מען האט זיך למעשה געשטעלט דאווענען, **האט דער צדיק שוין אריין געכאפט לערנען 4 דפים שולחן ערוך.**

אין שיחות הר"ן אות ע"ו ווערט אויסגערעכנט מער פון דעם צדיק'ס געוואלדיגע התמדת התורה, אבער דער עיקר זעהט מען וואס ער האט געפאדערט פון זיינע מענטשן, איז דאס איז געווען צו לערנען יעדן טאג, און דארט אין שיחות הר"ן שטייט בזה"ל, "**וּפַעַם אֶחָד חִשֵּׁב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מַה שֶּׁהָאָדָם צָרִיךְ לִלְמֹד בְּכָל יוֹם עַד שֶׁאֵין הַיּוֹם מַסְפִּיק. דְּהַיְנוּ לִגְמֹר בְּכָל שָׁנָה שַׁ"ס עִם הָרִי"ף וְהָרֹא"שׁ, וְאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן־עָרוּךְ הַגְּדוֹלִים, וְכָל**

**הַמִּדְרָשִׁים כֻּלָּם, וְכָל סִפְרֵי הַזֹּהַר וְתִקּוּנִים וְזֹהַר חָדָשׁ, וְכָל סִפְרֵי קַבָּלָה מֵהָאֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה".**

מען זעהט די לשון וואס דער צדיק האט געזאגט "**עַד שֶׁאֵין הַיּוֹם מַסְפִּיק**", און דער צדיק האט טאקע געמיינט צו זאגן כפשוטו, אז א מענטש זאל האבן קביעות עיתים לתורה און אויך א ציל וויפיל צו לערנען, און ער זאל זיך שטעלען א ציל וואס ער קען עס כמעט נישט אניאגן, און אזוי אויף דעם דרך פלעגט דער צדיק טאקע טון, אפילו ווען ער האט שוין געהאט א עדה חסידים, און ער איז געווען פארנומען מיט זיינע מענטשן, האט ער כסדר געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה.

אויך האט דער הייליגער צדיק רבי נחמן זי"ע געהאט אן עבודה גדולה אין זיך אויף פירן מיט א געוואלדיגע פשטות, און ער האט דאס אריין געברענגט ביי זיינע תלמידים, ווי צום ביישפיל אין לקוטי מוהר"ן תורה ק"ד (תנינא) שטייט **הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת שֶׁל סְתָם בְּנֵי־אָדָם, הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים, וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים, כְּדֶרֶךְ הֲהָמוֹן־עַם הַכְּשֵׁרִים. וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת, וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי־שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת, כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, כַּמְּבֹאָר אֶצְלֵנוּ כְּבָר כַּמָּה פְּעָמִים. וְגַם הוּא בְּעַצְמוֹ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, קֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לוֹ הַחוֹלַאַת הַכָּבֵד שֶׁנִּסְתַּלֵּק עַל־יָדוֹ, קֹדֶם לָזֶה, כָּל יָמָיו הָיָה מְזַמֵּר זְמִירוֹת הַרְבֵּה בְּכָל שַׁבָּת וְשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי־שַׁבָּת.** ווייל זיין עבודה איז געווען בתמימות און מיט א געוואלדיגע פשטות.

בשנת תק"ן נאכן פטירה פון זיין שווער, האט זיך דער צדיק רבי נחמן אריבער געצויגן צום שטאט **מדבדיבקה**, דארט האבן זיך שוין גאר אסאך אידן יראים ושלימים מדבק געווען אינעם צדיק און זענען געקומען מקבל זיין א דרך אין עבודת השם, דער צדיק האט מיט א מסירת נפש דארט געדינט דעם באשעפער און עוסק געווען בתורה און אויך אין זיין גרויסע עבודה פון התבודדות בשם, און דאס האט ער אריין געלייגט אין די אידן וואס זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודה, און ווי באלד די דרך פונעם צדיק איז דאן געווען א חידוש בעולם החסידות, האט דאס ארויס גערופן התנגדות פון אסאך צדיקי הדור.

אבער דער צדיק האט זיך פאר גארנישט אפ געשטעלט וויסענדיג אז ער ארבעט זיך אליין צו ברענגען נענטער צום גרויסן באשעפער, און אויך האט ער מיט דעם דרך אסאך אידן מקרב געווען צום באשעפער און זיי ארויף געברענגט צום דרך האמת ווי אזוי מען ברויך דינען דעם באשעפער, אבער ווי עס איז באקאנט האבן רוב גדולי הדור שפעטער מודה געווען, אז דער צדיק איז געווען א עובד השם באמת און האבן שפעטרע יארן מפליא געווען זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט.

דער הייליגער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט געהאט גרויס השתוקקות און מסירות נפש אנצוקומען קיין ארץ ישראל, און טאקע בשנת תקנ"ט האט דער צדיק מחליט געווען און זיך ארויס געלאזט אויפן וועג קיין ארץ ישראל, קודם איז דער צדיק אנגעקומען קיין **איסטנבול**, און דארט האט זיך דער צדיק אויף געהאלטן פאר א שטיק צייט, ערב ראש השנה בשנת תקנ"ט איז דער צדיק אנגעקומען קיין **חיפה**.

ווי עס ווערט געברענגט פון די תלמידים, האט דער צדיק שפעטער דערציילט, **אז ער האט דארט אין ארץ ישראל גאר אסאך אויף געטון אין דברים נשגבים**, און ווי דער צדיק האט זיך כמה פעמים אליין אויס גערדיקט ווען ער איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל איבער די גרויסקייט פון זיין אין ארץ ישראל, ווי מען זעהט ווי דער צדיק דריקט זיך אויס בזה"ל, "**כל מקום שאני הולך, אני הולך לארץ ישראל**", אויך האט דער צדיק זיך איינמאל אויס גערדיקט בזה"ל, "**מי שרוצה להיות יהודי, אי אפשר כי אם על ידי ארץ ישראל**".

אויך קען מען זעהן דאס חביבות פונעם צדיק צו ארץ ישראל, ווי דער צדיק האט שפעטער מסביר געווען פאר די תלמידים, אז אלע זיינע מדריגות האט ער משיג געווען דארט אין ארץ ישראל, און מען דערציילט, אז אזוי ווי דער צדיק איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און געגאנגען ד' אמות אין ארץ ישראל, האט ער געזאגט פאר זיין משמש, **אז ער איז שוין גרייט אהיים צו פארן, ווייל**

**ער האט שוין משיג געווען די הויכע מדריגות וואס ער האט געוואלט משיג זיין.**

נאכן צוריק קומען פון ארץ ישראל איז דער צדיק קודם צוריק געפארן קיין **מדבדיבקה**, און נאך א יאר האט זיך דער צדיק אריבער געצויגן קיין **זלאטיפאלע**, דארט אין שטאט האט דאן געוואוינט דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע, אבער ליידער האט דארט אויס געבראכן א מחלוקה צווישן רבי נחמן און די חזנים פון שטאט, און דאס האט געמאכט א שטיקל פירד צווישן דעם צדיק רבי נחמן און דער הייליגער שפאלער זיידע, אבער צדיקים האבן מעיד געווען, אז דאס איז געווען העכערע זאכן וואס אונז פשוטע מענטשן קענען נישט משיג זיין, ובמקום גדולים על תעמוד, און די צדיקים בדורו האבן מעיד געווען, אז דער הייליגער שפאלער זיידע האט אליין מעיד געווען אויף הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע, **אז ער איז א צדיק וקדוש**.

בערך בשנת תקס"ב האט זיך דער צדיק רבי נחמן געצויגן צום שטאט **ברסלב**, און דארט האט דער צדיק אנגעהויבן פירן זיין חסידות וואס איז ביז היינט באקאנט אלס איינע פון די גרעסטע חסידות'ער, דארט האבן זיך אנגעהויבן מדבק זיין צום צדיק אידן גדולים וקדושים בדורו ובתוכם איז געווען איינע פון זיינע גרעסטע תלמידים הרה"**ק רבי נתן שטערנהרץ הנקרא בפי כל ר' נתן מברסלב** זי"ע, און דארט האט דער צדיק געוואוינט כמעט ביז צו זיין הסתלקות, און עס איז מקובל אז דארט אין שטאט ברסלב האט דער צדיק איבער געגעבן גאר אסאך דרשות און שיחות וואס זענען שפעטער פארשריבן געווארן דורך זיין גרויסן תלמיד רבי נתן מברסלב זי"ע, אויך איז מקובל די מנהג, אז די תלמידים זענען געקומען בקביעות צו זייער רבין רבי נחמן מברסלב זי"ע אויף דריי זמנים אין יאר, **ראש השנה**, **שבת חנוכה**, **שבועות**, וואס די דריי זמנים זענען געווען גאר געהויבענע זמנים ביים צדיק.

נאכדעם וואס דער צדיק רבי נחמן איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל, האט דער צדיק אנגעהויבן רעדן און טוהן אין **תיקון נשמות**, אזוי אויך האט ער אנגעהויבן רעדן וועגן דעם עניין פון **תיקון הכללי**, אויף דעם עניין פון תיקון הכללי האט רבי נחמן געזאגט, אז אסאך צדיקים האבן עוסק געווען אין דעם עניין צו ברענגען א תיקון פאר די וואס דארפן עס, אבער זיי זענען נישט אנגעקומען צו דעם בשלימות, אבער ער האט זוכה געווען דערצו צוליב זיין עבודת הקטנות ומסירת נפש, און צוליב וואס ער האט ליידער פארלוירן די ווייב און עטליכע קינדער יונגערהייט רח"ל.

אויך נאכן צוריק קומען פון ארץ ישראל האט דער צדיק אנגעהויבן רעדן פון דעם עניין פון **ראש השנה**, וואס כידוע איז ראש השנה געווען די העכסטע זמן ביים צדיק וקדוש רבי נחמן זי"ע, און ער האט געזאגט אז, "**קיין גרעסערס דערפון איז נישט דא ווי צו זיין ביי מיר אויף ראש השנה**", אויך האט דער צדיק געזאגט, "**ראש השנה דארפן אלע זיין**", און דער הייליגער צדיק רבי נחמן האט געזאגט, אז דעם עניין פון ראש השנה האט ער באקומען א מתנה פונעם באשעפער, און אז ער האט דאס נישט באקומען בירושה אדער דורך עבודות און השגות, נאר דער גרויסער באשעפער האט דאס אים געגעבן א מתנה אז ער זאל ווייסן וואס ראש השנה איז, און דער צדיק רבי נחמן האט געזאגט, **אז אפילו נשמות וואס ער קען נישט מתקן זיין א גאנץ יאהר, איז ער ראש השנה אלעמען מתקן**.

עס איז געבליבן אסאך דברי תורה און חיבורים נפלאים פון דעם צדיק ובתוכם.

**ספר ליקוטי מוהר"ן, תורותיו,**
**ספר המידות, ערכים על ספרות חז"ל,**
**סיפורי מעשיות, סיפורי צדיקים סיפור ע"י רבינו זי"ע משנים קדמוניות,**
**שיחות הר"ן, קובץ שיחות מרבינו זי"ע,**
**מגילת סתרים, לגבי ביאת המשיח,**
**הספר הנשרף והסתר הגנוז,**
**סדר תיקון הכללי, ליקוט של עשרה פרקים מספר תהילים,**
**שבחי הר"ן, שבחיו של רבי נחמן זי"ע,**
**חיי מוהר"ן,**
**ליקוטי עצות.**

ער האט געהאט זיינע הייליגע קינדער.

בתו **הצדקת מרת אדל** ע"ה, בזיווג ראשון אשת הרה"**ק רבי יוסף יוסקא אויערבאך** זי"ע, בן הרה"ק **רבי אברהם דב מחמלניק** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי**

**יעקב יוסף בעל תולדות יעקב יוסף מפולנאה** זי"ע, בזיווג שני אשת הרה"ק **רבי יצחק אייזיק רובין מדוברובנה** זי"ע,

בתו **הצדקת מרת שרה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי יצחק אייזיק רובין מדוברובנה** זי"ע,

בתו **הצדקת מרים** ע"ה, נתארסה להרה"ק **רבי שמואל ב"ר משה** זי"ע, בן הרה"ק **רבי מנחם מענדל מוויטעפסק** זי"ע, אבל נפטר קודם החתונה, אשת הרה"ק **רבי פנחס פייבוש הורוויץ** זי"ע, בן הרה"ק **רבי לייבוש מוולוצ'סיק** זי"ע,

בתו **הצדקת מרת חי'** ע"ה, בזיווג ראשון אשת הרה"ק **רבי זלמן לוברסקי מקרמנצ'וג** זי"ע, ובזיווג שני אשת הרה"ק **רבי אהרן קלוצקער** זי"ע, **נכד הבעל התניא** זי"ע,

בתו **הצדקת מרת פיגא** ע"ה, נפטר בילדותה,

בנו **הצדיק שלמה אפרים** ע"ה, נפטר בילדותו,

בנו **הצדיק יעקב** ע"ה, נפטר בילדותו.

ליידער האט דער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע גאר אסאך צער מיט געמאכט אין זיין לעבן, קודם האט ער ליידער פארלוירן זיין רעבעצין די צדקת יונגערהייט, דערנאך האט דער צדיק פארלוירן קינדער יונגערהייט, אויך האט דער צדיק גאר אסאך מיט געמאכט צער און יסורים נוראים, אבער דאס אלעס האט דעם צדיק בכלל נישט מבטל געווען פון זיין עבודת הקודש, דער צדיק האט זיין גאנצע לעבן געלעבט מיט זיין שטארקע אמונה אינעם גרויסן באשעפער און דאס אלעס איז געווען מיט א שמחה עצימה.

ליידער די לעצטע יארן האט דער צדיק וקדוש מיט געמאכט גאר שווערע יסורים, אבער די גאנצע צייט האט דער צדיק מצדיק געווען דעם דין און געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט א שמחה, פאר בערך 8 חדשים האט זיך דער צדיק געצויגן קיין **לעמבערג** לצורך רפואה, אבער ליידער האבן די דאקטורים נישט געקענט העלפן דעם צדיק, אויך האט דאן באטראפן דעם צדיק נאך א צרה, **ווען זיין ביהמ"ד און זיין הויז איז ליידער ארויף אין פלאמען אין שטאט ברסלב און אינגאנצן חרוב געווארן.**

דאן האט זיך דער צדיק די לעצטע יאר בחייו אריבער געצויגן צום שטאט **אומאן**, און דארט האט דער צדיק ווייטער געפירט זיין חסידות מיט זיינע גרויסע תלמידים, ווערט דערציילט, אז אפאר יאר בעפאר דער צדיק האט זיך געצויגן קיין אומאן, איז ער אמאל דורך דעם שטאט, און דאן האט דער צדיק דערציילט, **אז בערך 70 יאר צוריק האבן די רשעים די קאזאקין ימ"ש אפ געראכטן א שרעקליכע שחיטה אין דעם שטאט אומאן, און זיי האבן רח"ל אויס גע'הרג'ט 30 טויזענט אידן צדיקים וקדושים, און די צדיקים זענען געקומען לקבר ישראל אין א קבר אחים אויפן ביה"ח אין שטאט אומאן, און דער צדיק האט דאן קלאר געזאגט, אז ער וויל אויך דארט ליגן לאחר מאה ועשרים.**

ווי באקאנט איז דאס חסידות ברסלב דאס איינציגסטע חסידות וואס די רבי האט נישט איבער געלאזט קיין ממלא מקום וואס זאל ווייטער פירן דאס רבנות, אבער בדרך נפלא האט זיך דאס חסידות פארשפרייט נאכן הסתלקות פונעם צדיק צו איינע פון די גרעסטע חסידות'ער אין די וועלט, זיין דרך אין עבודת השם איז נתקבל געווארן אין די גאנצע וועלט, און טויזענטער אידן ווערן טאג טעגליך נתקרב צום גרויסן באשעפער מיטן כוח של אותו זקן דער הייליגער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע.

און ווי די צוואה וואס דער הייליגער צדיק רבי נחמן זי"ע האט איבער געלאזט בזה"ל, **"הראש השנה שלי עולה על הכל. והיה פלא אצלי, מחמת שהמקורבים אלי מאמינים לי, ולמה לא יזהרו כל האנשים המקורבים אלי שיהיו כולם על ראש השנה, איש לא יעדר, כי כל עניין שלי הוא רק ראש השנה. והזהיר לעשות כרוז שכל מי שסר למשמעתו ומקורב אליו יהיה על ראש השנה אצלו, לא יחסר איש. ומי שזוכה להיות על ראש השנה ראוי לו לשמוח מאוד מאד. "אכלו מעדנים ושתו ממתקים כי חדוות ה' היא מעוזכם" וזה נאמר על ראש השנה". ועוד הוסיף, "לא מבעיא אתם, אלא כל העולם כולו תלוי בראש השנה שלי".**

אויך איז באקאנט, אז דער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע האט צו געריפן ממש בעפאר ער איז נסתלק געווארן, זיינע צוויי גרויסע תלמידים הרה"ק **רבי אהרן מברסלב** זי"ע און הרה"ק **רבי נפתלי מנמירוב** זי"ע, און זיי גענומען אלס עדות אז זיי זאלן איבער געבן די ווערטער, **"שכל מי שיבוא לקברו, ויתן שם פרוטה לצדקה לעילוי נשמתו, ויאמר שם את עשרת המזמורים שבתיקון הכללי, אזי, אפילו אם גדלו ועצמו עוונותיו וחטאיו מאוד מאוד, חס ושלום, אזי**

**אתאמץ ואשתדל לאורך ולרוחב להושיעו ולתקנו", והוסיף "רק שיקבל על עצמו להבא שלא ישוב אל דרכו הרעה"**.

**"אז ווער עס וועט זיך משתדל זיין צו קומען אויף זיין ציון הקדוש, און ער וועט געבן א פרוטה פאר צדקה לעילוי נשמתו, און ער וועט זאגן די 10 קאפיטלעך פון תיקון הכללי, דאן אפילו ער וועט ח"ו זיין א בעל עבירה פיל מיט גרויסע חטאים, וועט ער דער צדיק זיך משתדל זיין אויף די לענג און די ברייט צו העלפן דעם איד, אבער דער צדיק האט מוסיף געווען, אז מען זאל זיך מקבל זיין מכאן ולהבא נישט צו זינדיגן"**.

אויך איז באוויסט גאר אסאך מאמרים פונעם צדיק וועגן דינען דעם באשעפער מיט א שמחה, און אז א איד טאר קיינמאל נישט אויף געבן אפילו מען איז ליידער גאר ווייט אוועק פונעם דרך האמת, ווייל א איד איז קיינמאל נישט פארלוירן, ובתוכם האט דער צדיק געזאגט.
**"מצווה גדולה להיות בשמחה תמיד"**.
**"אין שום יאוש בעולם כלל"**.
**"כל העולם כולו גשר צר מאוד, והעיקר - לא להתפחד כלל"**.
**"אם אתה מאמין שיכולים לקלקל, תאמין שיכולים לתקן"**.
**"כשאדם יודע שכל מארעותיו הם לטובתו, זאת הבחינה היא מעין עולם הבא"**.

אויך האט דער צדיק גאר שטארק מדגיש געווען, אז התקרבות צו צדיקי אמת איז איינע פון די יסודות פאר איד, ווייל דורך זיך מדבק זיין אין צדיקי אמת קומט מען אן צו דעם אמת'ן אמונה טהורה אינעם גרויסן באשעפער.

נסתלק לגנזי מרומים **ח"י תשרי ב' דחוה"מ סוכות בשנת תקע"א זייענדיג נאר 38 יאר אלט**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **אומאן**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**דער צדיק רבי נחמן האט געוואוינט די לעצטע 8 יאהר** פון זיין לעבן אין די שטאט **ברסלב**, די ערשטע שבת וואס ער איז געווען אין ברסלב, איז פרייטאג צונאכט ביי קידוש די בעכער אראפ געפאלן און זיך אויסגעגאסן, האט דער צדיק רבי נחמן זי"ע זיך אנגערופן בזה"ל, "**היינט האבן מיר איינגעפלאנצט דעם נאמען ברסלב, און אונזערע מענטשן וועלן שוין אויף אייביג גערופן ווערן אויפן נאמען פון דעם שטאט ברסלב**".

• • •

**בעפאר דער צדיק איז קומען וואוינען קיין ברסלב**, האט דער צדיק וקדוש רבי נחמן זי"ע געוואוינט אין **זלאטיפאלע**, ער איז געקומען וואוינען אין זלאטיפאלע ממש פאר ראש השנה, און די שטאט מענטשן האבן געהערט, אז עס איז געקומען צו זיי אין שטאט א נייע רבי וואוינען, און זיי האבן שוין געהאט געהערט בעפאר, אז ביי דעם רבי איז די יו"ט ראש השנה א גרויסע טאג און אלע זיינע מענטשן קומען צו אים לכבוד ראש השנה, זענען זיי געגאנגען לאדענען דעם רבי'ן, אז ער זאל קומען דאווענען אלע תפילות ימים נוראים אין די שטאטישע שול, און זיי וועלן אים איבערגעבן אלעס, ער וועט קענען צושיקן זיינע בעלי תפילות וכו'.

דער צדיק רבי נחמן זי"ע האט טאקע אנגענומען די איינלאדענונג פון די שטאט מענטשן און אלעס איז געפארן כשורה, אבער יום הקדוש איז צו געגאנגען איינער פון די שטאט מענטשן אהן דעם וואס דער רבי זאל אים צושיקן צום עמוד צו שחרית, און יענעמס שווער איז צו געגאנגען צום עמוד ביי מוסף, און עס האט זייער געשטערט דעם רבין, ווייל דער צדיק האט דאן פאראבעט גרויסע זאכן און פראבירט מבטל זיין א גזירה וואס האט ליידער דאן געשוועבט אויף כלל ישראל.

לפלא איז דער וואס איז צו געגאנגען צום עמוד פאר מוסף **פלוצלינג שטים געווארן**, און ער האט נישט געקענט ארויס זאגן א ווארט, און בלית ברירה איז ער אוועק געגאנגען פון דעם עמוד, און דער צדיק רבי נחמן זי"ע האט צו געשיקט זיין בעל תפילה צום עמוד, און מיט דעם האט דער צדיק מבטל געווען די גזירה, מוצאי יום הקדוש האט דער רבי געזאגט, אז די חזנים וואס זענען היינט צוגעגאנגען זענען געווען אזוי ווי די מטבע פון אברהם אבינו ע"ה, וואס ווי באקאנט זאגן חז"ל, אז די מטבע וואס אברהם אבינו האט געמאכט, איז געווען אויף די מטבע אויס געקריצט "בחור

ובתולה" פון איין זייט, און "זקן וזקנה" פון די אנדערע זייט, אזוי אויך די חזנים דער אינגערמאן פון שחרית און דער עלטערער פון מוסף האבן ביידע פשוט געוואלט געפעלן זייערע ב"ב אין די עזרת נשים.

• • •

**נאכן וואוינען 2 יאהר אין זלאטיפאלע** ווי ער האט געליטן געפערליכע רדיפות און די מחלוקת אויף רבי נחמן האט זיך ליידער געשטארקט פון טאג צו טאג דארט אין זלאטיפאלע, איז דער צדיק רבי נחמן אריבער וואוינען קיין **ברסלב**, און רבי נחמן האט געזאגט אויף זיך, **אז ער איז שוין פטור פון גיהנום, ווייל די גמרא זאגט דאך אז משפט רשעים בגיהנום איז פאר 12 חדשים, און ער האט שוין געהאט דעם גיהינום פאר דאפעלט 2 יאר.**

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי יעקב יוסף בעל תולדות יעקב יוסף זי"ע**, איז כידוע געווען דער עלטסטער תלמיד פונעם הייליגן בעש"ט זי"ע, ער איז געווען בערך דעם זעלבן יארגאנג פונעם הייליגן בעש"ט, און דער הייליגער תולדות איז שוין אין די יארן נאכן הסתלקות פונעם בעש"ט נישט געקומען קיין מעזיבוז, נאר פון מאל צו מאל פלעגן די תלמידי הבעש"ט פארן קיין פולנאה צו באזוכן דעם הייליגן תולדות.

איינמאל האט דער צדיק רבי נחמן אלס קינד געהערט, ווי די הייליגע תלמידי בעש"ט ווילן פארן צום תולדות, האט ער אויך געוואלט מיט פארן, אבער עס איז געווען א לאנגע וועג פון בערך 60 מייל, און בימים ההם איז מען געפארן מיט א פערד און וואגן, האבן די תלמידי בעש"ט אים נישט געוואלט מיט נעמען צוליב דעם טיטול הדרך, ווען רבי נחמן האט געזעהן אז קיינער וויל נישט נעמען קיין אחריות אויף אים, וויבאלד זיין טאטע דער צדיק רבי שמחה זי"ע איז געווען א צדיק נסתר און נישט געהאט קיין אפיציעל פארקער מיט די אלע צדיקים, ווייל ער פלעגט דינען דעם אויבערשטען באהאלטן פון מענטשן.

דערפאר אזוי ווי די וואגען האט געהאלטן ביים ארויס פארן, האט רבי נחמן אריין געשטעקט זיין פוס אין די רעדל פונעם וואגען אז עס זאל נישט קענען פארן, און דער יונגער צדיק האט זייער געוויינט אז ער וויל מיט קומען, האט זיך אנגערופן דער צדיק רבי חיים קראסנע'ר זי"ע וואס איז געווען צווישן די גרויסע תלמידים פונעם בעש"ט זי"ע, אז ער וועט נעמען אחריות און אכטונג געבן אויפן קינד ביז מען וועט צוריק קומען, און בזכות דעם האט רבי נחמן זוכה געווען צו זעהן דעם הייליגן תולדות בלויז איין מאהל אין זיין לעבן, **און דער צדיק רבי נחמן האט שטענדיג מכיר טוב געווען פארן צדיק רבי חיים קראסנע'ר אויף דעם זכי'.**

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע** פלעגט אסאך צו פאסטן, 18 מאהל א יאהר האט ער געפאסט משבת לשבת זיך מסגף צו זיין, איין מאל האט פאסירט, אז אינמיטן וואך פון פאסטן איז רבי נחמן אזוי שוואך געווארן, אז ער איז צוזאם געפאלען און עס האט זיך גענומען רינען בלוט פון זיין נאז און אויערען, זיין משב"ק ר' חייקל האט געזעהן וואס גייט פאר, איז ער געקומען מיט עסן, און געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער מוז שוין עסן, אבער דער רבי האט בשום אופן נישט געוואלט עסן, און וואס דער גבאי ר' חייקל האט נאר פראבירט איז נישט געגאנגען, דער רבי האט בשום אופן נישט געוואלט אויספאסטן.

דער גבאי ר' חייקל זעענדיג אז די רבי וויל זיך נישט ברעכן, האט ער געסטראשעט דעם רבין, **אז ער וועט מפרסם זיין אין גאס אז די רבי פאסט משבת לשבת**, און ווי באוויסט האט דער צדיק וקדוש רבי נחמן זי"ע בשום אופן נישט געוואלט אז מען זאל וויסן פון זיין עבודה (חוץ די רעבעצין און דער גבאי), האט דער רבי געזאגט פארן גבאי'ן ר' חייקל, **אז ער זאל שחט'ן א עוף און אויפקאכן א זופ,** דער ר' חייקל האט זיך געפרייט אז ס'איז אים געלונגען און דער רבי וועט עפעס עסן.

אבער אזוי ווי די זופ איז גרייט געווארן און ר' חייקל האט עס אריין געברענגט צום רבי'ן, האט דער רבי אים געהייסן ער זאל דערוויל אראפ לייגן דעם טעלער זופ אויפן טיש, און ער זאל צוזאמען מיט אים זינגן, **"דעם פרומען ניגון"**, (וואס די ניגון זינגט מען היינט **אויף מעין עולם הבא אין ברסלב ביי שלש סעודות**), ר' חייקל האט געזונגען דעם ניגון, און ווען ער האט געענדיגט האט די רבי אים געהייסן זינגן נאכאמאל, און נאכדעם האט דער רבי געגעבן א שמעק די זופ און נישט געגעסן, און ווייטער משלים געווען דעם תענית, **דאס איז**

**געוועזן דעם גרויסן כוח און קדושה פונעם צדיק און זיין געוואלדיגע מסירת נפש פאר עבודת השם.**

• • •

**ווען דער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע,** איז געווען נישט געזונט די לעצטע 3 יאר בחייו, איז איינמאל געווען ביי אים זיין אייניקל **ישראל בן מרת שרה בת רבינו נחמן זי"ע,** דער אייניקל איז דאן געווען בערך 4 יאר אלט, האט אים דער זיידע געזאגט בזה"ל, "**בעט ביים באשעפער אז איך זאל זיין געזונט**", האט דער אייניקל געזאגט, גוט איך וועל בעטן דעם באשעפער אז די זיידע זאל געזונט ווערן, אבער איך וויל דעם זייגער פונעם זיידע.

האט דער זיידע דער צדיק רבי נחמן אראפ גענומען דעם זייגער, און אים דאס אהין געגעבן, און דערביי האט זיך דער זיידע אנגערופן שמייכלדיג צו די אנוועזענדע, **איר זעהט ער פירט זיך שוין ווי א גוטע איד און בעט א פדיון,** דער אייניקל האט זיך אויסגעדרייט צו די וואנט, און געזאגט מיט א ערנסטקייט "**גא-ט גא-ט לאז דער זיידע זיין געזונט**", האבן די אנוועזנדע געשמייכלט, האט דער זיידע דער צדיק רבי נחמן זיך אנגערופן, "**אט אזוי דארף מען דאווענען**" מיט א אמת און א תמימות.

• • •

**דער גרויסער תלמיד הרה"ק רבי נתן מברסלב זי"ע** האט געזאגט, אז דער רבי דער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע האט געזאגט, אז וויבאלד זיין משפחה קומט פון די גזע פון **מלכות בית דוד המלך** ע"ה, וואס ווי עס איז ידוע אין די וועלט האט דוד המלך ע"ה זיין גאנץ לעבן געהאט א לב נשבר, ווי מען קען זעהן אין ספר תהילים ווי רוב קאפיטלאך זענען געזאגט געווארן מיט א צובראכן הארץ, און דערפאר איז ער רבי נחמן זי"ע אויך געווען בטבע א צובראכן הארץ, האט אבער דער צדיק זיין גאנץ לעבן מיט א מסירת נפש צובראכן זיין טבע און געווען בשמחה, ווייל דאס איז די איינציגסטע וועג פאר עבודת השם.

• • •

**ווערט געברענגט א מעשה נפלא,** פון וואס מען קען זעהן די הייליגע אויגן און די רוח הקדוש וואס דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט געהאט, געווען איז דאס ר"ח אדר בשנת תק"ע ווען עס האט ליידער אויס געבראכן א שרעקליכע פייער אין שטאט **ברסלב** און ליידער איז דאן פארברענט געווארן צענדליגע הייזער פון אידן ובתוכם די שטוב און ביהמ"ד פונעם צדיק רבי נחמן זי"ע, און יענע וואך האט זיך דער צדיק רבי נחמן טאקע אריבער געצויגען קיין **אומאן**.

די תלמידים און חסידים האבן אין דעם געזעהן א גרויסע מופת, ווייל א וואך בעפאר די פייער האט אויס געבראכן, האט דער צדיק רבי נחמן געשיקט א שליח צום שטאט אומאן, אז ער זאל זיך נאך פרעגן אויב עס איז דא דארט אין אומאן א דירה פארן צדיק, און גלייך נאכן שריפה איז אנגעקומען צוריק דער שליח מיט די בשורה, אז די אידן פון שטאט זענען זייער פרייליך צו מקבל זיין דעם צדיק ביי זיי אין שטאט.

דערציילט מען, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע איז ארויס פון שטאט ברסלב אויפן וועג קיין אומאן, האט דער צדיק געזאגט, אז באמת איז ראטזאם אז איך זאל יעצט אוועק פארן פון שטאט ברסלב, ווייל די אידן פון שטאט זענען נעבעך זייער בצער, און דערפאר איז נישט קיין ריכטיגע זאך אז איך זאל דא זיין וויבאלד איך בין דאך בשמחה.

און דער צדיק האט דאס מיט א אמת מסביר געווען, אז אויב וואלט זיך די פייער נישט אנגעכאפט אין מיין שטוב, וואלט איך געברויכט זיין בצער, ווייל איך ברויך דאך מיך משתתף זיין אין די צער פון די אנדערע אידן, אבער וויבאלד די פייער האט פארברענט מיין שטוב און מיין גאנצע פארמעגן און אויך ליידער די ביהמ"ד, ברויך איך דאך מקבל זיין די יסורים באהבה און מיט א שמחה גדולה, ווייל חז"ל זאגן דאך, "**חייב אדם לברך על הרעה, כשם שמברך על הטובה**", און ווי די גמרא זאגט "**לקבולי בשמחה**", דערפאר ברויך איך אוועק פארן פון שטאט, ווייל ווי אזוי קען איך זיין בשמחה ווען א אנדערע איד איז ליידער בצער, **דאס איז געווען די גרויסע מידה און די גרויסע אמונה וואס דער צדיק האט באמת געהאט אינעם גרויסע און הייליגען באשעפער.**

• • •

**אין ספר חיי מוהר"ן ווערט דערציילט,** אז אין די יונגע יארן פלעגט דער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע זיך באהאלטן אין די טיפע וועלדער ארום מעדוועדיווקע כדי זיך אויסצורעדן דאס הארץ צום באשעפער אין התבודדות, איינמאל איז

ער געזעסן טיף אין וואלד און מתפלל געווען מיט גרויס געוויין, אינמיטן האבן זיך באוויזן אפאר קליינע גויישע פאסטעכער וועלכע האבן אים געזען שרייען און וויינען צום הימל.

די קינדער האבן אנגעהויבן לאכן פון אים און געווארפן שטעקנס און שטיינער אויף אים כדי אים צו שטערן, דער צדיק רבי נחמן האט זיך אבער אפילו נישט ארומגעדרייט און האט ווייטער ממשיך געווען זיין תפילה מיט א ברענענדיגע דביקות כאילו קיינער איז נישט דארט, שפעטער האט ער פארציילט פאר זיינע מקורבים, **אז פון דעם האט ער געלערנט א טיפע הנהגה פארן לעבן, אז ווען א מענטש וויל דינען דעם באשעפער טאר ער זיך נישט דערשרעקן פון קיין שום שפאט אדער שטרויכלונגען וואס קומען אים אין וועג.**

• • •

**אין חיי מוהר"ן ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע איז געווען שטארק קראנק אויף די לונגען אין זיינע לעצטע יארן, איז ער געפארן קיין לעמבערג זיך צו היילן ביי די גרעסטע דאקטוירים, איינער פון די בארימטע פראפעסארן האט אים אונטערגעזוכט און געזען אז די לונגען זענען כמעט אינגאנצן פארדארבן לויט די טבע פון דער רפואה, און דער דאקטאר האט זיך שטארק געוואונדערט און געפרעגט דעם רבי'ן, **וויאזוי ער קען בכלל אטעמען און לעבן מיט אזעלכע קראנקע לונגען.**

דער צדיק רבי נחמן האט אים געענטפערט מיט א רואיגקייט, "**א מענטש לעבט נישט בלויז פון די פליישיגע לונגען, נאר פון די אמונה און די לעבעדיגע כח פונעם בורא עולם וואס גיסט אריין חיות אין דעם גוף**", דער דאקטאר איז געבליבן פארציטערט פון זיינע ווערטער און האט געזאגט פאר די ארומיגע, "**דאס איז נישט קיין געווענליכער מענטש נאר א מלאך וואס שטייט העכער די טבע**".

• • •

**אין ספר שיחות הר"ן ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט אמאל דערציילט פאר זיינע חסידים, אז עס איז געווען א קעניג וואס האט פארמאגט פילע קנעכט, און יעדער קנעכט האט געהאט א באשטימטע מלאכה, איינער האט געמאכט די קרוין פונעם מלך, און א צווייטער האט בלויז געקלאפט די נעגל פאר די שוך פונעם מלך, דער קנעכט וואס האט געקלאפט די נעגל האט אמאל געזען, ווי דער קעניג גייט מיט די גאלדענע קרוין אויפן קאפ, און ער האט זיך דערשראקן און געטראכט צו זיך, **וואס איז דען מיין פשוטע ארבעט ווערד קעגן דעם וואס מאכט די הערליכע קרוין.**

האט דער מלך אים געלאזט וויסן, **אז אויב די שוך וועלן נישט זיין גוט פארראכטן וועט דער מלך נישט קענען גיין אויף די פיס, און ממילא איז זיין קליינע מלאכה אזוי וויכטיג ווי די גרעסטע זאך**, און מיט דעם האט רבי נחמן געוואלט אויפמונטערן יעדן פשוטן איד, **אז אפילו א קליינע מצוה אדער א קורצע תפילה פונעם הארצן, איז גאר טייער און חשוב ביים גרויסן הייליגען באשעפער.**

• • •

**אין ספר שיחות הר"ן ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א יונגערמאן וואס איז געקומען צו לויפן צום רבי'ן דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע מיט גרויס צער, ווייל ער האט פארלוירן דעם שליסל צו זיין געשעפט אדער שאנק, און ער קען נישט עפענען די טיר און ער פארלירט זיין פרנסה, און דער יונגערמאן האט געבעטן א ברכה אדער א מופת צו טרעפן דעם שליסל.

דער צדיק רבי נחמן האט אים געקוקט מיט רחמנות און געזאגט, "**דו זוכסט דעם שליסל פון דיין געשעפט, אבער ביסטו אמאל געווען אזוי באזארגט איבער דעם שליסל פון דיין הארץ**", און ער האט אים מסביר געווען, אז דער באשעפער געבט יעדן מענטש א הארץ וואס קען זיך עפענען צו תורה און תפילה, נאר אסאך מאל פארלירט דער מענטש דעם וועג וויאזוי עס צו עפענען און דאס הארץ בלייבט פארשלאסן מיט א שלאס, און רבי נחמן האט אים אנגעווארימט אז ער זאל מאכן התבודדות און רעדן פשוט צום אייבערשטן, **ווייל תפילה מעומק הלב איז דער ריכטיגער שליסל וואס עפנט אויף אלע פארשלאסענע טירן פון דער נשמה.**

• • •

**אין ספר שבחי הר"ן ווערט דערציילט**, אז אין די יונגע יארן פלעגט דער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע כסדר שרייבן אסאך טיפע השגות און סודות התורה אויף קליינע צעטלעך און קונטרסים, איינמאל איז ער געזעסן ביינאכט און געלערנט ביז שפעט, פלוצלונג האט ער צוניפגענומען א גאנצע בינטל פון זיינע אייגענע הייליגע כתבים וואס ער האט געארבעט דערויף

מיט גרויס יגיעה, **און האט זיי אריינגעווארפן גלייך אין דעם ברענענדיגן אויוון.**

זיין שטוב מענטשן האבן דאס געזען און זענען געווארן איבערראשט, און האבן נישט פארשטאנען, וויאזוי ער קען פארברענען אזעלכע גרויסע חידושים, האט דער צדיק רבי נחמן זיי געענטפערט מיט גרויס ערנסקייט, **"יעדעס מאל וואס א מענטש שטייגט אויף א העכערע מדרגה אין עבודת השם, דארף ער פילן ווי ער האט נאך גארנישט אנגעהויבן, און די אלטע פארשטאנד איז גארנישט קעגן די נייע לעכטיגקייט וואס גאט באווייזט אים יעצט"**, און דער צדיק האט נישט געוואלט בלייבן צוגעבונדן צו זיינע נעכטיגע מדרגות, נאר אלעמאל אנהייבן פון פריש.

• • •

**אין שבחי הר"ן ווערט דערציילט**, איבער די געוואלדיגע אמונה פשוטה פונעם צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע, אין זיינע יונגע יארן איז דער צדיק רבי נחמן זי"ע אסאך געגאנגען צום ציון פונעם זיידן דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע אין מעזיבוז, און בעטן פונעם זיידן, **אז ער זאל אים העלפן נאנט ווערן צום אייבערשטן**, ער פלעגט גיין ביינאכט, אפילו אין די גרעסטע ווינטער-קעלט, און נאכן לאנג זיין ביים ציון איז ער געגאנגען א ווייטן וועג צום מקוה, און כאטש עס איז געווען א ווארעמער מקוה אינעם באד, האט ער אויסגעקליבן דעם קאלטן מקוה אינדרויסן און זיך מוסר נפש געווען אויף טהרה,

ווען דער צדיק רבי נחמן זי"ע האט געוואוינט ביים שווער און געוואלט איבערגעבן א בקשה פארן זיידן דער בעל שם טוב זי"ע, איז מעזיבוז געווען צו ווייט, פלעגט ער גיין מיט א תמימות צום ציון פון הרה"ק **רבי ישעיה מיאנוב** זי"ע אין **סמילא**, וואס איז געווען נענטער, און דארט האט ער געבעטן רבי ישעיה זי"ע ער זאל זיין א שליח און איבערגעבן זיין בקשה פארן זיידן דער בעל שם טוב זי"ע, **מיט אזא פשוטע אמונה האט ער זיך פארבונדן מיט די צדיקים פון פריערדיגן דור.**

• • •

**אין שבחי הר"ן ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט דערציילט, אז פון נאטור איז ער אין אנהייב געווען **א גרויסער כעסן**, און ווען ער האט געוואלט ווערן אן אמת'ער ערליכער איד, האט ער אנגעהויבן ברעכן די מדה, אבער ער האט זיך נישט בעגניגט מיטן בלויז ארויסנעמען דעם מידה פון כעס, **נאר ער האט געארבעט ביז עס זאל אין הארץ נישט בלייבן קיין קפידא**, און אין ארץ ישראל האט ער זוכה געווען צום גמר התיקון, **ביז אפילו ווען איינער האט אים ווי געטון, האט זיך אין אים נישט אויפגעוועקט קיין בייזקייט.**

• • •

**אין ספר שבחי הר"ן ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט באשלאסן צו פארן קיין ארץ ישראל אין יאר תקנ"ח, האט ער נישט געהאט קיין געלט אויף די הוצאות פון די וועג, זיין רעבעצין האט אים געפרעגט מיט טרערן וויאזוי ער קען פארלאזן די שטוב ווען עס איז ממש נישט דא קיין ברויט פאר די קינדער, האט דער צדיק רבי נחמן געענטפערט מיט א שטארקע תמימות, אז די גרעסערע קינדער קענען גיין דינען אין הייזער, די קלענערע קינדער וועט מען מוזן געבן פאר גוטע לייט וואס וועלן זיך מרחם זיין אויף זיי, און די מאמע וועט אויך טרעפן עפעס א פרנסה.

און דער צדיק האט געזאגט פארן רעבעצין, **אז ער מוז פאלגן דעם רצון השם און פארן קיין ארץ ישראל אפילו אויב עס קאסט דאס גאנצע לעבן**, אויפן שיף איז געווען א שרעקליכע סכנה ווען דער צדיק האט גאר אסאך געליטן און עס איז געווען גרויסע שטורם ווינטען און די שיף איז געווען אין א גרויסע סכנה פון זינקען, אבער רבי נחמן האט זיך מוסר נפש געווען אויף יעדן טריט ביז ער איז אנגעקומען צום הייליגן לאנד, וואו ער האט געזאגט, **"אז ווי נאר ער האט געטראטן פיר אמות אין ארץ ישראל האט ער שוין משיג געווען דאס וואס ער האט געברויכט משיג זיין"**.

• • •

**אין שבחי הר"ן ווערט געברענגט**, אז ביי די נסיעה פונעם צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע קיין ארץ ישראל, איז דער צדיק אריבער גאר אסאך שוועריקייטן און די וועג איז נישט אנגעקומען אזוי בנחת, אבער דער צדיק האט כסדר מרמז געווען, **אז ער האט דעם גאנצן נסיעה גענומען אויף זיך צו אויפטון גאר הייליגע ענינים.**

חול המועד סוכות זענען אלע געגאנגען צו מערת אליהו הנביא, דער עולם האט געטאנצט דארט מיט גרויס שמחה, אבער רבי נחמן זי"ע איז געזעסן מיט הכנעה און א צעבראכן הארץ, אויך

שמחת תורה איז ער געזעסן איינגעבויגן און נישט מיטגעטאנצט, ער איז געווען אינמיטן א טיפער עבודה, נאך שמחת תורה האט ער געזאגט פאר זיין באגלייטער, "**ברוך השם, איך האב אויסגעפירט וואס איך האב געוואלט אויף דעם בעסטן אופן**", **און דעמאלט האט ער אנגעהויבן זיך גרייטן צוריק אהיים צו פארן**.

און נאכן דורכגיין אלע מניעות אויפן וועג קיין ארץ ישראל האט רבי נחמן זי"ע געזאגט, "**קיין איין תנועה און מחשבה פאר א דבר שבקדושה ווערט נישט פארלוירן, אמאל איז א מענטש צעמישט צי ער וועט קענען אויספירן די עבודה, אבער אויב א איד שטארקט זיך צום סוף און ברעכט דורך, ווערן אפילו אלע פריערדיגע ספקות, טריט און אנשטרענגונגען נרשם למעלה לטובה, ווייל דער גוטער סוף הייבט אויף דעם גאנצן שווערער וועג**".

• • •

**אין ספר חיי מוהר"ן ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע איז געווען אויפן וועג קיין לעמבערג, איז ער דורכגעפארן די גרויסע שטאט בראד, וואו עס האבן געוואוינט אסאך למדנים און משכילים וואס האבן נישט פארשטאנען די וועג פון חסידות, עטליכע מענטשן האבן אים פרובירט צו פאראהאלטן מיט קלאציגע פראגעס און קשיות כדי אים צו פארשעמען ברבים, אבער דער צדיק רבי נחמן האט זיי געענטפערט מיט א מורא'דיגע איידלקייט און קלוגשאפט, **אן קיין שום כעס אדער ווערן אפילו ברוגז**.

איינער פון די גרויסע קעגנער האט אים געפרעגט מיט חוזק, "**וואס פאר א חידוש ברענגט איר פאר די וועלט**", האט אים דער צדיק רבי נחמן געענטפערט מיט א פשטות, "**איך ברענג נישט קיין נייע תורה, איך ברענג נאר א וועג פאר צובראכענע אידן צו געדענקען אז גאט האט זיי נאך אלץ ליב, און אז קיין שום יאוש עקזיסטירט נישט אויף דער וועלט**", ווען דער פרעגער האט געהערט דעם ענטפער מיט אזא אמת און רואיגקייט, האט ער זיך פארשעמט און האט אים אפגעלאזט, און פון דאן מכבד געווען דעם צדיק מיט גרויס כבוד.

• • •

**אינעם ספר כוכבי אור ווערט דערציילט**, אז די חכמים פון אומאן האבן געהאט א שווערע קשיא אויף זייער גרויסן פילאזאף, אבער האבן נישט געקענט טרעפן קיין תירוץ, זענען זיי געגאנגען פרעגן רבי נחמן זי"ע, אבער נאך איידער זיי האבן אים געזאגט וואס זיי ווילן, **האט דער רבי אליין ארויסגעזאגט זייער קשיא און געגעבן א ריכטיגן תירוץ**, פון גרויס וואונדער און התפעלות האבן זיי געקושט די פיס פונעם רבין און געזאגט, "**מיר פארשטייען אז איר זענט קליגער פון אונזער רבי, אבער פון וואו האט איר געוואוסט וואס מיר טראכטן**", האט זיי דער צדיק רבי נחמן געענטפערט, "**ווען דער מח איז ריין קען מען דערקענען א מחשבה פון די האר פונעם מענטש**", ווען זיי זענען ארויס, האבן זיי געזאגט איינער צום צווייטן, **אז אפילו דער הסבר איז העכער פון מענטשליכן שכל**.

• • •

**עס ווערט געברענגט אין ספר כוכבי אור**, אז אמאל איז דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע געקומען צו די משכילים אין שטאט אומאן און געזען ביי זיי א ספר אין **גריכיש**, און ער האט געפרעגט פון זיי וואס דאס איז, און זיי האבן אים אוועקגעמאכט און געזאגט, "**דאס איז נישט פאר אייך**", ווען זיי האבן דאס עטליכע מאל איבערגעזאגט, האט דער צדיק רבי נחמן גענומען דעם ספר אין האנט, **און ער האט אנגעכאפט א צאל בלעטער און געזאגט בעל פה וואס עס שטייט פונקט אויף יענעם בלאט און אין יענער שורה**, די משכילים זענען שטארק נתפעל געווארן, און פון דעמאלט איז זיין חכמה ביי זיי נאך גרעסער געווארן.

• • •

**אין ספר כוכבי אור ווערט געברענגט**, אז די משכילים פון שטאט אומאן האבן געהאט א הסכמה צווישן זיך, **קיינמאל נישט צו דערמאנען דעם אייבערשטן**, אבער ווען זיי זענען געזעסן ביים רבי'ן דער צדיק רבי נחמן, וואס האט דאך מקרב געווען יעדן איד צום באשעפער, נישט קיין חילוק וואס יענער איז געווען, איז זיי שטענדיג אריינגעקומען אין מויל דעם באשעפער, און זיי פלעגן זאגן איינער פארן אנדערן, "**הירש בער, עס איז דא א גאט אויף דער וועלט**".

צוביסלעך איז זייער קשר צום רבי'ן געווארן שטערקער און שטערקער, ביז ראש השנה בשנת תקע"א זענען זיי געקומען דאווענען ביי זיין קיבוץ, די דינסט ביים רבין האט גערופן דעם משכיל הירש

בער צו טרינקען א קאווע, אבער ער האט נישט געוואלט גיין צום רבין'ס תקיעת שופר, אבער נאך די הסתלקות האבן זיי געוויינט צום תלמיד רבי נתן און געזאגט, "**דיר פעלט דער רבי?, אונז פעלט דער רבי, ווען ער וואלט געלעבט וואלטן מיר געווארן בעלי תשובה און צדיקים גמורים**", ווייל דאס איז געווען דעם אמתן השפעה פון דעם צדיק אפילו אויף די גאר נידעריגע אידן.

• • •

**אין ספר סיפורים נפלאים ווערט דערציילט א מעשה נורא**, א מאן און פרוי זענען געקומען צום צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע בעטן פאר קינדער, דער רבי דער צדיק רבי נחמן האט זיי געזאגט, "**איר וועט ביי מיר געהאלפן ווערן צווישן טאג און נאכט**", עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר די פארפאלק דעם ענטפער פונעם רבין, אבער זיי האבן באמת געגלייבט אין די ברכה פונעם צדיק און געגלייבט מיט אמתע אמונת צדיקים, אז ישועה קרובה לבוא.

ערשט נאכן הסתלקות פון רבי נחמן, ווען די פרוי איז געקומען קיין אומאן, זענען זיי ביים צוריקפארן דורכגעגאנגען דעם ציון ביים בין השמשות, און געוויינט דארט, און געבעטן דעם רבין פאר א ישועה, אין יענעם יאר **זענען זיי נפקד געווארן מיט א בן זכר און אים גערופן נחמן**, ווען דער זון האט שפעטער געדארפט שטיין פארן **מיליטער**, איז ער אריבער צום ציון פונעם צדיק רבי נחמן אין אומאן, און האט געוויינט ביים ציון אז ער זאל נישט ברויכן גיין אין מיליטער, און ער האט געזען דעם רבי'ן אין חלום, און די רבי האט געזאגט, "**דו הייסט אויף מיין נאמען, דו וועסט ביי זיי נישט דינען**", ווען ער האט זיך געשטעלט צו די מיליטער, איז אים ארויסגעקומען **א צייטווייליגע צרעת**, און ער איז דורך דעם באפרייט געווארן, **און דערנאך איז ער אינגאנצן געזונט געווארן**.

• • •

**אין ספר סיפורים נפלאים ווערט דערציילט**, אז דער חסיד רבי טוביה קריימער איז אמאל געווען ביים צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע, דער רבי האט מיט אים גערעדט און געזאגט א מאדנע זאך, "**אז פאר א מענטש איז זיכער בעסער צו פארלירן געלט און ווערן ארעם, ווי חלילה צו שטארבן, ווייל ווילאנג מען לעבט קען דער אייבערשטער נאכאמאל געבן אלעס גוטס, און דער רבי האט דערביי דערמאנט א רייכן מענטש, נחמן נתן, און געזאגט, אפילו ער וואלט מסכים געווען צו זיין ארעם, ווי איידער צו ליגן אונטער א הויפן ערד**".

אויפן וועג אהיים האט רבי טוביה געהערט, אז זיין הויז און זיין גאנצע פארמעגן זענען פארברענט געווארן, **אבער בדרך נס זענען אלע נפשות געראטעוועט געווארן**, און אויך האט ער געהערט, **אז יענער נחמן נתן איז געשטארבן אויפן וועג מיט א זאק געלד**, דעמאלט האט ער פארשטאנען די **רוח הקודש** פונעם רבי'ן.

• • •

**אין ספר פעולת הצדיק ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט אמאל דערציילט, אז אין זיינע יונגע יארן, נאך דער חתונה, פלעגט ער דער הייליגער רבי נחמן זי"ע גיין אין א שטילן וועג זיך מתבודד זיין און זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן, אויפן וועג ווי ער פלעגט דורך גיין, **איז געשטאנען א גרויסער צלם, א שתי וערב**, ווי עס איז געווען איינגעפירט אין די דערפער, און יעדעס מאל וואס דער רבי איז דארט דורכגעגאנגען, האט אים דער צלם שטארק געשטערט אין זיין דביקות און ער האט געהאט יסורים דערפון.

דער רבי דער צדיק רבי נחמן האט אסאך מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל אים ווייזן א מופת און אוועקנעמען דעם שטער, **פלוצלינג איין טאג איז דער צלם אויסגעריסן געווארן פון זיין פלאץ און אראפגעפאלן אויף דער ערד**, און שפעטער האט דער רבי דערציילט, **אז דאס איז געווען איינס פון דריי מופתים וואס זענען אים דעמאלט געשען**.

• • •

**אין ספר אבני"ה ברזל ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז **אדל**, די טאכטער פון רבי נחמן מברסלב זי"ע, געווארן זייער קראנק, דער רבי איז געקומען צו איר שטוב, געזעסן מיט גרויס צער און איינגעשלאפן, אין חלום איז צו אים געקומען דער זיידע דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע און געפרעגט, "**פארוואס ביסטו אזוי בצער**", האט דער רבי געענטפערט, **אז זיין טאכטער איז אזוי קראנק, און דערפאר איז ער אזוי צובראכן**.

האט דער זיידע דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע אים געוויזן דעם פסוק, "**מַגְדִּל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ**

"**וְעָשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד עוֹלָם**", און האט אים ערקלערט דעם כח פון **דערציילן סיפורי צדיקים**, ווען דער רבי האט זיך אויפגעוועקט, האט ער פארן טאכטער אדל דערציילט א מעשה **פונעם הייליגען מהרש"א** זי"ע און געענדיגט מיט דעם פסוק, און זי איז געזונט געווארן, און שפעטערע יארן **האט די טאכטער אדל אליין דערציילט די מעשה פאר אנדערע חולים, און אויך זיי זענען געהאלפן געווארן**.

• • •

**אין ספר אבני"ה ברזל ווערט דערציילט**, אז **אדל**, די טאכטער פון רבי נחמן מברסלב זי"ע, איז אמאל געווען קראנק און געהאט גרויסע יסורים, דער רבי איז אריינגעקומען צו איר און געזאגט, **זי זאל זיך מצייר זיין אין מחשבה ווי זי פלעגט זיין ווען זי איז געווען געזונט און גוט**.

האט זי געענטפערט פארן טאטן, "**ווי קען מען דאס מצייר זיין, ווען מען שפירט אזעלכע גרויסע ווייטאגן**", האט דער טאטע איר געזאגט, "**דער כח המחשבה איז זייער גרויס, און אויב זי וועט זיך דאס שטארק מצייר זיין, וועט עס אזוי ווערן**".

אן אנדער מאל, ווען זי איז נאכאמאל זייער קראנק געווען, האט דער רבי איר געזאגט, "**אויב דו וועסט זיין בשמחה, וועסטו האבן א רפואה**", זי האט געפרעגט פונעם הייליגען טאטן, "**ווי אזוי מען קען זיין בשמחה אין אזא מצב**", האט דער טאטע דער הייליגער צדיק רבי נחמן איר צוגעזאגט, "**אז עס וועט נאך קומען א צייט ווען זי וועט זיין זייער פרייליך, און דעריבער זאל זי זיך שוין יעצט מחזק זיין**", און אזוי איז טאקע געווען, און זי איז געזונט געווארן.

• • •

**אין ספר חיי מוהר"ן ווערט דערציילט**, אז איינמאל אויף שבת איז געקומען צו פארן א פשוטער בעל עגלה קיין ברסלב, דער איד איז געווען אן עם הארץ וואס האט קוים געקענט זאגן די ווערטער פונעם סידור, און ער האט זיך געשעמט אריינצוגיין צווישן די תלמידים און חסידים וואס זענען געווען גרויסע עובדי השם, און ער איז געשטאנען ביי דער טיר פונעם צימער גאר דערשראקן, אבער ווען דער צדיק רבי נחמן איז אריינגעקומען צום טיש, האט ער גלייך באמערקט דעם איד שטיין ביי דער טיר.

דער צדיק רבי נחמן האט גלייך געהייסן, מען זאל דעם איד אריינברענגען א בענקל גלייך לעבן אים ביים אויבנאן, די ארומיגע האבן זיך געוואונדערט, אבער דער רבי דער צדיק רבי נחמן האט געזאגט "**א איד וואס פירט פערד א גאנצע וואך אין די בלאטעס און שוויצט פאר זיין ברויט, און קומט אן אהער נאר ווייל ער בענקט צו הערן א ווארט פון שבת קודש, זיין תמימות שיינט אין הימל מער ווי אסאך חכמות**", און ער האט געגעבן פונעם שיריים פאר דעם בעל עגלה און אים מחזק געווען אז ער זאל ווייטער אנגיין מיט זיין עבודת השם.

• • •

**אין ספר שיחות הר"ן ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט געלייגט א געוואלדיגע געוויכט, אז יעדער איד מוז קענען דעם שולחן ערוך אויף א ברייטן פארנעם, און ער פלעגט זאגן, "**אז אן הלכה קען מען גארנישט טון אין עבודת השם**".

איינמאל איז געקומען צו אים א חשובער למדן וואס האט געוואלט רעדן פון הויכע קבלה ענינים און סודות התורה, אבער דער צדיק רבי נחמן האט אים אפגעשטעלט און אים געפרעגט א גאר פשוטע אבער שווערע שאלה אין הלכות שבת פונעם טור און שולחן ערוך מיט די נושאי כלים.

דער למדן האט זיך פאררוקט און נישט געקענט ענטפערן קלאר, האט אים רבי נחמן געזאגט מיט א פשטות, "**ווי קען א מענטש וועלן שפרינגען צו הימלישע סודות, ווען ער קען נאך נישט פונקטליך וויאזוי צו האלטן די הלכה למעשה אויף דער ערד**", און דער צדיק רבי נחמן האט דעמאלט געפאדערט פון אלע זיינע מקורבים, צו האבן א קביעות יעדן איינציגן טאג אין שולחן ערוך, אפילו נאר איין סעיף, ווייל דאס איז דער יסוד פון אלעם.

• • •

**אין ספר שבחי הר"ן ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רבי נחמן איז געפארן קיין ארץ ישראל, איז ער געווען פאר א לאנגע צייט אויפן ים אויף א שיף אונטער שווערע אומשטענדן, וואו ער האט כמעט נישט געהאט מיט זיך קיין שום ספרים **אחוץ א תנ"ך און א סידור**, זיינע באגלייטער האבן געזען ווי ער זיצט טעג און נעכט פארטיפט אין מחשבות מיט א ברענענדיגע שמחה.

ווען מען האט אים געפרעגט, וואס ער טוט א גאנצן טאג אן ספרים, האט ער געענטפערט, **אז ער לערנט דורך אין קאפ גאנצע מסכתות אין ש"ס מיט די פירוש המשניות פונעם רמב"ם און אלע ראשונים**, און ער פלעגט איבער'חזר'ן גאנצע בלעטער גמרא ווארט ביי ווארט פונעם זכרון, און האט מחדש געווען דערויף גאר טיפע חידושים, וואס שפעטער האט ער זיי אריינגעדרוקט אין ספר ליקוטי מוהר"ן, דאס האט געוויזן פאר יעדן, **אז די גאנצע תורה איז געווען איינגעקריצט אין זיין מוח אן צו דארפן קוקן אין א ספר**.

• • •

**אין ספר שבחי הר"ן ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע איז אנגעקומען קיין סטאמבול אויפן וועג קיין ארץ ישראל, האט ער באשלאסן זיך אינגאנצן אפצושאקלן פון סיי וועלכע גינוני כבוד אדער רעביסטעווע, ער האט אויסגעטאן די שיינע חסידישע קליידער, אנגעטאן א צעריסענע מלבוש אן א גארטל, און איז ארומגעגאנגען בארוועס אין די גאסן אן א הוט ווי א פשוטער ארימאן.

ער פלעגט זיך שפילן מיט די קליינע קינדער אין די גאסן און געלאזט מענטשן מיינען אז ער איז אן אומבאקאנטער וואנדערער, ווען אידן פונעם ארטיגן שטעטל האבן אים באגעגנט און געשמועסט מיט אים, האט ער גערעדט מיט אזא פשטות אז קיינער האט נישט געקענט טראכטן אז דאס איז אן אייניקל פונעם בעל שם טוב הקדוש. און א גאר הייליגער איד, שפעטער האט ער געזאגט פאר זיינע תלמידים, "**אז ער האט דאס געטון בכוונה, כדי צו ברעכן יעדן טראפ גאוה און צוצוקומען צו דער מדרגה פון אמת'ע שפלות פארן באשעפער**".

• • •

**אין ספר חיי מוהר"ן ווערט דערציילט**, אז זיין חשובער תלמיד רבי נתן מברסלב זי"ע האט אמאל געשריבן, אז דער רבי פלעגט אפט זאגן פאר זיינע נאנטע מקורבים "**איר מיינט אז איך בין שוין עפעס א גרויסער צדיק אדער א בר הכי, איך שוואר אייך אז איך שפיר מיין גאנצע חיות בלויז ווי א קליין קינד וואס הייבט יעצט אן עפענען די אויגן**".

און ער פלעגט זיך זעצן אויף דער ערד, וויינען מיט הייסע טרערן צום באשעפער, און זאגן, "**רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל קענען אנהייבן דינען דיר פונדאסניי, ווייל ביז היינט האב איך נאך גארנישט אפגעטאן**", די תלמידים האבן געזען ווי דער גרעסטער מנהיג הדור, וואס האט אנטפלעקט טיפע סודות אין ליקוטי מוהר"ן, פילט באמת אין זיין הארץ, אז ער איז בלויז אן ארימאן וואס שטייט ביים טיר און בעט אויף רחמים.

• • •

**אין ספר שיחות הר"ן ווערט דערציילט**, אז אין די שטעטלעך וואו רבי נחמן האט געוואוינט, פלעגט ער אפט אוועקגיין פון די חסידים און זיך אריינזעצן אין די קליינע שטיבלעך פון די שניידערס, שוסטערס און וואסער-טרעגער, און ער פלעגט שמועסן מיט זיי איבער זייער שווערע טאג-טעגליכע ארבעט, און פרעגן וויאזוי עס גייט זיי מיט פרנסה, און הערן זייערע פשוטע שמועסן.

ווען עמיצער האט אים געפרעגט, פארוואס ער פארברענגט אזויפיל צייט מיט פשוטע מענטשן אנשטאט זיצן מיט גרויסע לומדים, האט רבי נחמן געענטפערט מיט אן אויפריכטיגן שמייכל, "**די תמימות און די ערליכקייט פון א פשוטן איד וואס עסט זיין ברויט מיט שווייס און דאנקט דעם באשעפער אן קיין חכמות, דאס איז דער גרעסטער שיעור אין ענווה וואס א מענטש קען לערנען**", און דער צדיק רבי נחמן האט קיינמאל נישט געקוקט אויף זיך העכער פון קיין שום באשעפעניש.

• • •

**אין ספר חיי מוהר"ן ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט אין זיין לעבן מיטגעמאכט גאר ביטערע יסורים מיט זיינע אייגענע קינדער, ווען רוב פון זיי זענען נפטר געווארן אלס קליינע עופעלעך בחייו, באזונדער איז געווען שווער די פטירה פון זיין באליבטן קליינעם זון שלמה אפרים, אויף וועמען ער האט געזאגט גרויסע זאכן פאר דער וועלט, דאס קינד איז ליידער קראנק געווארן אויף דער שווערער קראנקייט אסכרה, און האט געליטן מורא'דיגע שמערצן ביז ער איז אויסגעגאנגען פאר זיינע אויגן אין שטעטל זאסלאוו.

דער צדיק רבי נחמן האט זיך צעוויינט מיט א ביטערע געוויין וואס האט צעריסן די הערצער פון אלע אנוועזנדע, אבער טראץ דעם שרעקליכן חורבן הבית און די טיפע וואונדן אין זיין הארץ, האט ער גלייך דערנאך מקבל געווען דעם דין שמים מיט א פולקאמע ליבשאפט און תמימות, און געזאגט, "**אז דער מענטש טאר קיינמאל נישט האבן קיין טענות אויפן באשעפער אפילו ווען דאס אייגענע בלוט ברענט**".

**יארצייט י"ח תשרי ב' דחוה"מ**

**הרה"ק רבי חנה ב"ר מנחם מענדל זי"ע, הי"ד**
**(הלברשטאם)**
**בעל דברי חנה, מקאלשיץ**

ער איז געבוירן **אין שטאט דוקלא, ו' תמוז בשנת תרמ"ד**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי מנחם מענדל אב"ד דוקלא ופריסטיק** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אריה לייבוש מדוקלא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי דוד מקשאנוב** זי"ע,
בן הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת פייגא ביילא** ע"ה,
בת הרה"ק **בעל דברי יחזקאל משינאווא** זי"ע,
בן הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד און א צדיק הדור, ער איז געווען א אש קודש און א געוואלדיגע עובד השם במסירת נפש ממש, דער צדיק איז געווען א אוהב ישראל בלב ונפש, ער האט באמת ליב געהאט יעדן איד מיט א געוואלדיגע אהבת נפש, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער האט זיין גאנץ לעבן מקנא געווען קנאת ד' במסירת נפש ממש, ער איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע מידה פון צדקה וחסד און גמילת חסדים, פון אלס קינד האט ער שוין עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף א גאר הויכען פארנעם, ער האט גאר אסאך לוחם געווען אויף די מתחדשים מיט א מסירת נפש אן קיין שום פשרות.

דער הייליגער זיידע משינאווא זי"ע האט שוין א שטיק צייט בעפאר ער איז געבוירן, מבשר געווען פאר די טאכטער, **אז זי גייט בקרוב האבן א קינד א צדיק, וואס וועט באלייכטען די וועלט מיט זיין קדושה און תורה**, און דער זיידע האט געהייסן, אז מען זאל דעם קינד רופן מיטן נאמען **חנה**, נאכן באבע די צדקת אשת חבר פונעם הייליגען שינאווער רב **הרבנית הצדקת מרת חנה רחל** ע"ה.

אין ספר דברי חנה ווערט געברענגט, אז די מאמע נאכן האבן דעם הייליג קינד איז געווען גאר שוואך, האט מען געדינגען א מינקת וואס זאל געבן צו עסן פארן קינד, אבער דאס קינד האט נישט געוואלט עסן, איז די מאמע געלאפן צום הייליגען זיידן און מזכיר געווען דעם קינד.

האט די זיידע געפרעגט, **אויב מען האט צו געדעקט דעם קעפל פונעם קינד בשעתן עסן**, האט די מאמע מיט וואונדער געזאגט אז **ניין**, האט דער זיידע געהייסן מען זאל אים אנטאן א קאפל און ער וועט עסן, כך הוה אזוי ווי מען האט אנגעטון פארן קינד א קאפל האט ער געגעסן, **דאס ווייזט דאס גרויסע קדושה וואס ער האט שוין געהאט גלייך נאכן געבוירן ווערן**, ווי צדיקים האבן מעיד געווען, **אז דער צדיק איז געווען א קדוש מרחם אמו**.

דער אייניקל זייענדיג 3 יאר אלט האט ראש השנה געזען, ווי די זיידע טוט זיך אן דעם קיטל פאר תקיעת שופר, איז דער קינד געגאנגען צו די מאמע און געזאגט, **מאמע די זיידע גייט יעצט עסן די כרפס, ווייל ער האט געמיינט אז עס איז פסח**, ווען מען האט דאס דערציילט פארן זיידן דער הייליגער שינאווא רב זי"ע, האט ער געזאגט, **דאס קינד האט גוט מכוון געווען, ווייל די סוד פון תקיעת שופר, איז דאס זעלבע ווי ביי אכילת כרפס**.

ער איז נתגדל געווארן ביי זיין גרויסן זיידן דער הייליגער שינאווא רב זי"ע, וואס האט דעם אייניקל גאר שטארק מקרב געווען און מחבב געווען מיט א אויסטערלישע אהבה.

איינמאל ווען דער אייניקל איז נאך געווען יונג, איז דער זיידע דער הייליגער שינאווער רב זי"ע נישט געזונט געווען, האט ער געלאזט רופן זיין אייניקל דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע, די זיידע האט אויפגעמישט דעם סידור האר"י, און געבעטן דעם אייניקל, **אז ער זאל מתפלל זיין פאר אים און זאגן דעם יהי רצון ביי די ברכה פון רפאינו**, די חסידים האבן דאס אנגענומען, אז די זיידע האט דעם אייניקל **מכתיר געווען אלס א רבי**, און פון דאן האט מען אנגעהויבן בעטן ברכות פונעם הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע.

הרה"ק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז איין יאר האט דער הייליגער שינאווער רב זי"ע, ערב סוכות געלאזט רופן זיין

אייניקל דעם הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע, און אים געבעטן אז ער זאל מתפלל זיין, **אז עס זאל גאנץ סוכות נישט רעגענען,** דערציילט רבי איציק'ל זי"ע, **אז יענעם יאר האט גאנץ סוכות נישט גערעגענט, עפעס וואס האט כמעט קיינמאל נישט פאסירט אין פולין.**

אין ספר דברי חנה ווערט געברענגט, אז דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע האט זיך שוין פון אלס קינד גאר אסאך מסגף געווען, ער האט באמת נישט הנאה געהאט פון גשמיות נאר געווען אלס פארטון אין עוסק זיין בתורה ועבודת השם.

איינמאל האט אים די מאמע געוואלט געבן צו עסן פלייש, כדי עס זאל אים געבן אביסל כח צו קענען אנגיין, אבער דער צדיק וקדוש האט נישט געוואלט עסן, האט אים די מאמע געזאגט, פארוואס ווילסטו נישט עסן, די זיידע דער הייליגער שינאווער רב עסט אויך פלייש, האט דאס קינד געזאגט פאר די מאמע, **דער באשעפער זאל מיר געבן די זכי' צו קענען בלאזן שופר ראש השנה מיטן זעלבן מדרגה ווי דער זיידע האט געגעסן פלייש אין די וואכן טעג.**

נאך אלס יונגער בחור איז ער שוין געווען באקאנט אלס א גאון אין א עילוי וחריף עצום בתורה, ער האט גאר אסאך תורה געלערנט פון הגה"ק **רבי ישראל אהרן הכהן ענגלענדער דיין בפריסטיק** זי"ע, ער איז געווען אזוי מפורסם אז הגה"ק **רבי שמואל ענגיל מראדומישלא זי"ע האט אים שוין דאן מסמיך געווען להוראה.**

דאס אהבת ישראל וואס דער צדיק האט געהאט איז ממש נישט צום באשרייבן, אפילו זייענדיג א יונגער בחור פון 13 יאר אלט, האט ער זיך אפ געגעבן מיט די ארימעלייט וואס זענען אנגעקומען צו זיי אין שטאט און זיי באזארגט מיט עסן און א פלאץ צו שלאפן.

איינמאל איז אנגעקומען א ארימאן וואס איז ליידער געווען גאר שטארק נישט געזונט, האט זיך דער צדיק אפ געגעבן מיט דעם ארימאן, ער האט פאר דעם איד אריין געברענגט א בעט אין ביהמ"ד און זיכער געמאכט אז ער האט אלס וואס ער ברויך, דאן איז דער איד ליידער נפטר געווארן, האט זיך דער צדיק רבי חנה זי"ע מטפל געווען מיט די טהרה און געמאכט זיכער אז ער קומט בדרך כבוד לקבר ישראל.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת פעסיל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי משה הלברשטאם מבארדיוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי ברוך מגארליץ** זי"ע,
בן הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע.

נאכן הסתלקות פון זיין הייליגען זיידן דער שינאווער רב זי"ע, האט ער זיך מדבק געווען צו זיין הייליגען פעטער הרה"ק **שמחה ישכר בער מציעשינוב** זי"ע, אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצולם פון נאך צדיקים בדורו, ובתוכם הרה"ק **רבי אברהם שלום בעל דברי שלום מסטראפקוב** זי"ע.

זייענדיג נאך גאר יונג, האט ער זיך געצויגען צום שטאט **קאלאשיץ** און מען האט אים דאן אויף גענומען אלס רב אין שטאט וואס נאך דעם שטאט איז געבליבן זיין נאמען דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע.

ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז ער אנטלאפן קיין **קאשוי**, דארט איז דער צדיק געזעצן פאר זיבן יאר, דארט האט ער עוסק געווען אין זיין הייליגע עבודה, אפילו זייענדיג נאר 30 יאר אלט האבן שוין צדיקים און גדולים מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה מיט וואס ער האט געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיג דביקות.

אין ספר מופת הדור ברענגט ער אראפ, אז אין יענע יארן וואס דער צדיק איז געזעצן אין שטאט קאשוי, איז ער איין שבת קודש געווען ביים הייליגען צדיק דער מופת הדור רבי ישעי'לע מקערעסטיר זי"ע, ביים טיש האט דער הייליגער צדיק מקרעסטיר פאר געלערנט א שטיקל נועם אלימלך אויף די פרשה, האט זיך דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע אויס געדרוקט, **"איך האב נאך קיינמאל נישט פארשטאנען דעם שטיקל נועם אלימלך, אזוי ווי איך האב עס דאן פארשטאנען"**.

כ' טבת בשנת תרע"ד, נאכן הסתלקות פון זיין פעטער דער הייליגער צדיק מצעשינוב זי"ע אפילו דער הייליגער קאלאשיצער איז דאן נאך געווען

גאר יונג, האבן רוב חסידים פונעם פעטער און אויך פונעם זיידן דער הייליגער שינאווער רב זי"ע זיך מדבק געווען אונעם הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע.

אינמיטן דעם ערשטע וועלט מלחמה חודש אלול בשנת תרע"ד איז דער צדיק דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע מיט מסירת נפש געפארן קיין ליזענסק צום ציון פון רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, וואס דאס איז געווען א גרויסע סכנה אבער דער צדיק האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט.

ביים ציון הקדוש אין ליזענסק האט זיך דער צדיק משתטח געווען אויפן ציון בפישוט ידים ורגלים און ער האט דארט מתפלל געווען די ווערטער, "**רבונו של עולם זכני נא למסור נפשי על קדושת שמך**", ליידער איז די תפלה מקיים געווארן יארן שפעטער בשנת תש"ג ווען דער צדיק וקדוש איז אומגעקומען על קידוש השם הי"ד.

בשנת תרפ"ג האט זיך דער צדיק געצויגען קיין גליציה אין זיך באזעצט אין שטאט **ריישא**, דארט איז ער נתפרסם געווארן **אלס א קדוש וטהור און א גרויסע פועל ישועות**, טויזענטער אידן יראים ושלמים זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און שעפן קדושה, דארט אין ריישא האט ער אויף געשטעלט א ישיבה מיטן נאמען **זרע קודש נאכן הייליגען ראפשיצער רב** זי"ע.

ער האט דארט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער בחורים גאונים און גדולים בדורו, פון זיין ישיבה זענען ארויס געקומען גאר געהויבענע תלמידים, צווישן זיינע תלמידים איז געווען הרה"ק **רבי איציק'ל מפשעווארסק** זי"ע וואס האט זיך געהאלטן אלס א תלמיד מובהק פונעם הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע און רבי איציקל זי"ע האט כסדר דערציילט מעשיות און געריעדט פון די גדלות און קדושה פון זיין גרויסן רבין, אויך דער איידעם הרה"ק **רבי יענקעלע מפשעווארסק** זי"ע איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען צדיק מקאלאשיץ.

ער איז געווען גאר שטארק מפורסם מיט זיין התנגדות קעגן די **תנועות השכלה** וואס האט זיך דאן פארשפרייט אין גאנץ פולין, ער האט כסדר גערעדט צו זיינע תלמידים און צו די שטאט מענטשן, אז מען זאל זיך היטן פון דעם ווי פון פייער.

אויך איז ער געווען באקאנט אלס א גרויסער לוחם קעגן די **ציונים** און דעם גרינדינג פון דעם **אגודת ישראל**, ער האט אזוי ווי אסאך צדיקים בדורו גאר שטארק לוחם געווען קעגן די אגודת ישראל, און אפילו עס זענען ליידער געווען גדולים וואס האבן זיך יא צו געשטעלט צו די אגודה, האט דער צדיק וקדוש געזען אין דעם א גרויסע סכנה פארן דור, און דערפאר האט ער זיך ארויס געשטעלט מיטן גאנצן כוח צו לוחם זיין קעגן זיי, און דורך דעם געראטעוועט א גרויס חלק פון כלל ישראל.

אפילו זייענדיג א גרויסער לוחם קעגן די מדינת הציונים, האט אבער דער צדיק מיט א מסירת נפש צוזאמען געשטעלט גרויסע סכומים פאר די אידן אין ארץ ישראל, אויך פון זיין אייגענע מאגערע געהאלט האט ער אוועק געגעבן גאר אסאך געלט פאר די עניי ארץ ישראל, בכלל איז דער צדיק געווען א גאון און גדול במידות הצדקה.

ער האט צוזאמען געשטעלט גרויסע סכומים ארום לויפענדיג אליין נאך געלט פאר עניים און צובראכענע אידן, ער האט כמה פעמים נאך געזאגט דעם ווארט פון זיין גרויסן זיידן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע בזה"ל, "**איך האב נישט מורא פון קיין שום מענטש און אויך נישט פאר א מלאך, אבער פאר א קרעכץ פון א ארימאן, פון דעם האב איך אסאך מער מורא**".

זיין עבודת הקודש איז געווען ממש להפליא, עס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע קדושה און א מסירת נפש ממש, ער איז געווען גרייט יעדע סעקונדע אויס צו גיין למען קדושת השם יתברך, דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע האט מעיד געווען, "**אז דער הייליגער צדיק רבי חנה מקאלאשיץ זי"ע האט נישט פארגעסן פונעם בורא כל העולמים אפילו אויף א רגע**".

איינמאל איז די מאמע פונעם הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע געקומען צום הייליגען צדיק הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, און זי האט

געוואלט אריין גיין צום בעלזא רב, ווען מען האט געפרעגט דעם הייליגען בעלזא רב אויב מען זאל איר אריין לאזן, האט דער הייליגער בעלזא רב געזאגט, "**זי איז דאך די מאמע פון דעם הייליגען איד, וואס זיין יראת שמים איז מפורסם אין די וועלט**".

ווי באוויסט איז דער צדיק געווען גאר אויס געארבעט מיט די מידה פון **אהבת ישראל** און איז געווען א גאר צוגעלאזענע מענטש, ער האט יעדן איד מקבל געווען בסבר פנים יפות, איז איינמאל געשען, אז דער מנקר ביי די פלייש וואס איז געווען א תלמיד חכם, אבער איז געווען א קפדן וואס איז כסדר געווארן אין כעס.

האט אים דער הייליגער צדיק געזאגט בדרך צחות, אין די ספרים שטייט, אז דורך כעס איז מען נישט זוכה צו גילוי אליהו פאר 40 טאג, איז אפילו אונז זעמיר נישט זוכה צו גילוי אליהו, איז דאס דאך נאר א אונס, א**בער פארוואס דארפן מיר גורם זיין אז עס זאל זיין נאך א סיבה פארוואס מען איז נישט זוכה דערצו.**

דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע פלעגט נאך זאגן, בשם זיין זיידן דער הייליגער שינאווער רב זי"ע, בשם דעם צדיק הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע, **אז ווען א איד זעט א א צורת צדיק אין חלום, איז דער חלום זיכער אמת**, ווייל די קליפות רח"ל קענען זיך מתלבש זיין מיט יעדן צורה, **אבער מיט א צורה פון א צדיק קענען זיי זיך נישט מתלבש זיין**, און דערפאר מיז זיין אז די חלום איז אמת, און דאן האט דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע צו געלייגט, אז ער זעט דאס בחוש, ווייל ווען עס קומט א טאג וואס ער האט א אמתע הרהור תשובה **דאן זעט ער דעם זיידן דער שינאווער רב זי"ע אין חלום ביינאכט**.

ווי באקאנט האט דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע געהאט גאר הייליגע אויגן, וואס די חסידים האבן געזען בחוש, ווי דער צדיק האט מעורר געווען יעדעס מאל אויף זאכן וואס דער עולם האט געברויכט התחזקות, און כמה פעמים זענען געווען זאכן וואס עס האט קיינער פון דעם נישט געוויסט, אבער דער צדיק מיט זיינע הייליגע אויגן האט דאס מרגיש געווען.

איינמאל האט דער הייליגער צדיק געזאגט, **אז היינט איז שוין נישט בנמצא א צדיק וואס האט רוח הקודש**, האט זיך איינע פון די חסידים אנגערופן מיט א פלא, ווי אזוי קען די רבי דאס זאגן, ווען מען זעהט ביי אונז ווי דער רבי מיט זיין רוח הקודש זאגט ביי די תורה מוסר אויף זאכן וואס קיינער האט פון דעם נישט געוויסט.

האט דער הייליגער צדיק מיט זיין גרויס עניוות געענטפערט, **דאס איז נישט קיין רוח הקודש, נאר דאס איז א כח מיוחד וואס מען גיט מיר פון הימל די ווערטער מיט וואס צו מעורר זיין די אידן צו תשובה און תיקון המעשים, אבער דאס איז נישט קיין רוח הקודש**.

נאך די מלחמה איז ארויס געקומען א **ספר דברי חנה** וואס האט אין זיך די תולדות פונעם צדיק און אויך אביסל פון זיינע הייליגע חידושי תורה.

ער האט געהאט הייליגע קינדער, אבער ליידער זענען זיי אלע אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די דייטשן ימ"ש.

הרה"ק **רבי משה אהרן מקאלאשיץ** זי"ע, הי"ד, חתן הרה"ק **רבי דוד דוב מייזליש מאוהעל** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד ארי' לייביש מפריסטיק** זי"ע, הי"ד, חתן דודו הרה"ק **רבי אביגדור הלברשטאם** זי"ע,
הרה"ק **רבי ברוך הלברשטאם** זי"ע, הי"ד, חתן הרה"ק **רבי חיים ברוך רובין מוואישניצא** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלום הלברשטאם** זי"ע, הי"ד, חתן דודו הרה"ק **רבי חיים ברוך הלברשטאם מפריסטיק** זי"ע,
**החתן הצדיק יקותיאל יהודה** זי"ע, הי"ד, התחתן אים בת דודו הרה"ק **רבי יחזקאל מדוקלא** זי"ע,
בתו **הצדקת שרה** ע"ה, הי"ד, **מאורסת לבחור החריף חיים** ע"ה, הי"ד, בן הרה"ק **רבי יעקב צבי אב"ד סוכא** זי"ע, הי"ד, בן הרה"ק **רבי ישעי' מטשחויב** זי"ע,
בתו **הצדקת מרים ברכה** ע"ה, הי"ד, **מאורסת לבחור יחזקאל שרגא** ע"ה הי"ד, בן הרה"ק **רבי אפרים דוד הלברשטאם מיאשליסק** זי"ע.

ליידער בשנת תרצ"ז האט שוין דער הייליגער צדיק וקדוש דער קאלאשיצער רב זי"ע מרגיש געווען, אז עס קומט שווערע צייטן אויף כלל ישראל, ער האט כמה פעמים דערמאנט די צרות, און געציילטע תלמידים ובתוכם רבי איציק'ל זי"ע

האבן געהערט גאר שווערע דיבורים פונעם צדיק אויף די צרות וואס קומט.

כ"ג אלול בשנת תרצ"ט איז דער הייליגער צדיק מיט דעם גאנצן עולם אנטלאפן פונעם שטאט ריישא, דאן איז פולין געווארן צוטיילט צווישן די די דייטשן און רוסלאנד, און דער עולם האט געמיינט, אז דער צדיק וועט אויס וועלן צו גיין אויף די זייט אונטער רוסלאנד, אבער דער צדיק האט געזאגט, **די דייטשן ווילען אונז אידן אומברענגען, אבער די רוסען ווילען אויס רייסן די תורה פון אידישע קינדער, און דאס איז אסאך ערגער**.

**ליידער דעם צווייטע טאג ראש השנה בשנת תרצ"ט** זענען די דייטשן ימ"ש אריין געקומען אין שטאט ריישא, און פארטריבן יעדן פון ביהמ"ד אינמיטן דאווענען מוסף, און יעדן אריין געלייגט אין די וועגענער, ווען מען האט דעם רבין געפרעגט ווי מען גייט, האט דער צדיק געענטפערט, "**מיר גיין קעגן משיח צדקנו**".

דארט איז דער צדיק געזעצן פאר א יאר און ליידער האט מען דארט גאר שווער מיט געמאכט, אלול בשנת ת"ש האט זיך דער צדיק אריבער געצויגען קיין **פריסטיק**, דאן האבן די חסידים און תלמידים פונעם צדיק געארבעט גאר שווער אריבער צו טראגן דעם רבין קיין **בארדיוב** וואס פון דארט וואלט ער זיך אפשר געקענט מציל זיין, אבער דער הייליגער צדיק וקדוש האט זיין הייליגע עדה נישט געוואלט פארלאזן און איז געבליבן מיט זיי.

י"ח תמוז בשנת תש"ב איז פאר געקומען א סעלעקציע, און ליידער האט מען פאר אורטיילט דעם גאנצן משפחה פונעם צדיק רח"ל למיתה, און זיי זענען יענעם טאג ליידער אומגעקומען על קידוש השם הי"ד, בנס האט מען דעם צדיק דאן אפגעשוינט און מען האט דעם צדיק דאן געשיקט אויף די רעכטע זייט.

די גאנצע צייט אין לאגער האט דער צדיק מחזק געווען די אידישע קינדער און ער האט מיט א מסירת נפש ווייטער געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט זיין קדושה פונקט ווי בעפאר די מלחמה, און אפילו נאכן פארלירן דעם גאנצן משפחה אויף קידוש השם, האט זיך דער צדיק אבער מחזק געווען מיט זיין געוואלדיגע אמונה און נישט געלאזט די נאנטע ח"ו פאלן.

אינמיטן דעם זומער איז דער צדיק אנטלאפן און זיך אויס באהאלטן פון די רשעים, אבער סוף זומער האבן די רשעים געכאפט דעם צדיק און אים איין געזעצט אין תפיסה אין שטאט **יאסלע**, דארט זענען געווען אפאר באקאנטע אידן פונעם רבין ובתוכם הרה"ק **רבי הירש יוסף רובין מיאסלע** זי"ע, און נאך 15 אידן.

אפאר טאג בעפאר סוכות האט א איד פארשאפט פארן רבין ווין אויף קידוש און ער האט דאס אריין געשווערצט אין תפיסה פארן צדיק, אבער דער צדיק האט זיך נאכגעפרעגט פון ווי די ווין קומט, און ער האט נישט געוואלט מאכן דעראויף קיין קידוש, ביז מען האט אים באשטעטיגט אז די ווין קומט פון א גאר ערליכער איד וואס האט געהיטן אז עס זאל נישט ווערן יין נסך.

**ליידער דעם צווייטן טאג חוה"מ ח"י תשרי בשנת תש"ג**, ווען די יונגערע פונעם לאגער וואס זענען געגאנגען אין די ארבעט זענען צוריק געקומען, האבן זיי נישט געטראפן די עלטערע וואס זענען דארט געבליבן, ובתוכם דעם הייליגן צדיק וקדוש **דער קאלאשיצער רב** זי"ע, האט זיי דער שומר דערציילט, אז די רשעים די דייטשן ימ"ש זענען אריין געקומען אינמיטן טאג, און ארויס געפירט דעם רבין און די אנדערע און זיי רח"ל אומגעברענגט אויף קידוש השם.

נסתלק לגנזי מרומים **ח"י תשרי ב' דחוה"מ סוכות אושפיזא דמשה רעיא' מהימנא בשנת תש"ג**, דורך די דייטשן ימ"ש, און מען האט די קדושים באגראבן דעם קומענדיגן טאג, און ליידער איז די גאנצע משפחה קדושים אומגעקומען על קידוש שמו יתברך.

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט,** אז איינמאל איז ער געווען אויף שבת קודש ביי זיין הייליגען רבין דער קאלאשיצער רב זי"ע, שבת נאכמיטאג איז די רבי אריין געקומען אין ביהמ"ד און דורך געזיכט אלע שטענדערס, מען האט געזען אז דער צדיק זיכט עפעס.

סוף דבר האט דער צדיק געטראפן **א שטיקל קוגל אין איינע פון די שטענדערס**, דאן האט דער צדיק געזאגט, אז שוין א שטיק צייט האלט ער א אויג אויף איינע פון די בחורים וואס גליטשט ליידער פון אידישן וועג, היינט ביים טיש האב איך אים געגעבן א שטיקל קוגל פון די שיריים, האפענדיג אז מיט דעם וועט ער כאפן א הרהור תשובה, אבער איך האב גלייך פארשטאנען, אז ער האט דאס נישט געגעסן, **דערפאר האב איך געוואלט וויסן ווי דאס קוגל איז אנגעקומען**.

• • •

**אין ספר דברי חנה ווערט געברענגט א מעשה,** וואס ברענגט ארויס דאס גדלות און עניוות און דעם גרויסן אהבת ישראל פון דעם הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע.

אין שטאט קאשוי האט געוואוינט א איד א גרויסער ארימאן א עני ואביון ל"ע, מען האט אים גערופן מיטן נאמען "**דער רויטער בעריש**", חוה"מ פסח איז דער צדיק אריין געקומען צופרי אין ביהמ"ד צום דאווענען, און שטייענדיג מיטן טלית אויף די אקסלען האט דער צדיק געזאגט, "**הריני מקבל עלי מצות ואהבת לרעך כמוך**".

איז דער בעריש געקומען צום רבין און זאגט אים מיט חוצפה, ווי אזוי קען די רבי זאגן ואהבת לרעך כמוך, ווען ביים רבין אין שטוב איז דא כל טיב וטוב אויף יו"ט, **אבער ביי מיר אין שטוב איז נישט דא קיין מצות, פיש, אייער, אדער קארטאפל,** דער צדיק האט דעם איד גארנישט געענטפערט, נאר ער האט זיך געשטעלט דאווענען, אבער לפלא האט זיך דער צדיק גאר שטארק צו געיאגט מיטן דאווענען אנדערש ווי זיין מנהג.

גלייך נאכן דאווענען איז דער הייליגער צדיק געלאפן צו זיך אין שטוב מיט א מוראדיגע איילעניש, דער עולם האט זיך זייער געוואונדערט ווי דער צדיק גייט, אבער גלייך נאכדעם האט זיך באוויזען א מחזה, **דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע בכבודו בעצמו לויפט אויפן גאס מיט צוויי פילע זעק מיט כל טיב וטוב**.

אזוי איז דער צדיק געגאנגען א מרחק רב ביז צו דעם איד בעריש אין שטוב, און אהין געגעבן מיט א שמייכל און מיטן גאנצן הארץ דאס גאנצע עסן אז דער איד זאל אויך האבן א שמחת יו"ט, דאן האט שוין אפילו דער איד מסכים געווען, **אז דער צדיק איז מקיים דעם מצוה פון ואהבת לרעך כמוך מיטן גאנצן הארץ**.

• • •

**ווען דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע** איז געווען פאר צרכי רפואות אין שטאט קרעניץ וואס איז געווען א גאר גוטע פלאץ וואס איז געווען באקאנט אלס א מקום רפואה, ווען מען האט פארן צדיק געגעבן צו טרינקען די וואסער פאר רפואה, **האט דער צדיק געמאכט דעם שהכל אויפן וואסער מיט קולות וברקים**, אז מען האט דאס ארויס געהערט אויף די גאס כדרכו בקודש, אז ער האט יעדע מצוה געטון מיט א התלהבות און א אש דקדושה.

האט אים דער גבאי געזאגט, **אז במילא ביי זיך אין שטאט ריישא ווי ער איז רב אז ער מאכט אזאנע קולות איז גוט, אבער דא ווען מען איז אין די פרעמד וואס פעילט אויס צו מאכן אזא רעש**.

האט אים דער צדיק געזאגט, מען זאגט ביים דאווענען **בּוֹרֵא רְפוּאוֹת, נוֹרָא תְהִלּוֹת**, איז פונקט דא אויפן פלאץ וואס דער הייליגער באשעפער איז "**בּוֹרֵא רְפוּאוֹת**" ער האט באשאפן אזאנע גוטע רפואות, פונקט דא זאל איך זיין א "**נוֹרָא תְהִלּוֹת**" אז איך זאל אים נישט דאנקען אויפן ריכטיגן וועג, ח"ו, טאקע דא דארף מען דאנקען דעם גרויסן באשעפער מיטן גאנצן כוח, און ער האט פארשטייט זיך ווייטער נוהג געווען אזוי דאס גאנצע צייט וואס ער איז דארט געווען.

• • •

**הרה"ק רבי חנה מקאלאשיץ זי"ע האט געזאגט,** פארוואס טרעפט מען נישט קיין שום **תוכחה און מוסר** פון משה רבינו ע"ה אין גאנץ **ספר שמות**, וואס דאס איז געווען דורך די צייט וואס אידן

זענען געווען אין מצרים, אבער נאר נאכדעם וואס די אידן זענען באפרייט געווארן פון מצרים און מען האט באקומען מן פון הימל, **דארט זעהט מען שוין יא אז משה רבינו זאגט מוסר פאר אידישע קינדער**.

ווייל די תורה הקדושה וויל אונז ווייזן, **אז ווען אידן זענען ח"ו אין א עת צרה און מאכן ליידער מיט צרות, זאל מען דאן נישט זאגן קיין מוסר און ח"ו דורך דעם מקטרג זיין אויף אידישע קינדער, נאר דאן דארף א צדיק און א מנהיג ישראל מלמד זכות זיין אויף אידישע קינדער און כסדר טרעפן א לימוד זכות אויף די אידן, ווייל מיט דעם ברענגט מען אז אין הימל זאל מען אויך מלמד זכות זיין אויף אידן**.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע האט דערציילט **דריי מעשיות** בשעת ער האט געבינדן די **הושענות**, צוויי מעשיות האט ער געהערט פונעם **הייליגען דברי חיים מצאנז** זי"ע, און די דריטע פונעם **הייליגען שינאווער רב** זי"ע.

**מעשה א**, אין א שטאט האט געוואוינט א איד א גרויסער עושר, וואס האט אויס געהאלטן 10 משפחות פון תלמידי חכמים וואס זענען די גאנצע טאג געזעצן און געלערנט תורה ביי דעם עושר אין ביהמ"ד, ער האט פאר זיי געלאזט בויען א מקו' אז די אידן זאלן נישט ברויכן אריין גיין אין שטאט, און די אידן זענען טאקע געזעצן על התורה ועבודה ממש די גאנצע טאג.

ליידער איז דער עושר געווארן א יורד, און מען האט אים געזען זיך ארום דרייען אין ביהמ"ד פונעם שטאט און נישט ביי זיך אין ביהמ"ד, ווייל ער האט מער נישט געהאט קיין געלט צו אויס האלטן דעם ביהמ"ד, אידן פון שטאט האבן גערעדט אז ער איז שוין נישט קיין עושר, אבער אנדערע האבן געזאגט בזה"ל, **"א עושר בלייבט א עושר"**.

ליידער צוביסלעך איז ער געווארן ממש א ארימאן, און ער האט אנגעהויבן קומען אין די שטאטישע מקו' יעדן טאג, דאן האבן די אידן ווייטער גערעדט, אז ער איז שוין א יורד און ער האט שוין ממש גארנישט, אבער די אנדערע אידן האבן ווייטער זיך געהאלטן ביי זייערס, **"א עושר בלייבט א עושר"**.

ווען דער אמאליגער עושר האט געהערט די ווערטער וואס די אידן זאגן, אז א עושר בלייבט א עושר, איז ער אהיים געגאנגען, און ער האט גענומען דאס גאנצע בינטל חובות, און ער האט דאס צעריסן אויף שטיקער זאגענדיג **"א עושר בלייבט א עושר"**.

אויף דעם מעשה האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזאגט, רבונו של עולם טאקע דיינע קינדער זענען נעבעך פארשמירט מיט עבירות פון דעם גאנצן יאר, אבער **"א איד בלייבט א איד"**, נישט קיין חילוק ווי נידעריג ער פאלט, נ**עם די אויך אלע עבירות פון אידישע קינדער, און צערייס זיי און זיי מבטל אלע גזירות**.

**מעשה ב**, אמאל זענען די גוים פון א שטאט געקומען צום כומר און געזאגט, אז ער זאל ארויס געבן א גזירה, אז ווער עס שיכור'ט זיך אן, וועט באשטראפט ווערן מיט א גאר הארבע שטראף, כדי דורך דעם זאלן מענטשן נישט פארשווענדן דאס גאנצע געלט אויף וויין און בריינפען.

האט דער כומר געזאגט, אז בעפאר ער געט ארויס דעם גזירה, וויל ער אויס פראבירן זיך אן צו טרינקען און ווערן שיכור, כדי צו וויסן וואס איז די גיטסקייט פון זיין שיכור, דער כומר האט זיך טאקע יענעם טאג גאר שטארק אנגעטרינקען, ביז ער איז געווארן גאר שיכור, און ער האט זיך ארום געוואלגערט אין די מיסט.

דעם קומענדיגן טאג זענען די גוים צוריק געקומען צום כומר הערן אויב ער וויל ארויס געבן דעם גזירה, האט אבער דער כומר געזאגט, לויט מיין השערה דארף מען די מענטשן בכלל נישט באשטראפן, **ווייל דורך די שיכרות קומען זיי אן אין די מיסט, און דאס איז שוין גענוג א גרויסע שטראף**.

האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע אויס געפירט א לימוד זכות אויף אידישע קינדער און געזאגט, **רבונו של עולם די ברויכסט נישט באשטראפן דיינע קינדער אויף די עבירות וואס זיי טוען, ווייל דאס ליגן אין זוהמא פון די אלע עבירות איז שוין גענוג א גרויסע שטראף**.

**מעשה ג**, איינמאל איז א איד ארויס געגאנגען פון שטאט צו שניידן ערבות פאר די הושענות אויף

יו"ט סוכות, האט אים דארט געטראפן א ערל וואס דער שוווער הרה"ק רבי איציק'ל זי"ע האט געזאגט, **אז דאס איז געווען א שד**, און דער גוי פרעגט דעם איד, וואס האסטו אין די האנט.

זאגט דער איד "**הושענות**", האט דער גוי געזאגט פארן איד, דאס איז נישט קיין הושענות דאס איז "**ערבות**", אבער דער איד האט זיך נישט געלאזט, נאר ווייטער געזאגט פארן גוי אז דאס איז "**הושענות**", ביז דער גוי דער שד האט נישט געקענט שולט זיין אויף דעם איד **וויבאלד ער האט ווייטער גערופן די הושענות מיטן נאמען וואס עס איז מקובל אז עס הייסט**.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז ביי די חתונה האט ער באקומען א שיינעם נדן פון זיין שוווער רבי איציק'ל זי"ע, האט אים דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע, וואס איז געווען איין שטיק חסד, געבעטן, **אז ער זאל אים געבן דאס נדן, ווייל ער ברויך דאס האבן פאר זיינע צדקה צוועקן**.

רבי יענקעלע האט נישט געהאט קיין חשק אוועק צו געבן דאס גאנצע געלט וואס ער האט באקומען, האט אים דער הייליגער קאלאשיצער רב געזאגט, **גלייב מיר אז ביי מיר איז דאס געלט אסאך מער זיכער ווי אין די באנק**, האט אים רבי יענקעלע זי"ע געגעבן א חלק פון דאס געלט, **אבער דאס איבעריגע האט ער יא געלאזט אין באנק**.

דערציילט רבי יענקעלע זי"ע, אז ליידער ווען די מלחמה איז אנגעקומען, איז די באנק חרוב געגאנגען, און פונעם געלט אין די באנק איז גארנישט געבליבן, **אבער פון דעם געלט וואס ער האט געגעבן פארן צדיק, אוי איז פון דעם געבליבען עפעס, די מצוות ומעשים טובים וואס דער צדיק האט מיטן געלט געטון**.

• • •

**דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע** האט כסדר זיין גאנץ לעבן געברענט און געקאכט אין אמונה אונעם גרויסן באשעפער, ער פלעגט כסדר שרייען די ווערטער, "**איינציגער באשעפער, לית אתר פנוי מיניה**", און ער האט דאס אריין געבאקען אין זיינע הייליגע קינדער און אויך אין זיינע געהויבענע תלמידים.

• • •

**איינמאל איז דער צדיק געווען אין שינאווא** אויף א שבת קודש ביים הייליגען פעטער הרה"ק **רבי משה'לע שינאווער** זי"ע, און ווי באוויסט האט דער הייליגער צדיק רבי משה'לע משינאווא זי"ע נישט געלאזט מאכן קיין גרידער בשעת זיין טיש, האט מען געזען ווי דער הייליגער צדיק מפני כבודו פונעם פעטער, האט זיך די גאנצע טיש איין געהאלטן פון שרייען.

אבער אזוי ווי דער טיש האט זיך געענדיגט, האט דער צדיק גענומען זיין קליינעם ברוך'ל און אים אויף געהויבן און געזאגט מיט קולות און א אש קודש, **קינד מיינס די ווייסט עס איז דא א איין איינציגער באשעפער אויף דער וועלט לית אתר פנוי מיניה**.

• • •

**אונעם בונקער ווי דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע** האט זיך באהאלטן ביי די מלחמה, איז געווען דארט אויך א איד וואס האט ליידער גארנישט געהאט מיט אידישקייט, ער איז אפילו נישט געווען גע'מל'ט, ער איז ליידער אזוי אויף געוואקסן זיין גאנץ לעבן, און ווי באקאנט האבן די רשעים די דייטשן ימ"ש נישט געמאכט קיין חילוק צווישן ערליכע אידן, אדער אידן וואס זענען ליידער פארקראכן, נאר יעדער וואס האט געהאט סיי וואסערע שייכות צו אידישקייט האט מען ליידער אומגעברענגט.

האט דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע איינמאל געפרעגט דעם איד, **במילא אונז וואס מיר זענען אידן האבן וואס מורא צו האבן פון די רשעים די דייטשן, אבער די וואס די זעסט אפילו נישט אויס ווי קיין איד, די ברויכסט דאך נישט באהאלטן פון די דייטשן**.

האט דער איד געזאגט פארן צדיק, **הער ראבינער, ווי לאנג איך האב אייך נישט געקענט, האב איך געוואלט אויף וואקסן ווי א גוי, אבער זייט איך האב אייך אנגעהויבן קענען דא אין תפיסה, וויל איך מיט טיילן דעם זעלבן גורל ווי ענק אידישע קינדער**.

ווייל די קדושה מיט וואס דער צדיק האט זיך געפירט, אפילו זייענדיג ביי די דייטשן האט איבער

גענומען דעם איד נאכן נישט האבן קיין שום שייכות מיט אידישקייט זיין גאנץ לעבן, **ליידער האט ער טאקע מיט געטיילט דעם זעלבן גורל ווען ער איז אומגעקומען צוזאמען מיטן צדיק על קידוש השם**.

• • •

**אין די יארן ביי די ערשטע וועלט מלחמה**, האט ליידער געהערשט א שרעקליכע צומישעניש, איז דאן אנגעקומען צום הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע א ידוע, אז א קינד וואס איז ארום געלאפן אויף די גאס, איז ליידער פארכאפט געווארן דורך א גרופע קריסטליכע גלחים, דער הייליגער צדיק האט דאס זייער אויפגעברויזט, און ער האט נישט געהאט קיין מנוחה, און אפ געמאכט צו טון אלס מיט זיין כוח ארויס צו נעמען דעם קינד פון דארט.

איין טאג איז דער צדיק וקדוש אריבער צום פלאץ ווי דער קינד איז געווען, פארשטייט זיך אז די גלחים האבן אים נישט אריין געלאזט, ער האט דאס געטון מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ווייל די ממשלה האט דעם צדיק געזיכט, ווייל ער האט אויס געטיילט גאר אסאך פאלשע היתר הוראות פאר אידן כדי זיי זאלן זיך פטר'ן פון די מיליטער, אבער דער צדיק האט פון זיך נישט געטראכט, נאר ער איז געווען גרייט זיך מוסר נפש זיין פאר דעם אידיש קינד.

אזוי איז דער צדיק געגאנגען אפאר מאל, און דורך דעם גדר פון דעם הויז האט ער כסדר גערעדט צו דעם קינד, די ארבעט פון דעם צדיק איז נישט געגאנגען לטמיון, איין טאג איז דער קינד אנטלאפן פון דעם הויז פון די גלחים און ער איז אנגעקומען אין א אידישע שטאט, און ער איז אויס געוואקסן א ערליכער איד, און זכות פון דעם צדיק'ס מסירת נפש.

• • •

**דאס מידת החסד פון דעם צדיק איז געווען ממש אן קיין חשבונות**, ער האט געטון וואס ער האט נאר געקענט ארויס צו העלפן א אנדערן איד, איין טאג איז א איד געקומען בעטן דעם צדיק, אז ער זאל אונטער שרייבן אלס ערב פאר אן הלוואה וואס דער איד האט געוואלט באקומען, פארשטייט זיך אז דער צדיק האט נישט געטראכט קיין צוויי, נאר גלייך אונטער געשריבן, און לכבוד דעם האט דער איד באקומען דעם הלוואה.

ווען עס איז געקומען דעם זמן וואס מען האט געברויכט באצאלן דעם חוב, האט דער איד נישט געהאט דאס געלט, איז מען געקומען בעטן פון דעם צדיק אלס ערב אז ער זאל דאס באצאלן, איז געווען דארט ביים צדיק אפאר נגידים פון קראקא אויף יו"ט, און זיי האבן אפ געמאכט, אז נאך יו"ט וועלן זיי אריין גיין צום צדיק וועגן דעם ענין.

מוצאי יו"ט זענען די נגידים אריין צום רבין און געזאגט, דאס מאל וועלן אונז באצאלן דעם חוב, אבער מיר בעטן דעם רבין, אז די רבי זאל מער נישט אונטער שרייבן אלס ערב אויף הלוואות.

האט דער צדיק אויס געשריגן און געזאגט, **וואס, וואו איז דאס געהערט געווארן, מען וויל מיר באצאלן געלט אז איך זאל מער נישט זיין אן ערב לטובת א איד**.

בשעת מעשה האט דאך דער איד באמת געוואלט באצאלן דעם חוב, און וואס איז ער שולדיג אז ער איז געווען א אונס און האט נישט דאס געלט, ווי אזוי זאל זיך דער איד אן עצה געבן אין זיין ענגשאפט, אבער איך וועל מיך שוין אן עצה געבן אפילו אן ענק אויך, פארשטייט זיך אז די נגידים האבן זיך זייער דערשראקן פון די ווערטער פון דעם רבין, און גלייך באצאלט די גאנצע חוב אן דעם תנאי.

• • •

**ווי באקאנט האט זיך דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע** ביים ערשטע וועלט מלחמה געצויגען קיין קאשוי און נאך די מלחמה קיין גאליציע אין שטאט ריישא, דערציילט מען, אז ווען מען האט געוואלט דריקן די נייע בריוו פאפיר מיטן נאמען פונעם רבין אויף דעם, האט מען געוואלט ווייטער שרייבן **אבדק"ק קאלאשיץ**, ווייל דאס איז געווען די נאמען וואס רוב אידן האבן אים געקענט.

אבער דער צדיק האט בשום אופן נישט געוואלט אז מען זאל שרייבן אב"ד קאלאשיץ, ווייל דאס איז דאך **ליגענט** ווייל ער איז דאך שוין נישט רב אין קאלאשיץ, די אידן האבן זיך פראבירט איינצובעטן ביים רבין אז מען זאל יא שרייבן קאלאשיץ, האט די רבי געהייסן אז מען זאל שרייבן "**הרב מקאלאשיץ חונה פה ריישא**", כדי מען זאל ח"ו נישט שרייבן קיין ליגענט.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז ער איז געווען אין קאלאשיץ ביי זיין רבין, ווי באקאנט האט דער הייליגער קאלאשיצער געהאט א געהויבענע **מנהג מיטן ווארפן עפל**, און יעדער וואס האט געכאפט א עפל פונעם צדיק האט געזען גרויסע ישועות, אבער ער זאגט דער צדיק רבי יענקעלע, **איז געווען א בחור א בטל'ן און זיך נישט געקענט שטיפן צו כאפן א עפל פונעם רבין, און ער איז שוין דאן געווען א אלטער בחור אין שידוכים**.

פלוצלונג איז א בנש"ק געקומען צום הייליגן קאלאשיצער און געבעטן אן עפל, האט דער הייליגער קאלאשיצער געכאפט יענעמ'ס שטריימל, און אריין געלייגט אפאר עפל אין דעם און דאס געווארפן, **לפלא איז דער שטריימל מיטן עפל אריין געפאלן אין די הענט פון רבי יענקעלע**, דער גאנצער עולם האט געשריגן **"מזל טוב"**, צום יאר איז ער געווארן אן איידעם ביי זיין שווער רבי איציקל זי"ע.

דער צדיק רבי יענקעלע האט אבער נישט געווארפן קיין עפל, ווייל ער האט געזאגט אז ער קען נישט די כוונות, אבער איינמאל ביי איינע פון זיינע טישן, ווען ער האט משיג געווען די כוונות, האט ער געבעטן מען זאל ברענגען א זאק עפל, **דער הייליגער צדיק רבי יענקעלע האט זיך איינגעצויגען דעם גארטעל און געווארן בלאס ווי די וואנט, און דאן האט אנגעהויבן פליען עפל מיט ישועות פון אלע זייטן**.

• • •

**איינמאל איז אריין געקומען צום צדיק הרה"ק רבי חנה מקאלאשיץ זי"ע, הי"ד**, א איד וואס האט שוין געהאלטן א שיינע פאר יאר נאך די חתונה, און ער האט ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און ער האט זיך מזכיר געווען ביים הייליגן קאלאשיצער פאר א ישועה, האט אים דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע געזאגט, **אז ער זאל געבן 150 זלאטעס פאר זיין תלמיד רבי איציק'ל זי"ע, וואס איז נאך דאן געווען א יונגערמאן, און אזוי וועט ער געהאלפן ווערן**.

בתוך הדברים איז דער תלמיד רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע אריין געקומען אין שטוב, און דער הייליגער קאלאשיצער האט געוויזן פאר דעם איד, אז ער זאל אהין געבן די 150 זלאטעס פאר רבי איציק'ל, אבער רבי איציק'ל האט נישט געוואלט נעמען דאס געלט, האט אים זיין רבי געזאגט, אז ער הייסט אים נעמען די געלט, האט רבי איציק'ל געזאגט פאר זיין רבין בזה"ל, **"אויף דעם רבינ'ס פלייצעס"**, ווי צו זאגן אז די רבי וועט דעם איד פועל'ן א ישועה.

אבער דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע האט זיך נישט געלאזט, נאר האט געזאגט פאר זיין תלמיד, אז ער זאל דאווענען פאר דעם איד, און ווען רבי איציק'ל איז ארויס פון שטוב האט דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע געזאגט פאר דעם איד בזה"ל, **"דארפסט דיך נישט זארגן, רבי איציק'ל נעמט נישט קיין געלט בחינם"**, לפלא צום יאר איז דער איד געהאלפן געווארן מיט א קינד.

• • •

**אינעם תולדות המחבר אין די הקדמה פונעם ספר דברי חנה ווערט געברענגט**, אז עס איז איינמאל געקומען פאר זיין בית דין א שווערער דין תורה צווישן צוויי אידן, איינער איז געווען א גרויסער עושר און א תקיף אין שטעטל, און דער צווייטער איז געווען אן ארימאן, דער הייליגער קאלשיצער רב זי"ע האט גוט אויסגעהערטביידע צדדים, אריינגעקוקט אין די הלכה, און ארויסגעגעבן דעם פסק לטובת דעם ארימאן.

דער עושר איז געווארן זייער אין כעס און האט אנגעהויבן סטראשען דעם רב, **אז ער וועט אויפהערן שטיצן די קהילה און מאכן צרות**, האט אים דער הייליגער קאלאשיצער רב געזאגט מיט זיין ריינעם מידת האמת, **"דו מיינסט אז דו קענסט מיר שרעקן, ווען איך וועל ארויפגיין אויף יענע וועלט נאך הונדערט און צוואנציג יאר, און מיין זיידע דער הייליגער דברי חיים זי"ע וועט מיר פרעגן, חנהלע, וויאזוי האסטו געפסקנט א דין תורה צוליב מורא פאר א בשר ודם, וואס פאר א פנים וואלט איך דעמאלט געהאט פאר אים"**, דער עושר האט געזען זיין גרויסע אמת'דיגקייט און האט גלייך מקבל געווען דעם פסק הלכה.

• • •

**אין ספר עטרת יחזקאל ווערט דערציילט**, אז ביי שמחת תורה פלעגט ער טאנצן מיט די תורה מיט א געוואלדיגן ברען, אבער דער עיקר עבודה

איז געווען שפעט ביינאכט ביי נעילת החג, שלוש סעודות, ווען עס איז געווארן טונקל אין ביהמ"ד האט ער געזונגען די הייליגע ניגונים פון שינאווא און צאנז, און ווען מען האט זיך געזעגנט פונעם יום טוב האט ער אויסגעבראכן אין אזעלכע ביטערע געוויינען, אז דער גאנצער עולם האט געוויינט צוזאמען מיט אים, און ער פלעגט שרייען "**רבונו של עולם, די ימי הרחמים גייען שוין אוועק, וויאזוי גייט מען אריין אין דעם קאלטן ווינטער אן די הייליגע טעג, גיב אונז כח מיר זאלן מיטנעמען די קדושה אויפן גאנצן יאר**", און זקנים האבן דערציילט, **אז דער טיש האט אויסגעזען פונקט ווי ביי נעילה פון יום הקדוש**.

• • •

**הגה"צ רבי שמואל הלברשטאם מקשאנוב זי"ע האט דערציילט**, אז דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע איז געווען גאר שטרענג אויף כשרות און פלעגט אליין שטיין אין די בעקעריי אכטונג געבן אויף די מצות פארן יו"ט פסח, איין יאר איז געווארן א שאלה אויף א גאנצן טיש מצות, און דער בעל הבית איז געווען אן ארימאן וואס האט מורא געהאט ער גייט פארלירן זיין גאנצע פרנסה.

דער הייליגער קאלאשיצער רב האט געזען, אז מען קען עס נישט מתיר זיין צוליב די חומרא פון פסח, און האט געהייסן פארברענען די אלע מצות, אבער גלייך נאכדעם האט דער רב ארויסגענומען געלט פון זיין אייגענער קעשענע און עס געגעבן פארן בעל הבית, און דער הייליגער קאלאשיצער רב האט געזאגט, "**די תורה הייסט אונז זיין נזהר במשהו חמץ, אבער די תורה הייסט אונז אויך אז א צווייטער איד טאר נישט ליידן קיין היזק און קיין צער, די מצה קען מען נישט עסן, אבער דיין שאדן טאר נישט בלייבן אויף דיר**".

• • •

**מפי זקני חסידי צאנז ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע האט געהאלטן גאר שטארק פונעם מנהג פון זיין זיידן דער שינאווער רב זי"ע **מיטן באקן מצות ערב פסח נאך חצות**, ער פלעגט זיך אליין אנטון א פארטוכעל און שטיין נעבן די וואס האבן געקנאטן און געוועלגערט, און האט נישט אראפגענומען די אויגן פאר קיין איין רגע, עס איז געווען א פחד אריינצוברענגען דאס מים שלנו אין בעקעריי, ווייל ער האט פאראהערט די שואבי מים מיט וואספארא כוונות זיי האבן

געשעפט דאס וואסער, און ער האט געהייסן שטענדיג זאגן **לשם מצת מצוה מיט א הויכן קול אן קיין הפסק**, מען האט געזען אויף אים אז ער איז נישט בלויז מקיים א מצוה, נאר ער פירט מלחמה מיט די יצר הרע און ער גרייט צו די שמירה פאר גאנץ כלל ישראל, און דער עולם פלעגט שטיין מיט א ציטער אין בעקעריי פון זיין גרויסער קדושה.

• • •

**אין ספר תולדות אנשי שם בגליציה ווערט געברענגט**, אז אין די יארן נאך דער ערשטער וועלט מלחמה זענען אסאך אידן געבליבן אן קיין דאך איבערן קאפ און זענען ארומגעלאפן פון שטעטל צו שטעטל.

איין נאכט, שפעט אין א קאלטן ווינטער, האט אן ארימער פליט געקלאפט אויף די טיר פונעם רב'ס הויז אין קאלשיץ, דאס הויז איז שוין געווען פול מיט ארעמעלייט און אורחים וואס האבן געגעסן און געשלאפן דארט, און ס'איז נישט געבליבן קיין איין ליידיגע בעט אדער באנק.

דער הייליגער קאלשיצער רב זי"ע האט אים אריינגענומען מיט א שמייכל, אים געגעבן ווארימע טיי און עפעס צו עסן, ווען דער איד האט געפרעגט וואו ער קען לייגן דעם קאפ, **האט דער רב אים אריינגעפירט אין זיין אייגן שלאף צימער און אים געגעבן זיין אייגן בעט, און דער רב אליין איז געגאנגען אין ביהמ"ד און האט דארט געלערנט און געדרימלט אויף א שווערער באנק ביז צופרי**, ווען די בני בית האבן געזען וואס ער האט געטון, האט ער געזאגט, "**א איד איז דאך דורך אזעלכע שווערע צרות און ביטערנישן, וויאזוי קען איך ליגן אויף א ווייכער בעט, ווען א צווייטער איד האט נישט וואו צו שלאפן**".

• • •

**אינעם הקדמה פונעם קונטרס עטרת חנה ווערט דערציילט**, אז אין שטוב פונעם הייליגן קאלאשיצער רב זי"ע און אין זיין ביהמ"ד, איז געווען א שטרענגער חרם אויף **לשון הרע און רכילות**, איינמאל איז געקומען א בעל הבית צו אים זיך באקלאגן אויף א צווייטן איד פון שטעטל וועגן עפעס א מסחר, אינמיטן רעדן האט יענער אנגעהויבן פארציילן חסרונות אויף יענעם איד וואס האט בכלל נישט געהאט קיין שייכות צום דין תורה.

דער הייליגער קאלשיצער רב האט גלייך פארמאכט די אויערן מיט ביידע הענט און אויפגעשטאנען פון פלאץ מיט א שרעק, און ער האט געזאגט פאר יענעם בעל הבית, "**איך בין גרייט צו זיצן שעות לאנג צו טון א טובה און צו מאכן שלום אדער פסקנ'ען לויט די הייליגע תורה, אבער איך בין נישט גרייט צו טמא מאכן מיינע אויערן אפילו מיט איין ווארט פון לשון הרע, אויב דו ווילסט רעדן פונעם דין תורה זאלסטו ברענגען יענעם איד פנים אל פנים, אבער אונטערן רוקן שמוץ אויף א צווייטן איד וועסטו ביי מיר אין שטוב נישט רעדן**", יענער איז געווארן שטארק פארשעמט און האט געבעטן מחילה, און דער ענין איז פארהאנדלט געווארן נאר אויפן גראדן וועג פון הלכה.

• • •

**אין ספר שמועות וסיפורים ווערט דערציילט**, אז עס איז אמאל געקומען א יונגערמאן וואס איז שוין געווען עטליכע יאר חתונה געהאט און האט נישט געהאט קיין קינדער, דער יונגערמאן איז געווען גאר צעבראכן און האט געוויינט און געבעטן דעם הייליגען קאלשיצער רב זי"ע אז ער זאל אים געבן א ברכה, דער הייליגער קאאשיצער רב האט גענומען זיין קוויטל, אריינגעקוקט דערין מיט א גרויסער התעוררות, און אנגעהויבן אים מחזק זיין מיט ווערטער פון בטחון.

דערנאך האט ער אים געזאגט, "**איך בין נישט קיין בעל מופת און איך האב נישט קיין כוחות צו מאכן ניסים, אבער דאס קען איך דיר יא זאגן, מיין זיידע דער הייליגער שינאווער רב האט מיר געלערנט, אז ווען א איד ברעכט זיך אונטער פארן בורא עולם און נעמט אויף זיך א קבלה טובה בין אדם לחבירו, עפנט מען אים די טויערן אין הימל, גיי אהיים, זיי נזהר יעדע וואך צו העלפן אן אלמנה אדער א יתום מיט וואס דו קענסט פאר שבת, און השי"ת וועט רחמנות האבן**", דער יונגערמאן האט אזוי געטון, און נישט מער ווי א יאר שפעטער האט ער געמאכט א ברית פאר א זכר למזל טוב, און ער איז געקומען קיין קאלשיץ געבן דעם רב סנדקאות.

• • •

**אין זכרונות קהילת קאלשיץ ווערט געברענגט**, אז אפילו אין די ערגסטע פרעסטן פון גאליציע, ווען די שנייען זענען געווען אנגעלייגט ביזן קני און די וועגן זענען געווען פארפרוירן, איז נישט געווען אזא מושג אז דער רב זאל נישט גיין אין מקוה פארן דאווענען און לערנען, איין ווינטער נאכט איז די הייצונג אין מקוה צעבראכן געווארן און דאס וואסער איז געווען קאלט ווי אייז, ממש מען האט געדארפט צוברעכן דעם אייז כדי צו קענען טובל'ען.

דער שמש האט געוואלט אפהאלטן דעם רב און האט געזאגט אז עס איז א סכנה פאר די געזונט, אבער דער הייליגער קאלאשיצער רב האט נישט געוואלט הערן דערפון און האט געזאגט, "**פאר פרנסה אדער געלט לויפן מענטשן אין קעלט און שניי, און מען פארגעסט פון אלע שוועריקייטן, וויאזוי קען מען זיך צוגרייטן צו דינען דעם בורא עולם אן קיין קדושה און טהרה צוליב אביסל קאלט וואסער**", און דער צדיק האט זיך גע'טובל'ט אין דעם אייזיגן וואסער מיט א רואיגקייט און איז גלייך געגאנגען אין ביהמ"ד לערנען מיט א געוואלדיגן ברען **כאילו עס וואלט געווען אינמיטן זומער**.

• • •

**הגה"ק רבי נפתלי ממעליץ זי"ע האט דערציילט**, אז כאטש דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע איז געווען אן אייניקל פון די גרעסטע מנהיגי הדור און א גרויסער גאון אין הלכה, איז זיין עניוות געווען למעלה מדרך הטבע, ער האט קיינמאל נישט געוואלט נעמען קיין שום כבוד פאר זיך.

ווען עס איז געקומען א שאלה פון א שחיטה אדער א שווערע עגונה שאלה, כאטש ער האט גוט געוואוסט דעם קלארן פסק, פלעגט ער שטענדיג שרייבן תשובות צו די ארומיגע רבנים און גאונים, ווי זיין פעטער דער צאנזער קלויזענבורגער רב אדער דער באבאווער רב, און ער פלעגט שרייבן מיט אן אויסטערלישער הכנעה, "**הנה באתי כעני בפתח לשאול את פי כבוד תורתם, כי קטונתי מכל החסדים ואיני ראוי להכריע**", אלע גאוני דורו האבן געציטערט פון זיין גדלות און האבן געזאגט, **אז זיין עניוות איז נאך גרעסער ווי זיין גאונות**.

• • •

**אין ספר זכרונות קאלאשיץ ווערט דערציילט**, אז ערב יום טוב פסח פלעגט דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע אליין ארומגיין שפעט

ביינאכט ווען קיינער זעט נישט, און אונטערשטיפן מעות חטים און געלט אונטער די טירן פון די ארעמע מלמדים און כלי קודש פון שטעטל, ער האט געציטערט אז קיינער זאל חלילה נישט וויסן פון וואו דאס געלט קומט, כדי נישט צו פארשעמען קיין שום איד, איינמאל האט א מלמד אים באמערקט אין די פינסטערניש און געוואלט באדאנקען, **האט דער רב זיך זייער דערשראקן און אים באשוואוירן ביי זיין לעבן, אז ער זאל פאר קיינעם נישט אויסזאגן ביז נאך זיין פטירה**, זאגנדיג, **אז א מצוה וואס מען טוט מיט פרסום פארלירט איר גאנצע קדושה**.

• • •

**אין הקדמת ספר דברי חנה ווערט דערציילט**, אז מען האט דעם הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע קיינמאל נישט געזען בענטשן ברכת המזון אויסענווייניג, אפילו ווען ער איז געווען אונטערוועגנס אדער שוואך, ער פלעגט שטענדיג נעמען א גרויסן בענטשער מיט אותיות מאירות עינים, און יעדעס איינציג ווארט ארויסזאגן פונעם כתב ממש ווי מען ציילט טייערע פערל, ער פלעגט זאגן פאר די בחורים און יונגעלייט, אז אין ספר החינוך שטייט, **אז ברכת המזון ברענגט עשירות און פרנסה בריווח, אבער דער עיקר איז צו דאנקען דעם באשעפער מיט הכנעה אויף יעדן ביסן וואס מען לייגט אריין אין מויל, און א מענטש וואס כאפט אפ די ברכה, צייגט אז ער שפירט נישט פאר וועמען ער שטייט**.

• • •

**אינעם קונטרס מנהגי קהילת קאלשיץ ווערט דערציילט**, אז אין יענע יארן פלעגן טייל מענטשן זיך צונויפנעמען אין די ווינטערדיגע נעכט און פארברענגען די צייט מיט שפילן קארטן און ליידיגע שמועסן, דער הייליגער קאלשיצער רב זי"ע האט דאס נישט געקענט צוזען ווי מען פארלירט טייערע אידישע שעות אויף הבל וריק.

ער פלעגט אליין אריינגיין אין די הייזער און קרעטשמעס מיט א ווארימען שמייכל, זיך אוועקזעצן מיט די מענטשן, און אנהייבן פארציילן מעשיות פון צדיקים און עובדות פון זיין זיידן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, ביז זיי אליין האבן זיך געשעמט און אוועקגעלייגט די שפילערייען, און מיט זיין געוואלדיגע נועם המידות און אהבת ישראל האט ער באוויזן אפצושטעלן דעם מנהג אין גאנצן שטעטל אן קיין שום כעס אדער מחלוקת, און אנשטאט דעם האבן זיי געעפנט א שיעור אין עין יעקב יעדן אוונט.

• • •

**אין ספר עטרת יחזקאל ווערט דערציילט**, אז עס איז אמאל געקומען א צובראכענע מאמע וויינען צום הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע, אז איר איינציג קינד ליגט מיט א הויכן היץ און די דאקטוירים האבן שוין כמעט אויפגעגעבן חלילה, דער רב האט נישט גענומען קיין פדיון נפש, נאר איז גלייך געגאנגען צום ארון קודש אין זיין ביהמ"ד, געעפנט די טירן, אריינגעלייגט דעם קאפ צווישן די ספרי תורה און אנגעהויבן וויינען מיט אזעלכע קולות, אז אלע וואס זענען דארט געווען האבן געציטערט.

און ער האט געזאגט, "**רבונו של עולם, קוק אויף די טרערן פון די מאמע, דו ביסט דאך דער אבי יתומים ודיין אלמנות ורופא חולים, שיק א רפואה שלימה פאר דעם ריינעם קינד וואס האט נאך קיין טעם חטא נישט געקאסט**", נישט מער ווי עטליכע שעה שפעטער איז די היץ אראפגעפאלן און דאס קינד איז געראטעוועט געווארן, און די דאקטוירים האבן געזאגט, אז דאס איז געווען העכער ווי די נאטור.

• • •

**עס ווערט דערציילט מפי זקני יאסלא וריישא**, אז איין נאכט איז געקומען צום הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע א פארפאלק וואס האבן שוין געהאלטן ביים זיך גט'ן נאך יארן פון שווערע מחלוקות און קריגערייען, דער רב האט זיך אריינגעלייגט אין די זאך מיט א געוואלדיגן געדולד, און געזעסן מיט זיי פון חצות הלילה ביז פארטאגס, אויסגעהערט יעדע קלייניקייט און אראפגענומען יעדע פאראיבל.

ווען דער גבאי האט געזען אז דער רב איז שוין אינגאנצן אפגעשוואכט און האט נאך יענעם טאג נישט געגעסן, האט ער געוואלט ארויסבאגלייטן די מענטשן, אבער דער רב האט אים אפגעשטעלט און געזאגט, "**דער אייבערשטער האט מוחל געווען אויף זיין הייליגן נאמען אז מען זאל עס אפמעקן אויפן וואסער כדי צו ברענגען שלום בין איש לאשתו, ווער בין איך א פשוט'ער בשר ודם אז איך זאל שפארן מיין כח אדער מיין שלאף**, ווען עס

**רעדט זיך פון שלום מאכן ביי א אידישע שטוב**", יענע נאכט האבן זיך די פארפאלק איבערגעבעטן און געלעבט בשלום ובשלווה ביז די עלטערע יארן.

• • •

**אין ספר תולדות חכמי גאליציה ווערט דערציילט**, אז עס איז אמאל געברענגט געווארן צום הייליגען קאלשיצער רב זי"ע, א יונג בחור'ל פונעם שטעטל פריסטיק **וואס איז פלוצלונג געווארן רח"ל פאראליזירט אויף איין פוס און האט נישט געקענט גיין אויף די פיס פאר עטליכע חדשים**, די דאקטוירים אין קראקא האבן שוין געוואלט אפשניידן א טייל פונעם פוס צוליב א שווערע אינפעקציע וואס האט זיך פארשפרייט.

דער פאטער איז געקומען צו לויפן מיט בכיות נוראות צום הייליגען קאלאשיצער רב זי"ע, דער הייליגער קאלאשיצער האט אריינגעקוקט אינעם קוויטל, גענומען א שטיקל שיריים חלה פון זיין טיש וואס איז געבליבן פון סעודת שבת, עס געגעבן פארן פאטער און געזאגט, "**נעם דאס אהיים, און מען זאל אנטון פארן בחור'ל נייע שיך לכבוד דעם הייליגן שבת, און מוצאי שבת קודש נאך הבדלה זאל דאס קינד אויפעסן די שיריים חלה**", דער פאטער האט אזוי געטון מיט אמונה פשוטה, און דעם קומענדיגן זונטאג צופרי איז דאס קינד אויפגעשטאנען פון בעט און אנגעהויבן גיין אויף זיינע אייגענע פיס כאילו לא היה, אן קיין שום סימן פונעם קרענק.

• • •

**אינעם קונטרס עטרת חנה ווערט דערציילט**, אז בעפאר די ערשטער וועלט מלחמה, האט א פוילישער פריץ וואס איז געווען א שונא ישראל געוואלט פארטרייבן עטליכע אידישע משפחות פון א דארף נעבן קאלשיץ, און ער האט זיי אנגעקלאגט ביים ראיאן געריכט מיט פאלשע שווינדלערייען אז זיי באגנבענען דאס לאנד, די אידן זענען געשטאנען פאר א סכנה פון פארלירן דאס גאנצע פארמעגן און גיין אין תפיסה.

זיי זענען געקומען צום הייליגען קאלשיצער רב זי"ע ציטערנדיג פאר שרעק, דער רב האט פארמאכט די אויגן פאר לאנגע מינוטן, געזיפצט פון טיפן הארצן, און דערנאך אויפגעהויבן די אויגן און געזאגט מיט א שטארקייט, "**דער שונא וועט גארנישט אויספירן, גייט אהיים און זאגט קאפיטל פ"ג אין תהלים זיבן מאל יעדן טאג ביזן משפט**", אויפן טאג פונעם משפט איז דער פריץ פלוצלונג שטארק פארנעפלט געווארן, ער האט פארגעסן אלע זיינע טענות, און אינמיטן רעדן פארן ריכטער האט ער זיך אזוי פארפלאנטערט מיט ליגנטס, און דער ריכטער האט אים ארויסגעווארפן פון געריכט מיט גרויס חרפה און אפגעווארפן דעם גאנצן בלבול.

• • •

**אין ספר שמועות וזכרונות לבית צאנז ווערט דערציילט**, אז א איד א תלמיד חכם פון שטאט צאנז איז געווען צוואנציג יאר נאך די חתונה און נישט געהאט קיין זש"ק, ער איז שוין ארומגעפארן צו אלע צדיקי הדור אבער איז נאכאלץ נישט געהאלפן געווארן.

ווען ער איז געקומען קיין קאלשיץ, האט דער הייליגער קאלאשיצער רב אים געפרעגט **צי ער היט שטענדיג אויף די הלכה פון צדקה פאר עניי עירך**, דער איד האט געזאגט פארן רבין, **אז ער גיבט שטענדיג פאר גרויסע מוסדות אבער פאר די ארימעלייט אין זיין אייגן געסל קוקט ער זיך נישט אזוי פיל אום**.

האט אים דער רב געזאגט, "**השי"ת פירט די וועלט מדה כנגד מדה, ווען א מענטש עפנט זיין הארץ צו די נאנטע וואס ליידן, עפנט מען אים די מקור הברכה פון אויבן**", און דער הייליגער קאלאשיצער רב האט דעם איד אנגעוואונטשן מיט א ווארעמע ברכה, און געזאגט, "**זאלסט זיך פארנעמען צו שפייזן אן ארעם יתומ'ל ביז זיין חתונה, און בזכות דעם וועסטו אויפגעראכטן ווערן מיט זרע של קיימא**", דער איד האט גלייך אריינגענומען א יתום אין שטוב, און ביז א יאר איז זיין ווייב נפקד געווארן מיט א געזונט יונגל, וואס איז שפעטער געווארן א באקאנטער מרביץ תורה.

• • •

**אין ספר יזכור קאלשיץ ווערט דערציילט**, אז איינמאל אין א הייסן זומער טאג האט אויסגעבראכן א שרעקליכע שריפה אין די האלצערנע הייזער ביים עק שטעטל קאלשיץ, דער ווינט האט געבלאזן מיט א געוואלדיגן כח גראד צום צענטער פונעם שטעטל וואו די מערסטע אידישע געשעפטן און דער בית המדרש זענען געשטאנען, און די איינוואוינער האבן

אנגעהויבן ארויסשלעפן די חפצים אין גאס מיינענדיג אז דאס גאנצע שטעטל גייט חלילה פארברענט ווערן.

מען איז געלאפן רופן דעם הייליגן קאלאשיצער רב זי"ע, דער רב איז ארויסגעקומען מיט זיין שטעקן, צוגעגאנגען ביז צום גרעניץ וואו דאס פייער האט שוין דערגרייכט דעם נעקסטן דאך, געשאקלט זיין קאפ צום הימל און געשלאגן מיט זיין שטעקן דריי מאל אויף דער ערד, זאגנדיג דעם פסוק "**ותשקע האש**", אין יענע סעקונדע האט דער ווינט אינגאנצן געטוישט זיין ריכטונג צו די ליידיגע פעלדער אוועק פונעם שטעטל, און דאס פייער איז איינגעלאשן געווארן אן קיין שום שאדן פאר די אידישע הייזער.

• • •

**מפי זקני חסידי באבוב ווערט דערציילט**, אז אין איין יאר איז געווען א שווערע טרוקעניש אין גאנץ גאליציע, חדשים לאנג האט נישט גערעגנט און די ברונעמס אין קאלשיץ זענען כמעט אינגאנצן אויסגעטריקנט געווארן, די מענטשן האבן געמוזט שלעפן וואסער פון ווייטע טייכן מיט גרויס פלאג, די קהילה לייט זענען געקומען וויינען צום רב, אז די בהמות גייען אויס פון דארשט און עס איז נישטא קיין טרונקען וואסער פאר די קינדער.

דער הייליגער קאלשיצער רב זי"ע האט זיך פארשפארט אין זיין חדר מיוחד און געזאגט תהלים מיט גרויסע בכיות עטליכע שעה, נאכמיטאג איז ער ארויסגעקומען אינעם הויף הינטערן בית המדרש, **געוויזן אויף א פלאץ אין דער ערד וואס איז געווען שטיינערדיג און הארט, און געהייסן גראבן דארט**, די לייט האבן אנגעהויבן גראבן אן קיין האפענונג, אבער נאך קוים צוויי מעטער טיף, **האט פלוצלונג אנגעהויבן שטראמען א פרישע קלארע וואסער-קוואל מיט אזא שטארקייט, אז דער גאנצער ברונעם איז אנגעפילט געווארן ביז אויבן**, און דאס גאנצע שטעטל האט געהאט וואסער בריווח ביז עס האבן אנגעהויבן פאלן די ערשטע גשמי ברכה.

• • •

**הרה"ח ר' שלום רובין ז"ל האט דערציילט**, אז אין די יארן פאר דער ערשטער וועלט מלחמה, האט מען געכאפט א חשוב'ן יונגערמאן פון קאלשיץ צום עסטרייכישן מיליטער, און מען האט אים געוואלט פירן ווייט אוועק צו די פראנטן וואו אסאך זענען ליידער פארפאלן געווארן אדער נכשל געווארן אין טריפות.

די משפחה איז געקומען צו לויפן אינגאנצן צעבראכן צום הייליגן קאלשיצער רב, און האבן דערציילט די ביטערע בשורה, דער רב האט גענומען דעם נאמען פונעם אינגערמאן, אריינגעקוקט דעריין, און געזאגט פארן טאטן, "**נעם דעם חומש ויקרא, לייג עס אריין אין זיין טלית-בייטל, און זאג אים, אז ביי דער מעדיצינישער קאמיסיע זאל ער האלטן דעם קאפ אין דער פרשה פון שמיני און איבערחזר'ן אין מח די פסוקים פון טהרה**".

לפלא, ווען דער מיליטערישער דאקטער האט אים אונטערזוכט, האט ער פלוצלונג געזען אויף אים עפעס א מאדנעם הויט-אויסשלאג וואס האט אויסגעזען ווי א שרעקליכע אנשטעקיגע קרענק, דער הויפט-אפיציר האט גלייך געשריגן **מען זאל אים ארויסווארפן פון לאגער, ווייל ער ברענגט א סכנה פאר די גאנצע ארמיי, און ער האט באקומען א פטור אויף אייביג**, און ווי נאר ער איז ארויס פון טויער איז די גאנצע הויט צוריק געווארן גלאט און געזונט.

• • •

**אינעם קונטרס דברי חנה תולדות ווערט דערציילט**, אז א אידישער סוחר פון בהמות פלעגט פארן פון שטעטל צו שטעטל און האט שטענדיג מיטגעפירט גרויסע סכומים מזומן געלט, איינמאל פארן ארויספארן אויפן וועג קיין גארליץ, איז ער אריין נעמען א ברכה פונעם הייליגן קאלשיצער רב זי"ע, דער רב האט אים אנגעקוקט מיט א שארפן בליק און געזאגט, "**ווען דו פארסט דורך דעם גרויסן וואלד, אפילו אויב עס מאכט זיך א שפעטערע שעה, זאלסטו בשום אופן נישט אפשטעלן דיין וואגן ביי דער באקאנטער קרעטשמע אינמיטן וועג, נאר פאר ווייטער אן זיך אומקוקן, אפילו אויב מען וועט דיר רופן**".

דער סוחר האט אזוי געטון, און ווען ער איז אנגעקומען נעבן יענער קרעטשמע איז שוין געווען טיף אין דער נאכט און זיין פערד איז געווען מיד, און פלוצלונג זעט ער ווי מענטשן פונדרויסן

ווינקען אים און בעטן ער זאל צופארן, ער האט זיך דערמאנט אינעם באפעל פונעם רב און האט געשלאגן דאס פערד און געלאפן שנעל ווייטער, צוויי טעג שפעטער איז באקאנט געווארן, **אז א באנדע שווערע מערדער און גנבים האבן זיך יענע נאכט באהאלטן אין יענער קרעטשמע און אויסגערויבט יעדן וואס האט זיך דארט אפגעשטעלט, און נאר דורך דער ווארענונג פונעם צדיק איז ער געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט.**

• • •

**אינעם ספר עטרת יחזקאל ווערט געברענגט,** אז א ארעמער מלמד האט צונויפגעשפארט פרוטה נאך פרוטה פאר יארן לאנג חתונה צו מאכן זיין עלטסטע טאכטער, עטליכע וואכן פאר דער חתונה האט ער פארלוירן דעם גאנצן בייטל מיט אלע זיינע אפגעשפארטע געלט אינמיטן גאס, און קיינער האט נישט געוואוסט וואו עס איז אהינגעקומען, דער מלמד איז געקומען צום הייליגן קאלאשיצער רב וויינענ מיט ביטערע טרערן, אז ער וועט מוזן מבטל זיין דעם שידוך צוליב גרויסע בושות.

דער הייליגער קאלאשיצער רב האט אים געהייסן זיך בארויקן און געזאגט, "**גיי אהיים, זאג קאפיטל קכ"א אין תהלים "שיר למעלות אשא עיני אל ההרים", און גיי ארויס צום מארק-פלאץ נעבן יענעם געוויסן ברונעם, און ווארט דארט**", דער מלמד איז געגאנגען צום מארק, און נאך א קורצער צייט איז צוגעגאנגען צו אים א גוי, און געפרעגט צי ער איז דער איד וואס וואוינט נעבן שול, ווען דער מלמד האט געזאגט יא, האט דער גוי ארויסגענומען דעם בייטל, און עס אים איבערגעגעבן אומבארירט, זאגנדיג "**איך האב דאס געפונען נעכטן, און די גאנצע נאכט האב איך געהאט שרעקליכע חלומות, אז אויב איך גיב עס נישט אפ פאר דעם בעל הבית וועט מיין הויז פארברענט ווערן**".

• • •

**הרה"ח ר' יעקב הערש עהרענרייך הי"ד האט דערציילט,** אז א איד א קרעמער אין שטאט קאלשיץ האט געהאט א געשעפט וואס איז געשטאנען ליידיג וואכן לאנג אן קיין איין קונה, און ער איז געווען אויפן ראנד פון גיין ח"ו באנקראט, ער איז אריין צום הייליגן קאלשיצער רב בעטן א ברכה אויף פרנסה, דער רב האט אים געפרעגט, **צי די מאסן און וואג-שאלן אין זיין געשעפט זענען אינגאנצן פינקטליך אויפן האר,** האט דער קרעמער געזאגט, אז ער היט זיך זייער אז אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן, אבער ער וועט עס נאכאמאל איבערקוקן.

דער רב האט אים געזאגט, "**מאך איבער די מעסטונגען אז עס זאל חלילה נישט זיין קיין שום נדנוד פון גזל, און נאכדעם זאלסטו עפענען דיין געשעפט יעדן טאג ערשט נאכדעם וואס דו לערנסט א קביעות אין משניות**", דער איד האט גלייך פארראכטן א קליינע טעות וואס איז געווען אין איינע פון די אייזנע וואג-שטיינער, און אנגעהויבן לערנען משניות פארן עפענען דעם געשעפט, אין יענע וואך זענען פלוצלונג געקומען גרויסע קונים פון די ארומיגע שטעט, **און אויסגעקויפט דאס גאנצע סחורה פונעם געשעפט, און ער האט געהאט אזא שפע, אז ער איז געווארן איינער פון די גרעסטע תומכי תורה אינעם ראיאן.**

• • •

**אין ספר תולדות חכמי גאליציה ווערט געברענגט,** אז א פרוי פון א דארף נעבן פריסטיק האט געהאט א יונגל פון פינף יאר **וואס האט נישט ארויסגעברענגט קיין איין ווארט פון מויל פון זיין געבורט אן,** און אלע דאקטוירים האבן געזאגט, אז ער וועט קיינמאל נישט קענען רעדן, די מאמע האט געברענגט דאס קינד צום הייליגן קאלשיצער רב זי"ע, און געוויינט מיט הייסע טרערן, און געבעטן דעם רב אז ער זאל פועלן א ישועה פארן קינד.

דער רב האט גענומען א כוס וואסער, געמאכט די ברכה "**שהכל נהיה בדברו**" מיט א געוואלדיגער כוונה און קול רם, געגעבן דעם קינד צו טרינקען איין שלונג, און דערנאך געזאגט פארן קינד אויפן נאמען, "**זאג יעצט "אמן"**", דאס קינד האט גלייך געעפנט דאס מויל און אויסגעשריגן "**אמן**!" מיט א קלארן קול, און פון יענעם טאג אן האט דאס קינד אנגעהויבן רעדן פליסיג ווי אלע געזונטע קינדער, און די גאנצע משפחה איז געווארן שטארק דבוק אינעם צדיק.

**יארצייט י"ט תשרי ג' דחוה"מ**

**הגה"ק רבי אליהו ב"ר שלמה זלמן זי"ע**
**הגר"א מווילנא**
**"הנקרא דער ווילנער גאון"**

ער איז געבוירן אין שטאט **סעלץ** נעבן דעם שטאט **בריסק, ט"ו ניסן בשנת ת"ף**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי שלמה זלמן** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי משה רבקש בעל באר הגולה** זי"ע,

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת טריינה** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי פתחיה** זי"ע.

ער איז געווען דער גאון הגאונים החסיד מאורן של ישראל כליל החכמות ובקי בנגלה ובנסתר ולו עשר ידות בנסתר, חד בדרא ולמד תורה הקדושה כנתינתה מסיני, ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, ער האט געלערנט תורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער פלעגט שלאפן סך הכל צוויי שעה א מעת לעת, ער איז געווען א בקי בכל מיני חכמות און געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע חכמה און געווען מפורסם אלס א גאר קלוגער מענטש, ער איז געווען א עניו מאוד און מפורסם אלס א געוואלדיגע בעל מידות טובות מיט א געוואלדיגע ישרות, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקדוש אמיתי.

דער הייליגער גאון רבי יונתן אייבשיץ זי"ע און אויך דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האבן ביידע מעיד געווען, אז דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע **איז געווען א חד בדרא סיי אין נגלה און אויך אין נסתר, און ער האט געלערנט תורה כנתינתה מסיני**.

ביי די זיבן יאר אלט האט ער שוין גע'דרשנ'ט גאר טיפע דרשות אינעם גרויסן ביהמ"ד אין שטאט **ווילנא**.

ביי די אכט יאר האט ער שוין געלערנט ביים גרויסן גאון הגה"ק **רבי משה מרגליות בעל פני משה** זי"ע, און ביי די ניין יאר אלט האט ער שוין געקענט **גאנץ תנ"ך און אויך גאנץ ש"ס בעל פה**, און ביי די זעכצן יאר אלט האט ער שוין געקענט **גאנץ טור און שולחן ערוך מיט אלע ראשונים**.

ער איז געווען מפורסם אלס דער גרעסטער גאון און גדול בדורו, ער פלעגט זיין אפגעשיידט פון מענטשן און עוסק געווען בתורה מיט אן התמדה רבה, און עס איז פאר דעם גאון געווען אפען **אלע מעיינות התורה והחכמה**, די גמרא און משנה זענען ביי אים געווען **אין זכרון ווי א אפען ספר ממש**.

ביי די צוואנציג יאר איז ער געגאנגען גלות ליידן פאר 5 יאר ברציפות, און ביי די פינעף און צוואנציג יאר איז ער צוריק געקומען צום שטאט **ווילנא**.

ער איז געווען מפורסם אלס איינער וואס האט באמת נישט הנאה געהאט פון די וועלט, **סיי מיטן שלאפן** האט ער ממעט געווען צו צוויי שעה אין א מעת לעת.

**אויך האט ער גאר ווייניג געגעסן**, און ווען יא איז דאס געווען ממש כדי להחיות, ער האט נישט גערעדט צו קיין מענטש נאר אויב עס האט געהאט מיט דברי תורה.

אפילו זייענדיג דער גאון הדור און זייענדיג א מרביץ תורה פאר הונדערטער תלמידים גאונים און גדולים, איז דער גאון געווען א געוואלדיגער עניו, ער האט זיך צוריק געהאלטן פון יעדן נדנוד כבוד, ער האט זיין גאנץ לעבן נישט גענומען קיין רבנות אמט, אויך האט ער מקפיד געווען נישט צו געבן קיין הסכמות אויף ספרים.

גאר יונגערהייט האט ער חתונה געהאט מיט **הצדקת מרת חנה** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי יהודה לייב מקיידאן** זי"ע.

די רעבעצין האט גלייך נאך די חתונה געזאגט פאר איר מאן, אז ער זאל זיך בכלל נישט אפגעבן מיט די פרנסה אדער מיט די קינדער, נאר זי האט זיך אפ געגעבן מיט א געוואלדיגע געטריישאפט און געוואלט אז דער גאון זאל נאר עוסק זיין בתורה ועבודה אן קיין שטער.

בשנת תקמ"ג ווען די רעבעצין איז נפטר געווארן, האט דער גאון אליין געשריבן דעם נוסח המצבה און גאר שטארק אויס געלויבט די רעבעצין פארן שטיין צו זיין רעכטע הענט איר גאנץ לעבן.

דאן האט דער גאון חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הצדקת מרת גיטל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי מאיר לונץ מחלם** זי"ע.

ער האט זיך נאך די חתונה באזעצט אין שטאט **ווילנא**, דארט האט ער עוסק געווען בתורה ממש דאס גאנצע מעת לעת און געווען אויסגעטון פון יעדן דבר גשמי, ווי באקאנט האט דער גאון נישט געוואלט נעמען קיין רבנות אמט.

אבער די אידן פון שטאט האבן געהאלטן פאר א גאר גרויסע זכי' צו האבן דעם גאון אין זייער שטאט, דערפאר האבן זיך די אידן פון שטאט צוזאמען גענומען, און מען האט דעם גאון געשיקט א געוויסן סכום אויף פרנסה.

מען האט געשטעלט דעם שמש הקהלה, וואס זאל טראגן דאס געלט צום שטוב פאר די רעבעצין, אבער נאך א שטיק צייט, האט דער שמש אנגעהויבן אראפ ציפן פון דעם געהאלט, און עבירה גוררת עבירה, נאך א שטיק צייט האט ער שוין בכלל נישט געטראגן דאס געלט פארן גאון, נאר ער האט דאס גאנצע געלט געהאלטן פאר זיך.

די זעלבע צייט האט ביים גאון אין שטוב געהערשט א געפערליכע הונגער, ווייל ער האט שוין נישט געהאט דאס געהאלט פונעם שטאט, אבער דער גאון האט אן געזאגט פאר די רעבעצין, אז זי זאל קיינעם נישט דערציילן דערוועגן, **ווייל ער האט נישט געוואלט ח"ו פארשעמען דעם שמש**.

אבער ליידער נאך א שטיק צייט, איז דער שמש גאר שטארק קראנק געווארן, און דאן האט ער זיך מתוודה געווען אין זיין שרעקליכען פארברעך, די שטאט מענטשן זענען ארויס פון התפעלות פון דעם גדלות פון דעם גאון, אז ער האט בכלל נישט געזאגט קיין ווארט דערוועגן פאר קיינעם, נאר ער איז געווען גרייט צו ליידן אין הונגער, נאר נישט צו פארשעמען א אנדערן איד.

ער איז דאן נתפרסם געווארן אין גאנץ ליטא אלס דער גאון הגאונים און מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה, אלע גרויסע גאונים בדורו האבן דעם גאון גאר שטארק געשעצט און מכבד געווען.

ער האט נישט געוואלט ווערן **אפילו קיין ראש ישיבה**, אבער ער האט נעבן זיין שטוב אויף געשטעלט א בית המדרש, ווי ער האט געלערנט יומם ולילה, און דארט האבן זיך מדבק געווען צום גאון גאר גרויסע גאונים ובתוכם.

הגה"ק **רבי חיים מוולאזין** זי"ע,
הגה"ק **רבי שלמה זלמן מוולאזין** זי"ע,
הגה"ק **רבי סעדיה מצפת** זי"ע,
הגה"ק **רבי יהושע צייטלין בעל עמודי גולה משקאלאב** זי"ע,
הגה"ק **רבי מאיר מווילנא** זי"ע,
הגה"ק **רבי ישראל בעל תקלין חדתין משקאלאב** זי"ע,
הגה"ק **רבי בנימין ריבלין אב"ד ווילנא** זי"ע,
הגה"ק **רבי הירש חסיד בעל מרגליות התורה מסימיאטיץ** זי"ע,
הגה"ק **רבי מנחם מענדל בעל מים אדירים משקלוב** זי"ע,
הגה"ק **רבי אברהם דאנציג בעל חיי אדם** זי"ע,
הרה"ק **רבי שמואל שמעלקא מניקלשבורג** זי"ע,
הגה"ק **רבי פנחס הלוי הורוויץ בעל הפלאה מפרנקפורט** זי"ע,
אויך זיינע פיר ברידער הגה"ק **רבי ישכר דובער** זי"ע, הגה"ק **רבי אברהם החסיד** זי"ע, הגה"ק **רבי מאיר** זי"ע, הגה"ק **רבי משה** זי"ע זענען געווען תלמידים פון דעם גרויסן גאון.

דער תלמיד רבי חיים מוולאזין זי"ע האט מעיד געווען אויף זיין רבין דער גרויסער גאון איבער זיין געוואלדיגע התמדה בתורה, **אז אויב איז פארן גאון שווער געווארן עפעס ביים לערנען, האט ער געקענט גיין טעג אן עסן און נישט געוואלט טועם זיין, ביז די קשיא ווערט אים פאר ענטפערט**.

אפילו ער איז געווען א גאון אין געקענט אלע ראשונים בש"ס וכל רז לא אניס ליה, איז אבער זיין דרך הלימוד געווען דווקא נישט אויפן דרך הפלפול נאר פונקט פארקערט, ער איז געווען א גרויסער מתנגד קעגן דעם דרך הלימוד, נאר ער

האט מיט זיינע תלמידים געלערנט אויפן דרך פון בקיאות און ידיעות.

דער גאון איז געווען מפורסם אלס א גאון און בקי בתורת הנסתר און אויך אין די **כתבי האר"י**, ער האט די גאנצע תורה הקדושה פארשטאנען אויפן דרך הנסתר, אויך איז ער געווען א בקי בחכמת הפילוסופיה און ער האט מחבר געווען א ספר אויף רעכענען און אסטרונומיה און נאך חכמת.

ווי באקאנט איז דער גאון געווען פון די גרויסע מתנגדים צום דרך החסידות, דער גאון איז גאר שארף ארויס געקומען קעגן דעם דרך החסידות און געהאלטן, **אז וויבאלד עס וואקסט אזוי שנעל איז א סימן אז דאס איז נישט פון די צד הקדושה ח"ו**.

מען זאגט נאך, אז דער הייליגער גר"א מווילנא זי"ע האט אמאל געזאגט, אז אויף אלע תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע האט ער קשיא'ס און טענות, חוץ אויף הרה"ק **רבי שמואל שמעלקא מניקלשבורג** זי"ע און זיין ברודער הרה"ק **רבי פנחס בעל הפלאה מפרנקפורט** זי"ע, **ווייל פנחס זה אליהו**.

מיט דעם אלעם האבן רוב גדולים און צדיקים אפילו די חסידים גאר שטארק מכבד געווען דעם גאון וויסענדיג זיין גדלות בתורה, ווי מען קען זען וואס דער הייליגער חזון איש זי"ע שרייבט אויפן גאון בזה"ל, "**אנו מתייחסים להגר"א בשורה של משה רבנו, עזרא, רבנו הקדוש, רב אשי והרמב"ם, הגר"א שנתגלה תורה על ידו כקדוש מעותד לכך שהאיר במה שלא הואר עד שבא ונטל חלקו, והוא נחשב כאחד מהראשונים, מדרגתו ברוח הקודש, ביגיעתו ובבקיאותו בעיון העמוק בכל התורה המצויה עתה בידינו, אי אפשר כלל לצייר את אפשרותם**".

הגה"ק בעל מהר"ל מפלאצק זי"ע שרייבט אין זיין ספר משיבת נפש, **אז מימות הקדמונים איז נישט געווען אזא גאון ווי דער הייליגער גר"א זי"ע, וואס די גאנצע תורה סיי נגלה און אויך נסתר זענען געווען פאר אים ווי א שולחן ערוך אפען ווי ער זעט עס פאר זיינע אויגן ממש.**

הגה"ק רבי שאול קצינעלענבויגען בעל מגן שאול זי"ע שרייבט, אין זיין הסכמה אויפן ספר ספרא דצניעותא בזה"ל, "**הגר"א היה מחציו ולמטה איש, ומחציה ולמעלה מלאך אלקים**", זיין תלמיד דער גאון וקדוש רבי חיים מוולאזין זי"ע שרייבט בזה"ל, "**ליגיעת רבינו הגדול הגר"א לא זכיתי, כי לא יושג ולא ישוער ולא יאומן גדלות רבינו הגדול**".

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט, אז **דער באשעפער האט געוואלט אז מען זאל האבן אן השגה ווי הייליג און גרויס די תנאים און אמוראים זענען געווען, האט ער אראפ געשיקט דעם הייליגען ווילנער גאון זי"ע, אז מען זאל קענען אביסל פארשטיין די גרויסקייט פון די תנאים**.

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט אמאל דערציילט, אז ביים הייליגען גר"א זי"ע איז אמאל געקומען אין שטוב א קליין מיידל פרעגן א שאלה, קיינער איז דארט אין שטוב נישט געווען, אזוי ווי די מיידל איז אריין געקומען אין שטוב, **איז דער הייליגער גר"א ארויס געטאנצן פון פענסטער, כדי ער זאל ח"ו נישט נכשל ווערן מיטן עבירה פון יחוד**, דאס איז געווען דעם גרויסן יראת שמים פונעם הייליגען גר"א זי"ע.

אין ספר מעשה רב ווערט געברענגט, אז איין יאר סוכות, איז דער הייליגער גאון געווען גאר שטארק פרייליך און בשמחה דעם ערשטן טאג חוה"מ אושפיזא דיעקב, ווען מען האט דעם גאון געפרעגט וואס איז די גרויסע שמחה, האט דער גאון געזאגט, **אז יעקב אבינו איז די נאכט געווען ביי מיר אין די סוכה און ער האט מיר געגעבן א קיש.**

זיין עבודת התפלה איז געווען אויף א גאר הויכע דרך, עס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע נעימות און א געוואלדיגע ברען און א אש דקדושה, ווי מען זעט וואס עס שטייט אין ספר סערת אליהו בזה"ל, "**מי שהי' שומע אותו מתפלל פעם אחת בחול או בשבת, הי' מעורר בלב השומע רוח דעת ויראת ד' בשנה או שנתיים, אף מי שהיה לבו קשה כאבן היה נמס כדונג מאוד כוונתו שהיה מכיון בכל מלה ומלה, מסדר התפילות ומוציא כל הגה ונאום, בצלצל נעים וברוח כביר**".

ער האט מחבר געווען איבער 70 הייליגע און געהויבענע חיבורים ובתוכם.

**ספר אדרת אליהו, על התורה נביאים כתובים,**
**חידושי הגר"א, על המשניות,**
**הגהות הגר"א, על תלמוד בבלי,**
**ביאור הגר"א, על שו"ע,**
**פירוש לספרא דצניעותא,**
**פירוש לספר יצירה,**
**פירוש תיקוני זוהר,**
**סידור הגר"א,**
**ספר צורת הארץ, על גבולת הארץ ותבנית בית המקדש.**

ער האט איבער געלאזט אכט קינדער און איידימער גאונים וגדולים בתורה.

בתו **הצדקת מרת חינה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי זלמן זליג חיניץ מפינסק** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת פסיה בתיה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי צבי הירש דונחין מדיסנה** זי"ע,
הגה"ק **רבי שלמה זלמן ווילנער** זי"ע,
הגה"ק **רבי יהודה לייב ווילנער** זי"ע,
הגה"ק **רבי אברהם ווילנער** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת טאובה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי אורי שרגא פייבוש מדוברובנו** זי"ע,
און נאך צוויי טעכטער וואס די נעמען זענען נישט באקאנט.

ווי עס ווערט געברענגט אין א מכתב, וואס דער גאון האט געשריבן פאר זיין משפחה וואס איז שפעטער געדריקט געווארן מיטן נאמען **עלים לתרופה**, שרייבט דער גאון, אז ער האט זייער געוואלט ארויף גיין קיין ארץ ישראל ווי ער שרייבט בזה"ל, "**שהוא הולך לארץ חמדת ישראל וחמדת ד', שכל עליונים ותחתונים תשוקתם אליה**", אבער אינמיטן וועג האט זיך דער גאון אויס געדרייט און צוריק געקומען קיין ווילנא, זאגענדיג **אז פון הימל וויל מען נישט ער זאל גיין קיין ארץ ישראל.**

בשנת תקנ"א ווען דער גאון איז געווען בערך 71 יאר אלט איז ער זייער נישט געזונט געווארן, מען האט געוואלט רופן א דאקטאר, אבער דער גאון האט בשום אופן נישט מסכים געווען, נאר דער גאון האט ווייטער אפילו זייענדיג אין יסורים עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך האט דער גאון געבעטן, אז מען זאל לאזן רופן דעם גאון הגה"ק **רבי יעקב קראנץ דער דובנער מגיד** זי"ע און דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע האט געבעטן, **אז דער מגיד זאל אים זאגן זיינע שיינע משלים וואס פון דעם האט זיך דער גאון דערקוויקט.**

ווען דער גאון איז געזונט געווארן, האט ער געשריבן א שיינע דאנק בריוו פארן הייליגען דובנער מגיד זי"ע בזה"ל, "**אספרה נא לידידי, כעל גמולות אשר גמלני ד' ברוב טובו, חלק נפשי מתלאות קשות, הפליא לעשות עמדי, ובא ידידי לביתי ואל יאחרו פעמיו להשיב רוחי, ולהשתעשע אתי כפעם בפעם, בראותו כתב זה יזרז נא נסיעתו ואל יאחר**".

בשנת תקע"ז איז דער גאון זייער נישט געזונט געווארן, די קינדער האבן זיך געבעטן ביים טאטן אז ער זאל לאזן רופן א דאקטאר וואס זאל אים אונטער זיכן, בלית ברירה האט דער גאון מסכים געווען, און מען האט גערופן דעם גרויסן דאקטאר **ר' יעקב ליובאשיץ** ע"ה, און ער האט אונטער זיכט דעם גאון.

ווען דער דאקטאר איז ארויס געקומען, האבן די קינדער געפרעגט דעם דאקטאר ווי האלט דער טאטע, האט דער דאקטאר געזאגט, **ער האלט ביי מסכת כלים**, ווייל בשעת ער האט זיך צו געבויגען אויס הערן זיין הארץ קלאפן, האט ער געהערט ווי דער גאון לערנט בעל פה מסכת כלים, און ביז צו זיין לעצטע מינוט האט דער גאון נישט אויף געהערט לערנען די הייליגע תורה.

ערב יום הקדוש בשנת תקנ"ח איז שוין דער גאון געווען גאר שוואך, ער האט געלאזט רופן אלע קינדער און זיי געבענטשט מיט גרויס געוויין, יום הקדוש איז דער מצב געווארן ערגער און דער גאון איז געווען אין גרויסע יסורים.

ערב סוכות האט דער גאון געבעטן אז מען זאל זיין בעט אריין טראגן אין דעם הייליגען סוכה, אז ער זאל קענען מקיים זיין די מצוות היום, דער טאג פון זיין פטירה האט זיך דער גאון געאיילט גאר פרי צו מקיים זיין די מצוה פון אתרוג בענטשן, ער האט מיט א שמחה געמאכט דעם ברכה און געשאקעלט לולב.

ווי דער מנהג פונעם גאון, האט ער נישט אראפ געלייגט דעם אתרוג און לולב דעם גאנצן יו"ט, האט ער יענעם טאג אויך נישט אראפ געלייגט דעם אתרוג און לולב, אייניגע מינוטן בעפאר יציאת נשמה, האט דער גאון אנגעכאפט זיינע הייליגע ציצית און געזאגט, **אויב אויף אזא גרינגע מצוה ווי גיין מיט ציצית וואס קאסט אזוי ווייניג געלט, קען א מענטש צו קומען צו אזעלכע הויכע מדריגות ביז צו מקבל זיין פני השכינה, ווי שווער איז זיך צו געזעגענען פון דער וועלט דער עולם המעשה, און וואו וועט מען קענען געפונעם אזא מצוה אויף די אנדערע וועלט, אפילו מען זאל זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות**, דאן האט דער גאון צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה ליוצרה.

ווי באקאנט ליגט דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע אין ביה"ח אין ווילנא נעבן דעם **קדוש גראף פאטאצקי זי"ע**, ווייל דער גרויסער גאון האט זיין גאנץ לעבן מקנא געווען דעם גראף פאטאצקי, ווייל ער האט געהאט די זכי' **צו מקדש זיין שם שמים ברבים**, און דערפאר האט דער גאון געוואלט ליגן נעבן דעם קדוש.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ט תשרי ג' דחוה"מ סוכות בשנת תקנ"ח**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **ווילנא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**אין די תולדות פונעם הייליגען ווילנער גאון שטייט**, אז די יארן ווען דער גאון איז געגאנגען גלות לײדען, איז ער איינמאל אנגעקומען אין א שטאט פורים אויף דער נאכט, און ער האט פארשפעטיגט די מגילה ליינען,

האט דער הייליגער ווילנער גאון געדינגען 9 מענטשן מיט גרויס געלט, אז זיי זאלן מצרף זיין פאר זיין מנין צו ליינען די מגילה, אבער אזוי ווי דער גאון האט געענדיגט די ברכה פאר קריאת המגילה, זענען די אלע חברה אנטלאפן, **האט דער גאון זיין גאנץ לעבן תשובה געטון אויף דעם איינעם מאל וואס ער האט באונס געליינט די מגילה אן קיין מנין**.

• • •

**אין ספר הגר"א שרייבט ער דארט די מעשה,** אינמיטן די 5 יאר וואס דער גאון דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע איז געגאנגען גלות ליידן, וואס ער האט דאן גאר אסאך מיט געמאכט, איז דער גאון איין טאג אנגעקומען אין א שטאט, און עס איז דארט איין געשטאנען ביי א איד א גאר פשוטע מענטש.

איין טאג ווען דער גאון איז געזעצן און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, האט דער גאון געהערט קולות פון שטוב פונעם בעל אכסניא, איז דער גאון ארויס געלאפן זעהן וואס גייט פאר, און דער גאון זעט ווי א באנדע רויבערס האבן באפאלען דעם בעל אכסניא און זיין משפחה.

דער גאון איז דאן געווען אנגעטון מיט זיין טלית און תפילין, און אזוי ווי די גוים די רויבערס האבן דערזעהן דעם גאון מיט די תפילין, האבן זיי זיך דערשראקן און זענען אלע אנטלאפן, דער בעל אכסניא איז נשתומם געווארן און געפרעגט פון דעם גאון, נישט וויסענדיג אז דא רעדט מען פון דעם רבן של כל בני הגולה און א צדיק וקדוש, וואס האט איר געטון אז די גוים זענען אזוי אנטלאפן פון דיר.

האט דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע געזאגט פאר דעם איד מיט א פשטות און מיט זיין גרויס עניוות, די תורה זאגט דאך (פרשת כי תבא) **וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ד' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ**, און די גמרא זאגט דאך (מסכת ברכות ו') תניא רבי אליעזר אומר **אלו תפילין שבראש**, און דערפאר זענען די גוים אנטלאפן **ווען זיי האבן מיך דערזען מיט די טלית ותפילין**.

דער איד זייענדיג א פשוטע איד האט נאכאלס נישט פארשטאנען און געפרעגט פונעם גאון, די גוים האבן מיך שוין אסאך באפאלן ווען איך האב אנגעהאט מיינע תפילין און זיי האבן נישט מורא געהאט, האט דער גאון מסביר געווען, אין גמרא שטייט נישט אלו תפילין "**על הראש**", נאר עס שטייט אלו תפילין "**שבראש**", וואס מיינט אז עס ווענט זיך ווי אזוי מען האט אן די תפילין, ווי עס

שטייט אין דעם לשם יחוד, "**ועל הראש נגד המוח, שהנשמה שבמחי עם שאר חושי וכוחותי, משועבדים לעבודתו יתברך שמו**", און ווען מען טוט אן די תפילין אויפן ריכטיגען וועג און מיט די ריכטיגע כוונות, דאן האבן די עמי הארץ מורא פונעם איד.

• • •

**איינמאל זענען די פרנסי הקהילה פון ווילנא** געגאנגען נאך געלט אין שטאט פאר **קמחא דפסחא** כדי צו קענען געבן פאר די נצרכים פון שטאט אויף יו"ט צו מאכן, אויפן וועג זענען זיי אריין מקבל פנים זיין דעם גרויסען גאון דעם הייליגען גר"א זי"ע, און בתוך הדברים האבן זיי געפרעגט פונעם גאון, וואס עס איז פשט אז נאר ביים יו"ט פסח איז דא א מנהג צו צוזאמען שטעלן געלט אויף קמחא דפסחא, אבער ביי אנדערע ימים טובים און מצוות איז נישט דא דעם מנהג.

האט זיי דער גאון געזאגט, אז דאס איז מרומז אין די תורה, ווי עס שטייט (פרשת בא פסוק ו'), **מַצּוֹת יֵאָכֵל אֵת שִׁבְעַת הַיָּמִים**, און דעם קומענדיגן פסוק ז' שטייט **שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצֹּת**, האט דער גאון מסביר געווען, אז שני כתובים באים כאחד, אז עס קומט אונז לערנען, אז עס איז דא א מצוה פון עסן מצות ווי די ערשטע פסוק זאגט **שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצֹּת**, אבער עס איז אויך דא א מצוה פון צוזאמען שטעלן געלט פאר די אידן וואס האבן נישט ווייל דער אנדערע פסוק זאגט מַצּוֹת "**יֵאָכֵל**" אֵת שִׁבְעַת הַיָּמִים וואס דאס גייט ארויף **אויף געבן אויך פאר אנדערע צו עסן מצות**.

• • •

**דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע** האט אמאל געזאגט פאר זיינע תלמידים, אז עס איז זייער געאייגענט אז יעדער איד זאל קענען כאטש איין מסכת בעל פה, אזוי ווען מען איז אויפן וועג אן קיין גמרא, זאל א איד קענען לערנען אין מקיים זיין דעם ובלכתך בדרך.

האט איינע פון די תלמידים גענומען דעם מסכת סוכה און דאס גאר אסאך איבער געלערנט ביז ער האט באמת געשפירט אז ער קען דעם מסכת גאר גוט, דעם קומענדיגן יו"ט סוכות ווען ער איז געווען ביים גאון, האט ער געזאגט פארן גאון, אז ער האט געפאלגט דעם רבין און זיך גוט איין גע'חזר'ט דעם מסכת סוכה.

האט אים דער גאון פאר הערט און אנגעהויבן פרעגן קשיא'ס, **וויפיל מאל שטייט ר' מאיר, אדער ר' יהודה אין די מסכת סוכה**, דער תלמיד האט נישט געקענט ענטפערן אויף דעם, דאן האט דער גאון אנגעהויבן אויס רעכענען דעם סדר פון די מחלוקות פון תנאים און אמוראים פון דעם מסכת, און וויפיל מאל עס איז הלכה ווי דעם תנא און וויפיל מאל איז די הלכה לויט דעם אנדערן תנא, און דאן האט דער גאון געזאגט, אז אין מסכת סוכה איז דא **סוכות פסולות כמנין סכ"ה אן דעם "ו"**, **און סוכות הכשירות זענען דא כמנין סוכ"ה**, און דער גאון האט אויס געפירט **דאס מיינט קענען א מסכת בעל פה וואס איך האב גערעדט**.

• • •

**דער זוהן הגה"ק רבי שלמה זלמן זי"ע האט דערציילט**, אז איין יאר יו"ט סוכות האט דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע געפרעגט זיינע תלמידים, ווי אין די תורה איז מרומז **אז אברהם אבינו ע"ה האט מקיים געווען די מצוה פון זיצן אין די סוכה**.

קיינער פון די תלמידים האבן נישט געוויסט דעם ענטפערט, האט דער גאון ערקלערט, אין די תורה שטייט **ד' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל**, די ווארט בכל איז ר"ת,

**בַּ'סֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים,**
**כָּ'ל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת,**
**לְ'מַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.**

• • •

**אין שטאט ווילנא איז דער גאון טאקע נישט געווען רב פון שטאט**, אבער זיין פסק הלכה אדער סיי וואס דער גאון האט געזאגט האט יעדער מקבל געווען, איין ערב שבת קודש א קורצע צייט בעפאר ליכט צינדן, האט זיך געמאכט א שווערע שאלה אויף א עוף ביים שכן פונעם רב, ביים שניידער רבי חיים, און צוליב וואס עס איז שוין געווען גאר שפעט, האט דער שכן אריבער געשיקט דעם עוף צום גאון און געפרעגט צו די עוף איז כשר, דער גאון האט גע'פסק'נט אז עס איז **טריפה**.

די ווייב פון דעם שניידער האט נישט געוויסט אז דער מאן איז אריבער צום גאון, און זי איז געגאנגען צום רב פון שטאט, און דער רב האט

גע'פסק'נט אז דער עוף איז כשר, דער שניידער האט נישט געוויסט וואס צו טון, פון איין זייט איז דער רב פון שטאט וואס האט גע'פסק'נט **כשר**, אבער פונעם צווייטן זייט האט דאך דער גרויסער גאון געזאגט אז די עוף איז טריפה, איז ער נאכאמאל אריבער צום רב און דער רב האט געזאגט, דער גאון איז טאקע א גרויסער גאון, אבער איך בין רב אין שטאט, און מיט דעם כח פסק'ן איך אז עס איז כשר, דער איד האט געפאלגט דעם רב און צו געגרייט דעם עוף פאר שבת קודש.

שבת קודש איז דער רב צו געגאנגען צום גאון, און זייער געבעטן אז דער גאון זאל קומען צוזאמען מיט אים צום שטוב פון דער שניידער און עסן פון די זופ וואס מען האט צוגעגרייט, כדי מען זאל זעהן אז א פסק פון א רב איז ריכטיג, דער ווילנער גאון מיט זיין גרויס עניוות האט גלייך מסכים געווען, **און זיי זענען ביידע אריבער צום שטוב פון די שניידער**.

ביים שטוב פונעם שניידער האט מען זיך זייער געפרייט צו די צוויי גרויסע געסט, און דער מאן האט געבעטן די ווייב, אז מען זאל אריין ברענגען דעם טאפ זופ, אבער לפלא אזוי ווי די פרוי האט אראפ געלייגט דעם טאפ זופ אויפן טיש, **זענען די הענג לייכטער אראפ געפאלן פון דאך גלייך אריין אינעם טאפ זופ, און מען האט שוין מער נישט געקענט עסן פון דעם זופ**, דאן האבן די אידן פון שטאט געזען דעם גרויסען מופת וואס האט פאסירט, וואס מיט דעם האט דער באשעפער אפגעהיטן דעם גאון פון דארפן עסן פון דעם זופ.

• • •

**הגה"ק רבי חיים מוולאזין זי"ע האט דערציילט,** אז ער איז אמאל געפארן אויף שבת קודש צום רבין דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע, ערב שבת איז רבי חיים געגאנגען אין מקוו' זיך גרייטענדיג אויף שבת קודש.

אזוי ווי די רבי דער הייליגער ווילנער גאון האט געהערט, אז זיין תלמיד חביב רבי חיים מוולאזין איז דא אין ווילנא, האט ער געבעטן אז מען זאל אים שוין רופן, פארשטייט זיך דער תלמיד איז געקומען צו לויפן צום רבין, און ער זעהט **ווי דער הייליגער גאון זיצט פארשווארצט פאר צער מיט א נאס האנטיך אויפן קאפ פון גרויס יסורים**, פרעגט ער דעם גאון וואס גייט פאר.

זאגט אים דער גאון, **איך האב דא א שטיקל ירושלמי וואס איך פלאג מיך שוין אפאר טאג צו פארשטיין, אבער עס גייט מיר נישט, בעט איך דיר העלף מיר**, דער תלמיד האט פארן רבין געזאגט, אויב די רבי פארשטייט דאס נישט, ווי אזוי וועל איך דאס פארשטיין, נאר זאגט דער תלמיד רבי חיים, עס שטייט אין קהלת **טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד**, דערפאר לאמיר פראבירן אויב צוזאמען מיטן רבין וועט מען אפשר קענען עפעס פארשטיין.

נאך א שטיק צייט איז פאר דעם תלמיד רבי חיים געלונגען צו פאר ענטפערן דעם ירושלמי, גלייך האט ער געזען **ווי די אויגן פונעם גאון איז לעכטיג געווארן**, און דאן האט דער גאון געהייסן, מען זאל אריין ברענגען עפעס צו עסן, דאן האבן די שטוב מענטשן דערציילט פאר רבי חיים, **אז דער גאון פלאגט זיך שוין אויף דעם ירושלמי אפאר טאג, און דערפאר האט ער שוין נישט אריין גענומען אין מויל גארנישט ביז ער פארשטייט נישט דעם ירושלמי**.

• • •

**דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע** האט געדינגען דעם דובנער מגיד זי"ע **אז ער זאל אים זאגן מוסר**, האט דער דובנער מגיד געזאגט פארן גאון, **דער גאון זיצט די גאנצע צייט ביי זיך אין שטוב אין גייט נישט ארויס, לאמיר זעהן אויב דער גאון וועט ארויס גיין, אויב דער גאון וועט זיין דער זעלבער קדוש ווי יעצט**.

האט דער הייליגער ווילנער גאון געזאגט, **ח"ו דאס וועל איך נישט טון, ארויס גיין פון מיינע ד' אמות של הלכה, איך האב מורא פון דעם גאס מען קען דאך ח"ו פאלן אין קדושה**, דאס איז שוין געווען דער גרויסער גאון וואס האט זיין גאנץ לעבן מקדיש געווען נאר פאר תורה, א**בער האט אויך מורא געהאט אז ער זאל ח"ו נישט נכשל ווערן**.

• • •

**הגה"ק רבי יהודה זאב סג"ל ראש ישיבה במונטשעסטער זי"ע האט דערציילט**, אז דער הייליגער גר"א מווילנא זי"ע האט געהאט מורא'דיגע כוחות הנפש, ער האט זיך גאר שטארק מסגף געווען, ער פלעגט יעדן טאג עסן **א כזית ברויט צופרי און א כזית ברויט ביינאכט**

**איינגעווייקט אין וואסער**, און ער האט דאס אראפ געשלינגען **גאנצערהייט** כדי נישט צו הנאה האבן פון עולם הגשמי, אויך דאס שלאפן ביינאכט איז געווען **א האלבע שעה אויף איינמאל** און נאר צוויי שעה דאס גאנצע נאכט.

• • •

**איין שבת קודש האט דער גר"א מווילנא זי"ע** בטעות אנגערירט **א שטיקל שאלאכטס פון א פרוכט**, ווען דער גר"א האט דאס באמערקט, **האט ער אויפן פלאץ אוועק גע'חלש'ט**, ווען מען האט אים דערמינטערט און ער האט געזען דעם שאלאכטס אויפן טיש, **האט ער נאכאמאל גע'חלש'ט**, ביז די רעבעצין האט אויפגעגעסן דעם שאלאכטס, **נאר כדי צו ווייזן פאר גאון, אז עס איז באמת ראי' לאכילה און עס איז נישט געווען מוקצה**, דאן האט זיך דער גאון בארואיגט, **ווייל דער גאון האט מורא געהאט פון א חילול שבת אפילו נאר בטעות אויך**.

• • •

**דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט דערציילט,** אז די טאכטער פונעם הייליגען ווילנער גאון זי"ע, וואס האט געוואוינט גאר ווייט אוועק פונעם טאטן, און דערפאר האט דער הייליגער גאון נישט געזעהן די טאכטער פאר יארן, אמאל איז די טאכטער געקומען באזיכן איר הייליגען טאטן, און דער טאטע האט איר מקבל פנים געווען און זיך נאך געפרעגט אויף איר געזונט און אויפן געזונט פון די משפחה, **און נאך א מינוט איז דער גאון צוריק לערנען**.

די טאכטער וואס האט אזוי לאנג נישט געזען איר הייליגען טאטן, האט זי זייער געבעטן דעם טאטן, **טאטע איך האב דיך שוין אזוי לאנג נישט געזען, איך וויל אביסל שמועסן מיטן טאטן**, האט דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע געוויזן אויפן בארד און געזאגט, **זיי נישט ברוגז, ס'איז נישט דא קיין צייט**, דאס איז געווען דעם געוואלדיגע התמדה און אהבת התורה פונעם גרויסן גאון, אז אפילו א טאכטער וואס ער האט שוין פאר יארן נישט געזען, האט דער גאון פאר איר נישט געוואלט מפסיק זיין פון זיין לימוד התורה, **ווייל יעדע רגע פון תורה איז געווען ביים גאון גאר חשוב**.

• • •

**ווי עס ווערט געברענגט אין די תולדות פונעם הייליגן ווילנער גאון זי"ע**, אז דער גאון האט דעם מצוות פון די **ארבע מינים יו"ט סוכות** מקיים געווען מיט א געוואלדיגע שמחה עד כדי כך, אז ער האט זיך מיט דעם לולב און אתרוג ארום געדרייט דעם גאנצן טאג אלס די גרויסע חביבות המצווה וואס דער גרויסער גאון האט געהאט.

דעם לעצטן יאר ביים שאקלן לולב און אתרוג האט דער גאון זייער געוויינט, פאר די תלמידים איז דאס געווען א גרויסע חידוש, וויבאלד ער האט אייביג מקיים געווען דעם מצוה מיט א געוואלדיגע שמחה און דער פנים פלעגט אים גאנץ יו"ט לייכטן פון גרויס קדושה.

אבער אפאר טאג שפעטער האבן זיי שוין פארשטאנען, וויבאלד דער גאון האט דאן מרגיש געווען, אז ער וועט נישט זוכה זיין צו ענדיגן דעם גאנצן יו"ט מיטן לולב, וויבאלד ער איז נסתלק געווארן אינמיטן חוה"מ, דער גאון איז טאקע נסתלק געווארן מיט די ארבע מינים אין די הענט.

• • •

**איין יאר איז געווען א גרויסע מאנגל אין הדסים** מען האט נישט געקענט באקומען קיין הדסים אין דעם שטאט ווילנא, איז דארט געווען א גוי וואס האט געהאט א פעלד פון הדסים וואס ער האט פארדעם געבעטן גאר אסאך געלט.

פארן גאון האט אבער פאר דעם גוי געזאגט, **אז ער געט אים דאס נאר בתנאי, אז דער גאון געט אים אוועק זיין מצוה פון שאקלען לולב**, האט דער גאון געזאגט, נישט קיין פראבלעם ווייל דער פסוק זאגט "**בְּמִצְוֹתָיו חָפֵץ מְאֹד**", **און דערפאר ברויך איך באמת נאר די מצוה, און דעם שכר גייט מיך בכלל נישט אן.**

יענעם יאר האט דער גאון מקיים געווען דעם מצווה **מיט א געוואלדיגע שמחה און קדושה**, ווייל עס איז דאך געווען נאר **לשמה** ווייל ער האט דאך אוועק געגעבן דעם שכר, דאס איז געווען דעם געוואלדיגע חביבות המצוות פון דעם הייליגען ווילנער גאון זי"ע.

• • •

**דער הייליגער גר"א זי"ע** האט געהאט א תלמיד **רבי לייב חסיד** זי"ע, איז ער אמאל געפארן א גרויסע מרחק צו קומען פרעגן א שאלה פון זיין רבין דעם הייליגען גר"א זי"ע, ווען ער איז

אנגעקומען צום שטוב פונעם רבין, האט ער געהערט ווי די רבי בענטשט און ער זאגט דעם ברכה "**לְעוֹלָם אַל יְחַסְּרֵנוּ**" און דער גאון ענטפערט גלייך אמן.

דער תלמיד איז אפילו נישט אריין צום רבין, נאר ער האט זיך גלייך אויסגעדרייט און אהיים געגאנגען אנזאגן פאר די משפחה, **אז נאכן ברכה לְעוֹלָם אַל יְחַסְּרֵנוּ דארף מען זאגן אמן**, ווייל דער תלמיד רבי לייב חסיד האט מורא געהאט, **אז אינצווישן וועט מען בענטשן ביי אים אין שטוב און נישט זאגן אמן**, און דערפאר איז ער קודם אהיים דאס אנזאגן פאר די משפחה, און דאן איז ער צוריק געקומען צו זיין רבין דער הייליגער גר"א זי"ע.

• • •

**דער הייליגער גר"א זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט** בזה"ל, "**ווי קומט מען צו צום עניוות פונעם הייליגען בעל הפלאה זי"ע**", און ער האט דערציילט די מעשה, אז ווען ער דער הייליגער גר"א איז געגאנגען גלות ליידן, איז ער איינמאל אנגעקומען צום שטאט ווי דער הייליגער בעל הפלאה זי"ע האט געוואוינט, איז ער דאן איין געשטאנען ביים גאון דער הפלאה.

דער הייליגער הלפאה האט דאן נאכנישט געוויסט ווער דער גאסט איז און זיין גדלות בתורה ובקדושה, האט ער דעם גאסט ביינאכט צו געדעקט מיט א צודעק, און דאן האט זיך דער הפלאה געזעצט לערנען, אבער דאן האט דער הפלאה געזען אז די דעק איז אראפ געפאלן, האט ער זיך אויף געשטעלט און נאכאמאל צו געדעקט דעם גאסט מיטן דעק, און זיך צוריק געזעצט לערנען, אבער ביים דריטן מאל וואס ער האט געזען אז די דעק איז אראפ געפאלן, האט ער געבעטן דעם אורח, **אז ער זאל אכטונג געבן אז די דעק זאל נישט אראפ פאלן, ווייל עס שטערט אים אינמיטן לערנען**.

דאן האט זיך דער גר"א ארויס געכאפט און אנגערופען, "**דאס איז דאך שעטנ"ז לויטן רמב"ם**", אזוי ווי דער הייליגער הפלאה האט געהערט די ווערטער, איז ער גלייך געלאפן און געברענגט פארן גאסט אן אנדערן דעק, וואס האט נישט געהאט אין זיך דעם שאלה פון שעטנ"ז, וואס אין אמת'ן נעמען רוב פוסקים נישט אן דעם הלכה, אבער כדי דער גאסט זאל זיך גוט געפינען ביי אים אין שטוב, האט ער געברענגט אן אנדערן דעק, **און אויף דעם גדלות אין ענווה האט דער גר"א געזאגט, אז ער איז מקנא דעם הייליגען הפלאה**.

• • •

**דערציילט דער גרויסער תלמיד רבי חיים מוולאזין זי"ע**, אז איין יו"ט פסח צופרי האט ער געטראפן זיין רבין דער הייליגער ווילנער גאון זייער צוטראגן, האט ער געזאגט פאר זיין רבין, רבי היינט איז דאך יו"ט מען דארף זיין פרייליך ושמחת בחגך, פארוואס איז די רבי אזוי צוטראגן.

האט דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע געזאגט, **די נאכט נאכן סדר האט מען מיר מגלה געווען 2160 פשטים אויפן פסוק, "וַיַּעֲלוּ בַנֶּגֶב וַיָּבֹא עַד חֶבְרוֹן וְשָׁם אֲחִימַן שֵׁשַׁי וְתַלְמַי יְלִידֵי הָעֲנָק וְחֶבְרוֹן שֶׁבַע שָׁנִים נִבְנְתָה לִפְנֵי צֹעַן מִצְרָיִם", וואס נאר פון איין פשט אליין האב איך געקענט וויסן אלע כוחות פון אלע בעלי חיים פון די וועלט**, אבער ווען איך האב מיך דערוועקט, האב איך מהרהר געווען אין די פשטים **בעפאר ברכות התורה**, און איך האב די אלע פשטים פארגעסן, **און דערפאר האט זיך דער גרויסער גאון מצער געווען**.

• • •

**איינמאל איז דער הייליגער שרף מקאצק זי"ע** אריין געקומען צו זיך אין ביהמ"ד, זעהט ער דארט ווי זיינע צוויי תלמידים **דער הייליגער חידושי הרי"ם** זי"ע און הרה"ק **רבי משה מיכל מביאלא** זי"ע דינגען זיך אויף א פשט אין תוספות, דער זאגט אזוי, און דער אנדערע זאגט אזוי, קומט צו זיי צו זייער רבי דער הייליגער קאצקער זי"ע, און זאגט זיי בזה"ל, "**לויט די הגאות פונעם "גנב" פון ווילנא, דער הייליגער גר"א איז פשט אין דעם תוספות אזוי און אזוי**".

די חסידים וואס זענען דארט געשטאנען האבן זיך גאר שטארק געוואונדערט, אז זייער הייליגע רבי דער קאצקער זאל אנריפן דעם ווילנער גאון מיטן תואר "**גנב**", האט דער שרף מקאצק זי"ע זיך מסביר געווען, עס איז מקובל אז די גאנצע תורה און אלע פשטים און חידושים אויף די תורה האט משה רבינו ע"ה אראפ געברענגט פאר אידישע קינדער ביים בארג סיני, זענען געקומען די גדולים און גאונים פון אלע דורות, **און האבן ג'גנב'ט די חידושים פון משה רבינו ע"ה**, זאגט דער קאצקער,

**דער גרעסטע פון די גנבים איז דאך געווען דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע.**

• • •

**אין ספר חמדה גנוזה ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע איז אמאל געגאנגען ערב שבת קודש אין מרחץ לכבוד שבת קודש, אבער די מרחץ איז נאכנישט געווען גרייט, ווייל דער בעדער האט זיך אביסל פארשפעטיגט, איז דארט געווען איינע פון די גבירים פון שטאט, וואס האט נישט געקענט צו קוקען ווי מען האלט אויף דעם גאון, ווייל דער גאון איז דאך געווען באוויסט מיטן נישט פארברענגען אפילו א רגע אן תורה, האט דער גביר זייער אן געשריגן דעם בעדער היתכן ער האלט אויף דעם גאון.

פארן גאון האט דאס זייער נישט געשמעקט, ווייל דער גאון איז דאך געווען באוויסט צו זיין א געוואלדיגע עניו ושפל ברך, האט ער זייער גע'מוסר'ט דעם גביר, פארוואס ער שרייט אויף דעם בעדער וואס איז געווען א ארימאן, און געזאגט, די מיינס ווייל די בוסט א גביר מעגסטו שרייען אויפן ארימאן, און דער גאון האט זיך אויס גערדיקט זייער שארף אויפן גביר, "**אז ער וועט נישט באערדיגט ווערן אין זיינע תכריכין**".

דער גביר איז געווען זייער צובראכן פון דעם, און איז אהיים און זייער געוויינט אויפן קללה וואס דער גאון האט געזאגט פאר אים, דאס ווייב פונעם גביר איז גלייך אריבער צום שטוב פונעם גאון, און זי האט געבעטן די רעבעצין, אז זי זאל רעדן צום גאון וועגן דעם קללה וואס ער האט געזאגט פאר איר מאן, ווייל באמת האט דער גביר נאר געמיינט דעם כבוד פונעם גאון אז מען האלט אים אויף און מען איז אים מבטל פון תורה.

האט דער גאון געזאגט פארן רעבעצין, אז זי זאל זאגן פארן גביר, אז ער זאל בכלל נישט מורא האבן, **ווייל ער וועט נאך מאריך ימים זיין, און זיין א גרויסע עושר עד זבילא בתרייתא**, וועןן דער עושר האט דאס געהערט האט ער זיך בארואיגט, און טאקע דער גביר איז געווען א עושר אדיר ביז סוף ימיו, אבער לפלא איז דער גביר נפטר געווארן אינמיטן יו"ט, און וויבאלד ער האט נישט געהאט קיין תכריכים גרייט, האט מען אים געברויכט באערדיגן מיט תכריכים פון א אנדערן, **האט מען** געזען אז די ווערטער פונעם הייליגען ווילנער גאון איז מקיים געווארן.

• • •

**דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע האט אמאל פאר געלערנט פאר זיינע תלמידים** דעם פרק אין **ראשית חכמה שער הגיהנום**, און מיט זיין געוואלדיגע אמת און קדושה האט דאס לערנען דעם שער פון גיהנום ליידער **קראנק געמאכט א תלמיד זיינער טראכטענדיג פון דעם גיהנום**.

איז דער הייליגער גר"א געגאנגען מבקר חולה זיין דעם תלמיד, און דער תלמיד האט זיך זייער אויס גערעדט פארן רבין, אז לערנענדיג דעם שער האט דאס אים זייער קראנק געמאכט טראכטענדיג פונעם גיהנום, האט דער הייליגער גר"א געזאגט פארן תלמיד, **וויסן זאלסטו, אז די אלע ווערטער פונעם ראשית חכמה איז אמת ויציב און אפילו צו וויניג ווי שווער דער גיהנום איז, נאר א איד קען גרינגער מאכן דעם גיהנום מיט יסורים, ווען מען איז דאס מקבל באהבה**.

• • •

**ווערט געברענגט**, אז ווען דער הייליגער גר"א מווילנא זי"ע איז נאך געווען א קליין קינד, איז די מאמע די צדקת מרת טריינה ע"ה געגאנגען מיטן קינד אויף א בריק, און די מאמע האט זיך אויס געגליטשט, און ל"ע די מאמע מיטן קינד זענען אריין געפאלן אין וואסער.

אבער עס האט פאסירט א גרויסע נס, **די קישעלע אויף וואס די קינד מיט די מאמע זענען געלעגן, האט געהאלטן די מאמע מיטן קינד, און אזוי זענען זיי צו געשווימען ביזן ברעק פונעם טייך, און זיי זענען געראטעוועט געווארן**, און דער תלמיד רבי חיים מוולאזין זי"ע פלעגט יעדעס מאל ער איז דורך דעם טייך, מאכן די ברכה, "**ברוך שעשה נס לרבי במקום הזה**".

• • •

**ווערט געברענגט אין תולדות הגר"א**, אז איינמאל איז דער גאון אריבער אין די גאס, און ער האט זיך באגעגענט מיט א משומד רח"ל וואס האט שוין ליידער געהאט אפ געלאזט אידישקייט און אפ געטון אלע עבירות, דער ווילנער גאון זי"ע איז צו געגאנגען צו דעם משומד און געזאגט, **וויסן זאלסטו, אז אפילו די האסט דיך טאקע אפ געריסן פון די תורה הקדושה און די בוסט עובר אויף יעדע עבירה פון די תורה.**

**זאלסטו אבער וויסן, אז מען וועט דיך משפט'ן בעולם העליון אויף יעדע עבירה, און אפילו אויפן זיך נישט וואשן מים אחרונים נאכן עסן וועט מען דיך אויך באשטראפן, ווייל א איד בלייבט א איד און קען זיך נישט אפ רייסן פונעם גרויסן באשעפער**, די ווערטער פונעם ווילנער גאון זי"ע וואס איז געזאגט געווארן מיט א אמת, האט אריין געדרינגען אין הארץ פון דעם משומד, און נישט לאנג נאכדעם האט ער תשובה געטון און געווארן א ערליכער איד א שומר תורה ומצוות, **דאס איז געווען דעם גרויסן כח און קדושה פון דעם הייליגען ווילנער גאון זי"ע**.

•••

**עס ווערט דערציילט**, אז איינער איז אמאל געקומען צו לויפן מיט א ברען צום הייליגען ווילנער גאון זי"ע מיט א גוטע **לשון הרע אויף א געוויסן איד**, אבער ווען דער ווילנער גאון האט דאס געהערט, האט ער שטארק אוועק געמאכט די לשון הרע, האט דער איד געפרעגט דעם גאון, פארוואס דער גאון נעמט דאס נישט ערנסט, האט אים דער גאון געענטפערט, "**מיר האבן בקבלה, אז דער יצר הרע האט א גרעסערן כח אויפצופלאמען א מענטש ווי דער ייצר טוב, און זעהנדיג ווי ווארעם דו ביסט צום לשון הרע, האב איך פארשטאנען אז דאס קומט זיכער פונעם יצר הרע**".

•••

**אין די שטאט ווילנא איז געווען אן אפמאך** צווישן דעם גאון און זיינע ראשי קהילה, אז צו יעדע אסיפה אויף וועלכע מ'וויל איינפירן א נייעם מנהג, זאל מען אים רופן צו די אסיפה, בכדי צו הערן זיין מיינונג, פאסירט איינמאל, אז די ראשי הקהילה האבן געוואלט איינפירן א נייע תקנה, **אז מ'זאל נישט געבן פון די שטאטישע צדקה קאסע פאר די פרעמדע ארימעלייט, וואס קומען נאר אויף געסטעריי**, מיט די טענה אז ס'זאל בלייבן גענוג געלט פאר די שטאטישע ארימעלייט, און צוליב דעם האבן די ראשי הקהילה געלאזט צוזאמען ריפן אן אסיפה, ביי וועלכן מ'וועט פארהאנדלען איבער דעם "נייעם" מנהג.

זעלבסטפארשטענדליך אז מ'האט געלאזט רופן דעם ווילנער גאון צו די אסיפה, אזוי ווי זיי האבן געהאט דעם אפמאך, אז צו יעדן נייעם מנהג דארף מען הערן זיין הסכמה, ווען דער גאון איז געקומען צו די אסיפה, און אויס געהערט זייערע רייד, האט ער זיך אנגערופען, "**איך ווייס נישט פארוואס איר האט מיך אהער גערופן, לויט ווי איך הער, פלאנט איר דאך נישט צו מאכן א נייע מנהג**".

וואס הייסט וואונדערן זיך די ראשי הקהילה, די תקנה איז נאך פון פריער קיינמאל נישט געווען, די תקנה, זאגט דער גאון, איז שוין אן אלטע תקנה, וואס דער "**וועד ארבעה ארצות**" האט שוין פון לאנג **איינגעפירט**".

וואס ווי באקאנט איז דער וועד ארבעה ארצות געווען אן ארגאניזאציע פון רבנים, גדולי התורה, בערך פאר 200 יאר צוריק, און מיט א פארוואונדערטע מינע ענטפערט דער ראש הקהל פאר'ן גאון, לויט ווי מיר ווייסן, איז בכלל נישטא אזא תקנה אין דעם פנקס פון "וועד הארבע ארצות".

ניין, זאגט דער גאון, נישט די ארבעה ארצות מיין איך, מיין כוונה איז **צו די ארבעה ארצות, סדום, ועמורה, אדמה, וצבוים**, וואס דארט האט מען אזוי אויף גענומען א גאסט, די זעלבע וועג ווי איר ווילט איינפירן, האט דער גאון פארענדיגט, איבער לאזנדיג די אסיפה אין א שטורמישע שטימונג, זעלבסטפארשטענדליך, אז פון דעם נייעם "מנהג" איז גארנישט געווארן.

•••

**אינעם הקדמה פונעם ספר ביאור הגר"א ווערט געברענגט**, אז דער גרויסער תלמיד, הגאון רבי חיים מוואלאזשין זי"ע האט דערציילט, אז דער רבי דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע פלעגט זיך פלאגן אויף יעדן ענין אין לערנען מיט א מסירות נפש ממש, מערערע מאל פלעגן **מלאכים** און **מגידים** פון הימל קומען צו אים און אנבאטן אים אויפצודעקן סודות התורה אן דעם ער זאל זיך ברויכן פלאגן, **אבער דער הייליגער ווילנער גאון האט בשום אופן נישט געוואלט הערן פון דעם**.

און דער הייליגער ווילנער גאון פלעגט זאגן, "**איך וויל נישט קיין תורה וואס קומט אן זיך פלאגן, איך וויל א תורה נאר וואס דער אויבערשטער שענקט פארן מענטש אלס שכר פון זיך מוטשען, זיצן, ברעכן דעם קאפ און שוויצן אויף דער הייליגער תורה, נאר דאס איז דער אמת'ער קנין תורה**".

און דער תלמיד רבי חיים דערציילט, אז אמאל האט זיך דער הייליגער ווילנער געמוטשעט פאר עטליכע וואכן אויף איין שווערן **רמב"ם** אן קיין שלאף, ביז זיין גוף איז געווארן ממש קראנק פון אנשטרענגונג, ערשט ווען ער האט ברוך קדשו און מיט זיין געוואלדיגן יגיעה זוכה געווען משיג צו זיין דעם אמת'ן עומק פונעם רמב"ם, **האט זיין פנים געלאכטן פון גרויס שמחה און ער איז תיכף געזונט געווארן**.

• • •

אינעם ספר עליות אליהו ווערט געברענגט, אז אמאל אין די יונגע יארן, בשעת דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע איז געווען אויף זיין באקאנטן גלות (וואו ער פלעגט וואנדערן אומבאקאנט פון שטאט צו שטאט אלס אן ארימאן), איז ער איינגעשטאנען אין א שול אין א פרעמדער שטאט.

דער שמש פונעם בית המדרש האט אים נישט דערקענט און געמיינט אז ער איז סתם א פשוט'ער שנארער, און צוליב אן אומפארשטענדעניש סיבה האט דער שמש געמיינט אז דער גאסט האט עפעס שלעכט געטון, **און ער האט דעם גאון פארשעמט ברבים און אים מיט בזיונות ארויסגעווארפן פון שול**.

דער הייליגער ווילנער גאון האט קיין איין ווארט נישט געענטפערט, נאר אראפגעלאזט דעם קאפ און מקבל געווען די יסורים באהבה, שפעטער, ווען די שטאטס-לייט האבן אויסגעפונען אז דער גאסט איז דער בארימטער גאון מווילנא, איז דער שמש כמעט געפאלן אין חלשות פון שרעק, און ער איז געלאפן צום גאון מיט בכיות און געבעטן מחילה.

האט אים דער הייליגער ווילנער גאון געזאגט מיט א שמייכל און גרויס עניוות, **"איך האב אויף דיר קיין שום פאראיבל נישט, פארקערט, דו האסט דאך געמיינט לשם שמים צו היטן אויפן כבוד פונעם בית המדרש, איך דארף דיר גאר באדאנקען, ווייל דורך דעם ביסטו געווען דער שליח מיר צו העלפן פאררעכטן און פארריכטן מיינע מדות**".

• • •

**אין ספר תולדות אליהו ווערט געברענגט**, אז עס ווערט פארציילט דורך זיינע מקורבים, אז דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע האט פאר לאנגע יארן געוואוינט אין א צימער וואס האט געהאט פענסטערס צום גאס, אבער די לאדנס זענען כסדר געווען פארמאכט, סיי בייטאג און סיי ביינאכט, און ער האט געלערנט ביי לעכט.

אמאל האט אים איינער געפרעגט, פארוואס ער עפנט נישט די לאדנס צו לאזן די ליכטיגקייט פון דער זון אריינקומען, האט דער גאון געענטפערט מיט זיין גרויס עניוות און הייליגקייט, **"אויב די פענסטערס וועלן זיין אפן, וועל איך אמאל אומגעראכטן אויפהייבן די אויגן און זען וואס טוט זיך אין גאס, א מענטש גייט פארביי אדער א פערד און וואגן לויפט דורך, און אפילו אויב עס נעמט נאר איין רגע, איז עס א שאד פאר דער מחשבה וואס קען אין יענער רגע טראכטן אין דער תורה, און ס'איז א פגם אין שמירת העינים**".

• • •

**אינעם ספר קב הישר החדש ווערט דערציילט**, אז איין יאר פארן יום טוב סוכות איז געווען א שווערע שנת בצורת, און מען האט אין גאנץ ווילנא און די גאנצע געגנט נישט געקענט באקומען קיין **אתרוג מהודר**, דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע איז געווען שטארק בצער אז ער וועט חלילה נישט קענען מקיים זיין די מצוה כתיקונה, האט דער גאון געשיקט א שליח מיט א גרויסן סכום געלט, כמעט זיין גאנץ פארמעגן, **און אים באפוילן ער זאל פארן ווי ווייט עס פעלט אויס און נישט צוריקקומען אן א מהודר'דיגן אתרוג**.

נאכן לאנג זוכן האט דער שליח געטראפן א סוחר וואס האט געהאט איין איינציגן שיינעם אתרוג, אבער דער סוחר האט נישט געוואלט נעמען קיין געלט פאר דעם, נאר דער סוחר האט געזאגט, **"איך וועל געבן דעם אתרוג פארן ווילנער גאון נאר מיט איין תנאי, אז דער גאנצער שכר פון דער מצוה זאל גיין פאר מיר אויף יענער וועלט"**, דער שליח האט נישט געהאט קיין ברירה, וויבאלד דער הייליגער גאון האט געבעטן אז ער זאל נישט צוריק קומען אן קיין מהודר'דיגע אתרוג, האט ער בלית ברירה איינגעשטימט צום תנאי.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ווילנא און איבערגעגעבן דעם תנאי מיט א שווער הארץ פארן גאון, האט דער הייליגער ווילנער גאון אויפגעלאכטן פון גרויס שמחה און אנגעהויבן

טאנצן, און געזאגט, "**מיין גאנץ לעבן האב איך געזוכט א וועג ווי אזוי צו טון א מצוה ריין נאר פארן כבוד פונעם בורא ברוך הוא, אן קיין שום האפענונג פאר שכר בעולם הבא, יעצט האב איך ענדליך זוכה געווען צו קענען שאקלען די ד' מינים בלויז לשם שמים, ווייל דער שכר גייט דאך פאר יענעם איד**".

• • •

**אינעם ספר תוספת מעשה רב ווערט געברענגט**, אז זיין תלמיד רבי חיים מוואלאזשין זי"ע האט פארציילט, אז דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע איז געווען גאר שטארק נזהר אין דיני ממונות און גזל ביז גאר, ממש ווי פון די הארבסטע הלכות פון שבת און כשרות.

די קהילה אין שטאט ווילנא פלעגט יעדן פרייטאג שיקן א קליינע פעקל פון שפייז און האלץ פאר זיין הויז-געזונד, כדי ער זאל זיך קענען מפרנס זיין און זיצן און עוסק זיין נאר בתורה, איינמאל איז געשען אז די שליחים האבן בטעות געברענגט **א פערטל קילא מעל מער ווי דער חשבון, אדער איין פעקל האלץ צופיל וואס האט באלאנגט פאר די קהילה געלטער**.

ווען דער גאון האט דאס באמערקט, האט ער בשום אופן נישט געלאזט אנרירן אדער הנאה האבן דערפון, ביז ער האט עס אליינס צוריקגעשיקט צו די גבאי צדקה, און געזאגט, "**אפילו א מענטש לערנט יומם ולילה און פאסט תעניתים, אויב ער עסט עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן אויף הונדערט פראצענט לויט דעם שלחן ערוך פון חושן משפט, איז עס א מחיצה המבדלת צווישן אים און קדושה, און די תורה קען נישט בלייבן ריין**".

• • •

**אינעם ספר עליות אליהו ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען א מעשה מיט א פרוי אין שטאט ווילנא, וואס איר מאן איז פארשוואונדן געווארן פאר עטליכע יאר, און זי איז געבליבן אן עגונה, נאך א לאנגע צייט איז אנגעקומען א שליח פון א ווייטן לאנד מיט א גט פונעם מאן, כדי זי זאל קענען ווידער חתונה האבן.

די בית דין פון ווילנא האט דורכגעקוקט דעם גט מיט אלע דקדוקים און אלע הלכות, **און אלע דיינים האבן געזען, אז דער שטר איז כשר בתכלית הכשרות, אלע נעמען שטימען, די חתימות פון די עדים זענען באשטעטיגט, און ס'איז נישטא קיין שום פסול**.

פאר מ'האט איבערגעגעבן דעם גט פאר דער פרוי, האט מען עס געברענגט צום הייליגן ווילנער גאון זי"ע, אז ער זאל עס אויך איבערקוקן, דער ווילנער גאון האט גענומען דעם גט אין די הענט, געקוקט דערויף איין מינוט, און געזאגט מיט א פעסטקייט, "**דער גט איז פסול! דער מאן וואס האט אונטערגעשריבן דעם גט איז שוין נישט בין החיים און די עדות האבן געחתמ'עט בטעות אדער בשקר**".

אלע דיינים זענען געשטאנען פארציטערט, מ'האט געווארט און אפגעשיקט א בריוו צו יענעם ווייטן שטאט אויסצופארשן דעם ענין, און נאך א שטיק צייט איז געקומען דער ענטפער, "**גענוי אין יענעם טאג און אין יענער שעה וואס דער גט איז געשריבן געווארן, איז יענער מאן פלוצלונג נפטר געווארן, און די פרוי איז שוין געווען אן אלמנה און נישט קיין גרושה**", דעמאלט האבן אלע געזען דעם קלארן רוח הקודש פונעם הייליגן ווילנער גאון.

• • •

**אין ספר תולדות אליהו ווערט דערציילט**, אז אמאל איז א איד, א וואסער-טרעגער אדער בעל עגלה פון שטאט ווילנא, געקומען צו לויפן צום הייליגן ווילנער גאון זי"ע מיט גרויס געוויין, זיין איינציג פערד און וואגן, וואס פון דעם האט ער געברענגט ברויט פאר זיין קינדער געבענטשטע משפחה, איז גע'גנב'ט געווארן אינמיטן דער נאכט, און ער שטייט פארן ליידער אונטערברעכן אן קיין פרוטה צום לעבן.

דער הייליגער ווילנער גאון האט אים אויסגעהערט מיט גרויס רחמנות, זיך פארטראכט א קורצע ווייליע, און געזאגט, "**גיי ארויס פונעם שטאט אויפן וועג וואס פירט קיין קאוונא, ווען דו וועסט אנקומען צום דריטן קרעטשמע ביים ראד, וועסטו דארט טרעפן א גוי וואס זיצט און טרינקט בראנפן, גיי אריין אין שטאל אונטערן הויז, דארט שטייט דיין פערד, נעם אים און פאר אהיים**".

דער איד איז גלייך געלאפן אהין, ער איז אנגעקומען צום דריטן קרעטשמע, און אלעס איז געווען פינקטליך ווי דער הייליגער ווילנער גאון האט פאראויסגעזאגט, דער גנב איז געזעסן

אינעווייניג, און דאס פערד מיט די געציייג זענען געשטאנען אין שטאל, דער איד האט צוריקבאקומען זיין גאנץ פארמעגן אן קיין שום שאדן.

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר נפש החיים ווערט געברענגט,** אז דער תלמיד רבי חיים מוואלאזשין זי"ע האט פארציילט א מורא'דיגע עובדה וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט ביי זיין גרויסן רבי'ן דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע.

אמאל איז דער תלמיד רבי חיים געזעסן מיטן רבין דער הייליגער גר"א זי"ע און זיי האבן געלערנט א שווערע סוגיא אין ש"ס מיט די ראשונים, אינמיטן לערנען איז אויפגעקומען א גרויסע קשיא אויף די ווערטער פון איינעם פון די גרויסע פוסקים פון די פריערדיגע דורות (ס'איז מקובל אז עס איז געווען דער הייליגער רא"ש), און קיין שום תירוץ האט נישט געשטימט לויט דער אמת'ער הלכה.

דער הייליגער ווילנער גאון האט זיך פארטראכט אין א טיפע דביקות מיט פארמאכטע אויגן פאר אפאר מינוט, און דער תלמיד רבי חיים איז דארט געזעצן און געווארט די רבי זאל זיך דערוועקן פון זיין דביקות, פלוצלונג האט דער הייליגער ווילנער גאון אויפגעמאכט די אויגן, און זיין פנים האט געלאכטן, און ער האט געזאגט פאר רבי חיים, **א גאר שיינעם תירוץ אויף דער שווערער סוגיא.**

דערנאך האט דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע צוגעלייגט בזה"ל, "**יעצט איז די נשמה פון יענעם הייליגן מחבר אראפגעקומען פון עולם האמת צו מיר אין צימער, און ער האט מיר אליינס מסביר געווען וואס ער האט געמיינט מיט זיינע הייליגע ווערטער, און ער האט זיך שטארק געפרייט אז מיר האבן פארראכטן זיין כוונה**", און דער תלמיד רבי חיים האט מעיד געווען, אז ער האט געציטערט פון גרויס פחד צו זען ווי דער עולם האמת און עולם הזה זענען געווען אפן פארן גאון ווי אן אפענער בוך.

• • •

**אינעם ספר עליות אליהו ווערט דערציילט,** אז אמאל האט א נגיד געלאזט שרייבן א ספר תורה מיט גרויס הידור און כוונות דורך א באקאנטן סופר סת"ם, און ער האט עס געברענגט צום הייליגען ווילנער גאון אז דער גאון זאל אריינשרייבן די לעצטע אותיות.

ווען דער הייליגען ווילנער גאון האט געעפנט די יריעה פון דער תורה און געקוקט אויף די אותיות, האט ער זיך אפגעשטעלט, אוועקגעלייגט דעם פעדער, און געזאגט, "**איך קען נישט שרייבן אין דעם ספר תורה, דער סופר וואס האט געשריבן די שורות איז נישט געווען אין מקוה יענעם טאג פארן שרייבן, און די מחשבה איז נישט געווען ריין לשם קדושת ספר תורה**".

דער נגיד איז געווארן שטארק דערשראקן, און מ'האט גערופן דעם סופר צום גאון, און ערשט האט ער געלייקנט, אבער ווען דער הייליגער גר"א האט אים אנגעוויזן אויף דער פונקטליכער יריעה און אויף דעם ספעציעלן עמוד וואו די טומאה האט גערוהט, האט דער סופר אראפגעלאזט דעם קאפ און מודה געווען מיט א געוויין, אז יענעם טאג איז ער געווען אנוס און האט זיך נישט גע'טובל'ט פארן שרייבן די אותיות הקדושים פון יענעם יריעה וואס דער הייליגער ווילנער גאון האט אנגעוויזן.

**יארצייט י"ט תשרי ג' דחוה"מ סוכות**

**הרה"ק רבי יעקב יצחק ב"ר אשר זי"ע**
**(ראבינאוויטש)**
**ראש שושלת פשיסחא**
**"הנקרא היוד הקדוש מפשיסחא"**

ער איז געבוירן אין פולין, **בשנת תקכ"ו**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי אשר מגיד מישרים ואב"ד פשעדבורז** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אלחנן אב"ד גרינצא** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי יצחק הלוי** זי"ע, (אחיו של הגה"ק **רבי דוד הלוי בעל הטו"ז מלבוב** זי"ע).

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת דייכא** ע"ה.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק יסוד עולם, ער איז געווען מפורסם אלס א למדן נפלא און א בקי וחריף עצום בתורה, ער איז געווען פון די גרעסטע גאונים מפורסמים בדורו מפרק הרים ומשבר סלעים, שוין פון זיין יוגענט אן איז ער געווען באוויסט מיט זיין אויסעגעוועגליכע שארפע פארשטאנט און געוואלדיגע חכמה, אלע צדיקים וגאונים בדורו אפילו עלטער פון אים, האבן דעם צדיק גאר שטארק מעריץ געווען און מכבד געווען, ער איז געווען מפורסם אלס א גאר הייליגע מענטש און א בעל רוח הקודש און א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

גאנץ אנפאנג איז דער צדיק נאכנישט געווען מקורב צום דרך החסידות, ער איז שוין אבער דאן געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע בקיאות בתורה כאחד מן הגדולים בדורו.

ער האט געלערנט אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי ארי' לייב חריף היילפרין בעל חי' מהר"א אב"ד פשעדבורז ואפטא** זי"ע, דארט איז דער גאון געווען צווישן די גרעסטע און חשובסטע תלמידים, ער איז שוין דאן געזעצן על התורה ועבודה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, און גאר אסאך תורה און עבודת השם האט דער צדיק דארט קונה געווען, דארט האט דער צדיק געלערנט צוזאמען מיט הרה"ק **רבי ישעי' מפשעדבורז** זי"ע.

אביסל שפעטער איז דער צדיק אריבער לערנען אין שטאט **ליסא** אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי דוד טעביל בעל נפש דוד מליסא** זי"ע, וואס איז געווען מפורסם אלס איינע פון די גרויסע גדולים וגאונים בדורו, דארט איז דער צדיק געווען פון די גרעסטע תלמידים פונעם גאון און גאר אסאך תורה און עבודת השם האט דער צדיק דארט קונה געווען, אבער שפעטער איז דער צדיק געפארן לערנען אין שטאט אפטא ביי זיין ערשטן רבין הגה"ק **רבי ארי' לייב חריף** זי"ע.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת בריינדל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יעקב קאפיל מאפטא** זי"ע,
און ווען די רעבעצין איז נפטר געווארן, האט ער חתונה געהאט מיטן שוועסטער **הרבנית הצדקת מרת שיינדל פריידא** ע"ה.

ווען זיין רבי רבי ארי' לייב חריף זי"ע איז אריבער צום שטאט **סוכטשוב**, האט מען דעם תלמיד דעם יהודי הקדוש אויף גענומען אלס ממלא מקום פון זיין גרויסן רבין, און נאך די חתונה האט דער צדיק געדינט אלס ראש ישיבה אין שטאט **אפטא**, ער האט שוין דאן מרביץ תורה געווען פאר אסאך תלמידים גאונים וגדולים בתורה.

דאן איז ער נתקרב געווארן צום דרך החסידות דורך די דריי צדיקים.
הרה"ק **רבי משה לייב מסאסוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד'ל מלעלוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אברהם יהושע בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע.

דאן איז דער צדיק דער יוד הקדוש געווארן א תלמיד מובהק פונעם **הייליגען חוזה מלובלין** זי"ע, ער איז געווען פון די גרעסטע תלמידים ומפיצים פונעם דרך החסידות דעם דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, זיין רבי דער חוזה האט גאר שטארק גערעדט און מפליא געווען דאס גדלות בתורה פון זיין תלמיד דער יוד הקדוש זי"ע, גאר אסאך תורה האט דער תלמיד קונה געווען ביי זיין רבין סיי בתורת הנגלה און אויך בתורת הנסתר.

עס איז דא כמה גרסאות אויף דעם נאמען **"יוד הקדוש"** מיט וואס מען האט גערופן דעם צדיק

וקדוש, און צדיקים האבן מעיד געווען **אז אלע זענען אמת**, צוליב וואס דער צדיק איז געווען **א קדוש אלוקי** און זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה.

איין גרסה איז, אז די תלמידים פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע האבן נישט געוואלט דעם תלמיד ריפן מיטן נאמען, וויבאלד זיין נאמען "**יעקב יצחק**" איז געווען דעם זעלבן נאמען ווי זייער הייליגע רבי דער חוזה, דערפאר האט מען אים געריפן מיטן נאמען "**יהודי הקדוש**".

הרה"ק רבי יהודה ארי' לייב אלתר בעל שפת אמת מגור זי"ע האט געזאגט, אז מען האט דעם צדיק געריפן "**יהודי הקדוש**", וויבאלד דער צדיק איז נתעלה געווארן יעדן טאג צו א העכערע מדרגה אין עבודת השם און קדושה, אז מען האט ממש געזען **אז ער איז געגאנגען פון נישט איד, צו א איד הקדוש**, און דערפאר האט מען אים געריפן מיטן דעם נאמען "**יהודי הקדוש**".

די תלמידים פונעם חוזה האבן מעיד געווען, אז דער צדיק האט ממש יעדן טאג מחדש געווען חידושים נפלאים בתורה, אבער דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות האט דאס נישט געוואלט לייגן אויף זיין נאמען, פלעגט ער יעדעס מאל זאגן, **שמעתי מיהודי אחד**, איך האב געהערט פון א איד זאגן, אבער די תלמידים האבן גאנץ גוט געוויסט אז דער חידוש איז זיינס, און דערפאר האט מען אים אנגעהויבן ריפן מיט דעם נאמען "**יהודי הקדוש**".

צדיקים האבן מעיד געווען, אז די ניצוץ הנשמה פון דעם צדיק איז געווען פון **מרדכי הצדיק**, וואס אין מגילה ווערט ער אנגערופן מיטן נאמען **מרדכי היהודי**, ווי די פסוק אין מגילה שטייט **אִישׁ יְהוּדִי הָיָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה וּשְׁמוֹ מָרְדֳּכַי**, און דערפאר האט מען אים געריפן "**יהודי הקדוש**".

אויך איז דא א גירסה פון צדיקים הקודמים, אז איינמאל איז דער יהודי הקדוש זי"ע געגאנגען אויף די גאס, און א גוי איז דורך און א קלאפ געגעבן אויף די פלייצעס און אים געזאגט "**די בוסט א ערליכער איד**", און צדיקים האבן געזאגט, **אז דאס איז געווען אליהו הנביא ז"ל**, און וועגן דעם האט מען דעם צדיק געריפן מיטן נאמען "**דער יוד הקדוש**".

דער צדיק אפילו זייענדיג פון די גרעסטע גאונים וגדולים בתורה און א איש קדוש מאוד, האט ער זיך אבער מסתופף געווען בצלו פון די צדיקי הדור ובתוכם הרה"ק **רבי ישראל האפשטיין בעל עבודת ישראל המגיד מקאזניץ** זי"ע, און אלע צדיקי הדור האבן מעיד געווען אויף זיין קדושה ופרישות און גדלות בתורה, אבער דער צדיק האט נישט געלאזט מען זאל אים מכבד זיין, נאר האט געהאלטן מיט זיין גרויס עניוות, אז ער איז א פשוטע איד און נישט געלאזט מאכן קיין וועזן פון זיך.

דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע פלעגט אים ריפן מיטן נאמען "**דער הייליגער איד**", איינמאל האט דער מגיד אים געפרעגט, הייליגער איד, וואס איז די סיבה **פארוואס די יו"ט שני של גליות איז די שמחה גרעסער ביי אידן מער ווי דעם ערשטן טאג יו"ט**.

האט דער יוד הקדוש זי"ע געענטפערט בזה"ל, "**אז מ'צעקריגט זיך און מען בעט זיך איבער, איז די אהבה גרעסער**", מיינענדיג צו זאגן, אז וויבאלד די צווייטע טאג יו"ט איז דאך די סיבה, וויבאלד אידן זענען דאך אין גלות, ווי מען זאגט דאך ביי מוסף **וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ. וְנִתְרַחַקְנוּ מֵעַל אַדְמָתֵנוּ**, קומט דאך אויס אז מען בעט זיך איבער מיטן גרויסן באשעפער, דערפאר איז די אהבה אסאך גרעסער, **דערפאר איז די שמחה אסאך גרעסער די צווייטע טאג יו"ט**.

זיין רבי דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט אין דעם תלמיד דער יהודי הקדוש זי"ע געזען א ממלא מקום פאר זיינע תלמידים, און דערפאר האט ער לויטן באפעל פון זיין גרויסן רבין שוין אנגעהויבן פירן א עדה הקדושה בחייו פון זיין רבין, דער הייליגער חוזה פלעגט שוין דאן שיקן אידן וואס זענען זיך געקומען מזכיר זיין, אז זיי זאלן קודם גיין צום תלמיד דער יוד הקדוש זי"ע, אויך האט ער געשיקט צום יוד הקדוש פרישע חסידים, אז זיי זאלן פון אים מקבל זיין א דרך אין חסידות און א דרך אין עבודת השם.

גאר אסאך פון די צדיקי הדור זענען געווען תלמידים פון דעם יוד הקדוש מפשיסחא זי"ע ובתוכם.

ממלא מקומו הרה"ק **רבי שמחה בונם בונהארד בעל קול שמחה מפשיסחא** זי"ע.

הרה"ק **רבי מנחם מענדל מורגנשטרן השרף מקאצק** זי"ע,

הרה"ק **רבי שלמה יהודה לייב מלענטשנא** זי"ע,

הרה"ק **רבי לייביש משידלובצא** זי"ע,

הרה"ק **רבי ישראל יצחק קאליש מווארקא** זי"ע,

הרה"ק **רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ** זי"ע,

הרה"ק **רבי יעקב ארי' גוטרמן בעל ביכורי אבי"ב הזקן מראדזימין** זי"ע,

הרה"ק **רבי חנוך העניך הכהן לוין מאלכסנדר** זי"ע,

הרה"ק **רבי מאיר הלוי רוטנברג בעל אור לשמים מאפטא** זי"ע.

ווי באוויסט האט דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע געהאט א גאר נאנטע קשר און חביבות מיטן צדיק דער יהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע, און דער יוד הקדוש האט מעיד געווען אויפן כח פונעם שפאלער זיידע, **אז ער האט מיט זיין כח געקענט מאכן פון א מענטש א גל של עצמות, און זיינע ווערטער זענען מקובל בעולם העליון.**

דער דרך פון דעם צדיק מפשיסחא איז געווען אויף גאר א געהויבענע דרך, ער האט גאר אסאך געארבעט אויף **אהבת ישראל** אז מען ברויך ליב האבן יעדן איד אהבת נפש און אזוי זיך מדבק זיין אינעם גרויסן באשעפער, דאס **מידת האמת** פון דעם צדיק איז געווען גאר געהויבען, ביי דעם צדיק איז געווען דער שקר ממש מאוס, ער האט געלערנט מיט זיינע תלמידים **ביטול היש** און מען זאל זיך דערוואטערן פון יעדע ברעקל גאווה, נאר דינען דעם גרויסן באשעפער **נאר מיטן ריינעם אמת.**

ער איז גאר שנעל מפורסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות וחריפות בתורה, ער איז געווען דער שר התורה און א גאון מובהק בכל מקצועות התורה, ער איז געווען א בקי בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען באוויסט אלס **א בעל רוח הקודש אמיתי** און א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים בתורה און צדיקים בדורו, פון גאנץ אירופה איז מען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק, און פון אלע זייטן איז מען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקדוש.

צדיקים האבן מעיד געווען, אז דעם דרך אין עבודת השם און די עבודת התפילה פון דעם צדיק איז געווען מיט א אש קודש און א ברען צום באשעפער מיט א מסירת נפש ממש, הרה"ק רבי יחיאל דאנציגער הזקן מאלכסנדר זי"ע האט געזאגט, אז דער צדיק דער יהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע האט אפ געראכטן אן עבודה ביים דאווענען מיט א מסירת נפש ממש, **אז דער צדיק האט יעדן טאג בעפאר ער איז ארויס פון שטוב, זיך געזעגענט פון זיין משפחה, וויסענדיג אז ער קען ביי יעדע תפילה אויס גיין ממש פון זיין גרויסע דביקות הבורא ברוך הוא.**

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע דברי תורה וואס זענען געדריקט געווארן אין די חיבורים.

**ספר כתר היהודי,**
**ספר תורת היהודי,**
**ספר נפלאות היהודי,**
**ספר תפארת היהודי.**

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי ירחמיאל מפשיסחא** זי"ע,

הרה"ק **רבי נחמי' יחיאל מביחוב** זי"ע,

הרה"ק **רבי יהושע אשר מזליחוב ובפאריסוב** זי"ע,

בתו **הרבנית הצדקת מרת רבקה רחל** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי משה ב"ר דוד מלעלוב** זי"ע,

חתנו הרה"ק **רבי שמואל רפאל'ס מלובלין** זי"ע.

נאכן הסתלקות פונעם טאטן י"ט תשרי בשנת תקע"ד איז דער זוהן רבי ירחמיאל געבליבן ארבעטן אלס א זייגער מאכער און נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, נאר געהייסן די חסידים פארן צו זיינע צוויי ברודער'ס הרה"ק **רבי נחמי' יחיאל מביחוב** זי"ע, און הרה"ק **רבי יהושע אשר מזליחוב** זי"ע, נאך אסאך הפצרות האט דער זון רבי ירחמיאל נאך 14 יאר אנגעהויבן פירן רבנות, און ער איז דאן געווארן מפורסם אלס איינע פון די צדיקים בדורו, טויזנטער אידן זענען זיך געקומען מסתופף זיין בצלו.

הרה"ק רבי יעקב יצחק מבלענדוב זי"ע האט דערציילט, איבער דעם גרויסע עבודת התפלה פונעם צדיק וקדוש רבי ירחמיאל מפשיסחא זי"ע, אז בשעת'ן דאווענען האבן די הייליגע אויגן ממש ארויס געשטארצט אויף ארויס, אינעם האנט האט דער צדיק געהאלטן א זייגער, וואס דאס איז געווען א מחזה נורא, און זיין פנים איז געווען ממש ווי א מלאך אלוקים, און דער צדיק רבי יעקב יצחק האט מעיד געווען, אז דער מחזה פון די עבודת התפלה פן דעם צדיק איז אים געבליבן איינגעקריצט עד יום האחרון.

צדיקים האבן מעיד געווען, אז בשעת דאס דאווענען, האט דער צדיק רבי ירחמיאל זי"ע געהאלטן א זייגער אין די האנט, וויבאלד דער צדיק איז ממש ארויס מיט א התפשטות הגשמיות בשעת'ן דאווענען, און דורך דעם וואס ער האט געהאלטן דעם זייגער, האט זיך דער צדיק געהאלטן צו געבינדען צו די וועלט, אז ער זאל נישט פארברענט ווערן פון גרויס קדושה, און די צדיקים בדורו האבן געזאגט, אז די 14 יאר וואס ער האט געארבעט מיט די זייגער'ס, האט ער באהאלטן זיינע מדרגות און דארט אויף געטון אסאך הויכע ענינים.

בשנת תקע"ד ווען דער הייליגער יהודי הקדוש זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען אויף גענומען אלס ממלא מקום זיין תלמיד מובהק הרה"ק רבי שמחה בונם מפשיסחא זי"ע, אבער דער תלמיד האט נישט געוואלט מקבל זיין דאס רבנות, זענען די תלמידים געגאנגען צום ציון הקדוש פונעם רבין און געזאגט פארן רבין, אז דער תלמיד וויל נישט נעמען דאס רבנות, און די רבי דער יהודי הקדוש זי"ע איז געקומען צום תלמיד רבי בונם, און געהייסן ווערן דער ממלא מקום אין פשיסחא.

בלית ברירה האט ער אנגענומען דאס רבנות, און דאן האט זיך גאר שטארק פארמערט די אידן אין שטאט וואס זענען געקומען מיט האלטן דעם עבודת הקודש פונעם רבין, ער איז דאן געווארן מפורסם מיט זיין געוואלדיגע קדושה און זיין מסירת נפש אין זיין עבודת השם.

נאכן הסתלקות פון רבי בונם מפשיסחא זי"ע האט זיך די חסידות צעטיילט אין צווייען, א חלק ובתוכם הרה"ק בעל חידושי הרי"ם מגור זי"ע האבן אויף גענומען אלס ממלא מקום דעם צדיק הרה"ק רבי מנחם מנדל השרף מקוצק זי"ע, די אנדערע חלק ובתוכם הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע האבן אויף גענומען דעם זון הרה"ק רבי אברהם משה זי"ע אלס ממלא מקום אביו, אבער ליידער האט דער זון נישט מאריך ימים געווען, און נאכן פטירה פונעם זון האט איבער גענומען הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ט תשרי ג' דחוה"מ סוכות בשנת תקע"ד**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **פשיסחא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**בשנת תקע"ד ביי די מלחמה פון נפוליאון מיט דעם צאר אלכסנדר**, האבן אסאך צדיקים פונעם דור געהאפט, אז עס איז אנגעקומען דעם זמן הגאולה און משיח גייט שוין אט אט קומען, אויך דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט פאראַרבעט גרויסע מעשים צו ברענגען דעם גאולה שלימה, וואס זיין גאנץ לעבן האט ער אזוי געהאפט אז משיח ועט נאך קומען בימיו.

אויף 4 יאר בעפאר דעם איז דער הייליגער צדיק רבי לוי יצחק מברדיטשוב זי"ע נסתלק געווארן, און דער קדושת לוי האט געזאגט, **אז ער וועט נישט אריינגיין אין גן עדן, ביז ער פועל'ט אויס אז משיח זאל שוין קומען**, האט דער הייליגער חוזה מלובלין געהאלטן אז די מלחמה פון נפוליאון **איז מלחמת גוג ומגוג**, און דאס איז די ארבעט פונעם קדושת לוי צו ברענגען משיח.

האט ער דאן בשנת תקע"ד געבעטן זיינע הייליגע תלמידים דער יוד הקדוש מפשיסחא זי"ע, דער הייליגער מאור ושמש זי"ע, רבי נפתלי מברזאן זי"ע, און דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע, אז זיי זאלן צוזאמען מיט אים ארבעטן צו מקרב זיין אז די גאולה שלימה זאל קומען דעם יאר.

און דער הייליגער חוזה מלובלין האט אפילו באשטימט א צייט ווען משיח וועט קומען, און דאס איז געווען **ליל שמחת תורה בשנת תקע"ה**, ווייל דאן האלטן די אידן נאכן תשובה טון אויף די עבירות, און דער באשעפער האט דאך זיכער מוחל געווען פאר זיי, איז דאס א געוואלדיגע טאג פאר די גרויסע שמחה פון די גאולה שלימה.

אויך האט דער חוזה געזאגט, אז דער יוד הקדוש זי"ע וואס איז אוועק י"ט תשרי בשנת תקע"ד איז ארויף בעולם העליון כדי ארויס צו העלפן ברענגען משיח, אויך איז דער הייליגער קאזניצער מגיד נסתלק געווארן ערב סוכות, אבער דער הייליגער חוזה האט נישט געוויסט דערפון.

שמחת תורה בשנת תקע"ה האט דער הייליגער חוזה מלובלין געבעטן די תלמידים, אז מען זאל אכטונג געבן אז ער זאל נישט בלייבן אליין ביי זיך אין שטוב, און אויך האט ער דאס אן געזאגט פאר די רעבעצין.

מען דערציילט, אז ביים תלמיד דער הייליגער מאור ושמש זי"ע איז אריינגעפאלן א שטיין דורך די פענסטער שמחת תורה, און ער האט גלייך געזאגט, ווער ווייסט וואס גייט פאר ביים רבין אין לובלין, אויך ביים תלמיד דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע איז געשען א גרויסע פייער ביי אים אין שטוב יענעם שמחת תורה, וואס די צדיקים האבן פארשטאנען, אז דא קומט פאר עפעס גאר הויכע זאכן.

אבער מאת השם היתה זאת, און פון הימל האט מען געזען אז דאן איז נאכנישט געווען די עת הגאולה, און דער הייליגער חוזה מלובלין איז אריין אין זיין פריוואטע שטוב, און פלוצלונג האט די רעבעצין געהערט אז עפעס גייט פאר אונעם שטוב פונעם רבין, און ווען זי איז אריין געקומען האט זי געזען, אז דער הייליגער חוזה איז נעלם געווארן פון שטוב.

דאן זענען אלע תלמידים געלאפן זיכן דעם רבין, און צום סוף האט מען געטראפן דעם רבין דעם הייליגען חוזה אינדרויסן ליגן אין יסורים, און דער הייליגער חוזה האט דאן געזאגט, **אז פון הימל איז ארויס א פסק דין קעגן אים, ווייל ער האט פראבירט צו מקרב זיין די גאולה נישט אין צייט**, און די כוחות עליונים האבן אים ארויס געווארפן פון די פענסטער, און דער הייליגער קאזניצער מגיד איז טאקע אראפ געקומען מעולם העליון און האט פארגרינגערט דאס פאלן.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז ביי די באקאנטע נפילה פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע שמחת תורה בשנת תקע"ה, ווען מען האט דאן געטראפן דעם הייליגען חוזה ליגן אויף דער ערד, און מען האט אים געברויכט אויף הייבן און ארויין טראגן אין שטוב, האבן די הייליגע תלמידים געמאכט א גורל, ווער עס זאל אויף הייבן דעם קאפ פונעם רבין דער הייליגער חוזה, און די גורל איז געפאלן אויפן תלמיד **רבי שמואל מקארוב** זי"ע.

בשעת דער תלמיד רבי שמואל האט אויף געהויבן דעם הייליגען חוזה, האט ער געהערט ווי די רבי זאגט עפעס מיט די ליפען, האט ער צו געלייגט א אויער און הערט ווי די רבי זאגט "**תיקון חצות**", וואס דאן איז טאקע געווען די צייט פאר תיקון חצות, האט דער תלמיד רבי שמואל זיך דאן אויס געדריקט מיט וואונדער, **קוקט און הערט דאס גרויס קדושה פון אונזער הייליגע רבין, אז אפילו אין אזא צייט ווען ער איז געווען אין גרויסע יסורים, און האט נישט געהאט קיין זייגער, האט ער אבער גלייך מרגיש געווען אז עס איז צייט פאר תיקון חצות**.

אבער ליידער איז דער חוזה פון דעם ארויספאלן פון די פענסטער קראנק געווארן, און זיך נישט געקענט געהעריג באוועגן א חלק פון זיין גוף קדוש, און בערך 10 חדשים שפעטער תשעה באב בשנת תקע"ה איז דער צדיק נסתלק געווארן.

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען דער הייליגער חוזה איז קראנק געווארן, האבן די מתנגדים געטרינקן לחיים און זיך געפרייט, און זיי האבן געזאגט, אז זיי גרייטן זיך צו טרינקען א לחיים ווען ער וועט נסתלק ווערן, און ווען דער הייליגער חוזה האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, "**זיי וייסן נישט אז ביי מיין פטירה וועלן זיי נישט קענען טרינקען אפילו א טראפ וואסער אויך נישט**", און כך הוה, דער חוזה איז נסתלק געווארן אים תשעה באב, און ווי עס שטייט אויפן מצבה "**חשך אור בעדינו ביום שריפת בית אלוקינו**".

• • •

**ביים יוד הקדוש פון פשיסחא זי"ע איז געווען דער מנהג,** אז יעדן ראש השנה האט ער צוזאמען געקליבן אלע וועלכע האבן געקענט שופר בלאזן, און זיי אויסגעלערנט די כוונות וועלכע מ'דארף מכוון זיין בשעת תקיעת שופר, און פארנאכט'ס האט דער יוד הקדוש אויסגעוועלט איינעם פון די אנוועזענדע, אז ער זאל זיין דער בעל תוקע.

האט איין יאר פאסירט, אז צווישן די באטייליגטע פאר תקיעת שופר האט זיך אויך אריין געכאפט דער באליבטער תלמיד פון רבי'ן, דער צדיק וקדוש רבי שמחה בונם מפשיסחא זי"ע, וועלכער איז נאך דאן געווען א יונגערמאן, וואס האט באמת נישט געקענט בלאזן שופר, נאר ער האט זיך געוואלט צוהערן צו די כוונות פון תקיעת שופר וואס דער רבי לערנט דעמאלס אויס.

נאכדעם וואס דער רבי האט פארענדיגט דעם שיעור, האט ער דערנאך אויס געוועלט ר' שמחה בונם אלס דער בעל תוקע, ווען דער צדיק רבי שמחה בונם האט זיך אנטשולדיגט פאר'ן רבי'ן, אז ער איז נישט קיין בעל תוקע, האט אים דער יוד הקדוש שטארק פאר געהאלטן, **פארוואס ער איז אריין געקומען צום שיעור אן רשות, אין די צייט וואס ער קען נישט בלאזן.**

האט זיך דער תלמיד חביב ר' שמחה בונם פאר ענטפערט זאגענדיג, מיר געפינען אין די תורה די זעלבע געשעעניש, משה רבינו ע"ה האט געפרעגט דעם אייבערשטן, **מה שמו, מה אומר אליהם,** וואס איז דעם אויבערשטענ'ס נאמען, און דערנאך, ווען עס איז געקומען אויסצופירן למעשה די שליחות, צו גיין צו פרעה, האט משה געזאגט, **לא איש דברים אנכי,** איך בין נישט קיין רעדנער, איך קען נישט רעדן, און געבעטן השי"ת ער זאל אויסוועלן א צווייטן פאר די שליחות, **די תשובה איז שטארק געפאלן אין די אויגן פונעם יוד הקדוש, און ער האט אויס געוועלט א צווייטע בעל תוקע.**

• • •

**די תלמידים וועלכע האבן געלערנט ביי זייער גרויסן רבי'ן דער יוד הקדוש זי"ע** האבן שוין געוואוסט דעם דרך פון זייער רבי'ן, אז ווען ער פארטיפט זיך אין א קשיא אין די גמרא, דאן פארזוימט ער זיך אין אן אויסטערלישע דביקות, אויף גאר א לאנגע צייט, און טאקע דערפאר איז אמאל איינער פון די תלמידים, וועלכער איז ל"ע געווען א יתום פון זיין טאטען, אוועק געגאנגען פון שיעור, בשעת אזא דביקות, טראכטענדיג אז ער וועט נאר אויף איין מינוט גיין א קוק טאן וואס זיין מאמע די אלמנה טוט, און גלייך דערנאך צוריק קומען צום שיעור.

זייענדיג ביי זיין מאמע האט זי אים געבעטן אז ער זאל ארויפגיין אויפ'ן בוידעם, און איר אראפ ברענגען א געוויסע זאך אין וואס זי האט זיך געניטיגט, טראצדעם וואס דער תלמיד האט געוואוסט אז יעדע מינוט איז טייער, און ער קען נאך אנקומען צום שיעור ווען דער רבי וועט שוין לערנען ווייטער, האט ער נישט אפ געזאגט די מאמע, נאר אויס געפאלגט די מאמע'ס באפעל, און דערנאך ערשט צוריק געגאנגען.

אנקומענדיג צום בית המדרש, האט אים אויס געזען ווי ס'איז נאך אלץ שטיל, און דער רבי איז נאך אלץ פארטיפט אין זיין דביקות, אבער ווי נאר ער האט געעפענט די טיר, **האט זיך דער יוד הקדוש אויפגעשטעלט פאר אים, און באלד אויסגערופן, איצט איז מיר פאר ענטפערט געווארן די קשיא.**

און גלייך ערקלערט דער יוד הקדוש זי"ע ווי פאלגענד, ס'איז באקאנט, אז דער הייליגער אמורא אביי האט נישט געהאט קיין עלטערן, ווי די גמרא זאגט (קידושין ל"א), אז די ר"ת פון **א'שר ב'ך י'רוחם י'תום איז אביי,** ווייל זיין טאטע איז ל"ע נפטר געווארן בעפאר ער איז געבוירן, און די מאמע איז נפטר געווארן גלייך נאכן געבורט, און דערפאר האט דער אמורא אביי נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם.

דערפאר, ווער ס'איז מקיים די מצוה ווי ס'דארף צו זיין, באגלייט אים אביי, כדי צו האבן א חלק אין די מצוה, דעריבער ווען דער בחור, וועלכער האט נארוואס מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אם בשלימות איז אריין געקומען, **איז דער אמורא אביי מיט געקומען מיט אים, האט ער מיר שוין איינוועגס פאר ענטפערט די קשיא וואס איז מיר שווער געווען.**

• • •

**ווען דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע** איז צום ערשטן מאל געקומען קיין לובלין צום חוזה,

איז ער אינגאנצן אלט געווען זיבעצן יאר, ווען ער איז אריין געקומען אין בית המדרש, האט ער געטראפן דעם יוד הקדוש שטיין ביים טיר זאגענדיג, **אז דער רבי דער חוזה האט נאכנישט געדאווענט, און מ'קען נישט אריינגיין צום רבי'ן**, וויסענדיג אז געווענליך דאווענט דער רבי אין די פריע שעה'ן, האט דער הייליגער שר שלום זיך געוואונדערט פארוואס דער רבי האט נאכנישט געדאווענט.

האט אים דער יוד הקדוש געזאגט, אז דער רבי איז זייער צוטראגן פון א געוויסע קשיא וואס שטערט זיין געוויסן, אויף די פראגע פונעם הייליגען שר שלום זי"ע, וואס די קשיא איז, האט דער יוד הקדוש ערקלערט, אז די מצוה פון יחוד השי"ת איז דאך א חיוב צו געדענקען יעדע רגע ממש, איז שווער, ווי איז דאס מעגליך פאר א מענש א בשר ודם זאל אויף א רגע נישט פארגעסן פון השי"ת.

האט דער הייליגער בעלזער רב זי"ע ערקלערט, אז די הלכה איז (פאה פ"ו מ"ד) **שלפניו אין שכחה ושלאחריו שכחה מפני שהוא בבל תשוב, זה הכלל כל שהוא בבל תשוב שכחה ושאינו בבל תשוב אינו שכחה**, קומט אויס אז אויף די תבואה וואס ליגט פאר אים איז נישטא קיין שכחה ווייל דער בעל הבית גייט זיך צוריקערן דערנאך, די זעלבע איז מיט די מצוה פון יחוד ד', וויבאלד מ'גייט זיך באלד צוריק קערן און געדענקן פון יחוד ד', ווערט דאס נישט אנגערופן שכחה.

• • •

**א גרויסע חסיד פונעם צדיק דער יהודי הקדוש זי"ע**, וואס האט אסאך געהאלפן דעם רבין דער יהודי הקדוש זי"ע און אויך דעם זוהן רבי ירחמיאל זי"ע, האט זיך אבער לײדער שפעטער דאס רעדל איבערגעדרייט ביי דעם חסיד, און ער איז ל"ע געווארן א יורד, איז ער געקומען צום זון רבי ירחמיאל זיך אויסרעדן זיין צובראכן הארץ, אבער ווען די רבי האט מרגיש געווען אז דער איד קומט, **האט ער באפוילען פאר די שטוב מענטשן, אז מען זאל בשום אופן נישט אריין לאזען דעם איד צו אים אין שטוב**.

ווען דער איד איז אנגעקומען האט מען אים טאקע נישט אריין געלאזט, דער איד איז פון דעם געווען זייער צובראכן און ער האט נישט געוויסט וואס צו טון, אבער נאך אפאר טאג האט די רבי געגעבן רשות פאר דעם איד אריינצוקומען, אבער ווען דער איד איז אריין, **האט די רבי ר' ירחמיאל נישט געוואלט קוקען פאר דעם איד אין פנים**.

ווען דער איד האט פארציילט זיין מצב פארן רבין, האט די רבי געזאגט פאר דעם איד, **וואס קען איך דיר שוין העלפן, און די רבי האט אים געגעבן פערציג קאפיקעס**, דער איד איז ארויס פונעם רבין און נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר, ווי אזוי קען דאס זיין, אז נאך אלעם וואס ער האט געטון פארן רבין און זיין טאטע און די גאנצע משפחה, נעמט אים די רבי אויף מיט אזא קאלטקייט.

אבער ווען דער איד איז אהיים געפארן איז ער דורך א פלאץ, און געזעהן דארט א גרופע שיכורים וואס האבן געזיכט צו פארקויפן א לעדערנע גארטל, דער איד האט זיי געגעבן די 40 קאפיקעס, און זיי האבן אים געגעבן דעם גארטל, ווען דער איד איז אנגעקומען אהיים **האט ער אין דעם גארטל געטראפן א גרויסע אוצר, און ער איז פון דעם אוצר צוריק נתעשר געווארן**.

דער איד איז צוריק צום רבין כדי צו דאנקען דעם רבין פאר די ישועה, ווען דער איד איז אריין געקומען האט אים די רבי אויף גענומען מיט א שמייכל, און האט אים גלייך געזאגט, אז באמת איז פון הימל נגזר געווארן אויף דיר, אז די זאלסט ל"ע בלייבן א ארימאן ביז צו דיין פטירה.

אבער צוליב וואס די האסט אזויפיל מחי' געווען מיין טאטן, האב איך נישט מסכים געווען צו דעם גזירה, און דערפאר האב איך מיט חכמה דיך מרחק געווען ווען די ביסט געקומען, און נישט געקוקט אויף דיר, **כדי איך זאל האבן צער פון דעם אז איך מיז מיך אויפירען אזוי צו א איד וואס איז אזוי נאנט צו מיר, און פון הימל האט מען זיך מרחם געווען אויף מיר אז איך בין אזוי בצער, און מען האט געוואלט פון מיר אוועק נעמען די צער, האט מען מבטל געווען די גזירה און די בוסט צוריק געווארן א עושר**.

• • •

**הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש חבר הבד"ץ והעדה החרדית בירושלים זי"ע** א אייניקל פונעם

יוד הקדוש זי"ע האט דערציילט, אז בשנת תקע"ד חוה"מ סוכות, האבן די צוויי צדיקים דער הייליגער מאור ושמש זי"ע און זיין ידיד הרה"ק רבי שמואל מקארוב זי"ע געהאט א שמיעס, אז עס איז דא א יחוד וואס מען קען מייחד זיין איין מאל אין אפאר הונדערט יאר אויפן פסוק, **וְעָלוּ מוֹשִׁעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפֹּט אֶת הַר עֵשָׂו**, און מיט דעם קען מען אויפטון גאר גרויסע זאכן בעולם העליון.

אבער מען קען דאס נאר מייחד זיין **אין ארץ ישראל**, אבער אויב האט מען אינזין דעם יחוד אין חוץ לארץ, ברויך מען פארלאזן די וועלט, און די צוויי צדיקים האבן מורא געהאט, **אז דער צדיק דער יוד הקדוש זי"ע וועט דאס אינזין האבן**, און אזוי ווי זיי האבן מורא געהאט האט טאקע פאסירט.

דער יוד הקדוש האט מיט א מסירת נפש אינזין געהאט דעם יחוד, און איז מיט דעם אויס געגאנגען במסירת נפש, און ביים טאג פון די הסתלקות זענען די צוויי קינדער רבי ירחמיאל און רבי יהושע מפוריסוב זי"ע נישט געווען דאן אין שטוב, און ווען זיי זענען אריין געקומען אין שטוב, **האבן זיי שוין געטראפן דעם טאטן נאכן הסתלקות זייענדיג נאר 48 יאר אלט**.

• • •

**האט אמאל פאסירט, אז דער הייליגער צדיק דער יוד הקדוש מפשיסחא זי"ע** איז ליידער זייער נישט געזונט געווארן, און די גאנצע שטאט האט איינגעריסן פארן געזונט פון דעם צדיק וקדוש, און מען האט גוזר תענית געווען אין שטאט צו פועל'ן א ישועה פארן צדיק, **איז דארט אין שטאט געווען א גאר פשוטער איד, וואס איז אריין געקומען אין שענק און געבעטן א גלעזל ברוינפען**, האט מען אים זייער אן געשריגן, היתכן ער פאסט נישט, **די ווייסט נישט אז דער צדיק דער יוד הקדוש איז נישט געזונט**.

האט דער איד מיט זיין תמימות אויף געהויבן זיינע הענט צום הימל און געזאגט, "**רבוש"ע שיק שוין א רפואה פארן יוד הקדוש, ווייל איך ברויך מיין גלעזל ברוינפען**", און נישט לאנג נאכדעם איז דער צדיק געזונט געווארן, האט דער יוד הקדוש נאכדעם געזאגט, אז **דער פשוטע אידל מיט זיינע תמימות'דיגע ווערטער, האט גע'פועל'ט א רפואה פאר אים**, צו ווייזן ווי חשוב עס איז א תמימות'דיגע ווארט פון א איד אויבן אין הימל.

• • •

**דער אייניקל הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש מירושלים זי"ע** האט דערציילט, אז דער זיידע דער יוד הקדוש זי"ע אלס קינד, האט אפ געראכטן זיינע נעכט גאר געהויבן, זיין טאטע דער צדיק רבי אשר האט געזעהן ווי דאס קינד גייט ארויס יעדע נאכט, איז דער טאטע איין נאכט נאך געגאנגען דעם קינד צו זעהן וואס ער טוט יעדע נאכט.

האט דער טאטע געזעהן, ווי ער גייט אריין אינעם פשוטע ביהמ"ד פון שטאט, און איז זיך דארט מייחד אליין מיטן גרויסן באשעפער, און די טאטע שטייענדיג אונטערן פענסטער האט געהערט, ווי דער יונגער יעקב יצחק זאגט מיט א געוואלדיגע דביקות ובתחנונים פאר 6 שעה ברציפות בזה"ל, "**לב טהור ברא לי אלוקים ורוח נכון חדש בקרבי, הסתר פניך מחטאי וכל עוונתי מחה, איי איי, כי פשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד**", און אזוי איז דער יונגער צדיק געזעצן פאר 6 שעה און זיך איינגעבעטן ביים גרויסן באשעפער מיט א דביקות און טרערן, כבן המתחטא לפני אביו.

• • •

**דער אייניקל הרה"ק רבי אברהם מפוריסוב זי"ע האט דערציילט**, אז דער זיידע דער יוד הקדוש מפשיסחא זי"ע זייענדיג נאך גאר יונג, האט ער זיך פארדינגען אלס מלמד ביי איינע פון די נגידים פון שטאט, איין טאג האט פאסירט א שרעקליכע זאך, דער קינד וואס האט געהייסן משה מיט וועם דער צדיק האט געלערנט איז ליידער **בלינד געווארן**, און מען איז געגאנגען מיטן קינד צו גרויסע דאקטורים, אבער קיינער פון זיי האבן נישט געקענט אויס היילן דעם קינד.

איז דער נגיד געגאנגען מיט זיין קינד צום מלמד דער יוד הקדוש זי"ע, און דער יוד הקדוש האט מיטן קינד גערעדט אין דברי תורה און פלפול, און ווען זיי האבן געענדיגט רעדן בפלפול, האט דער יוד הקדוש געפרעגט דעם קינד, אויב ער פארשטייט וואס מען האט געלערנט, האט דאס קינד געזאגט **אז יא**, האט דער יוד הקדוש געזאגט דעם פסוק (ויקרא י' כ') **וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה וַיִּיטַב בְּעֵינָיו, און לפלא גלייך נאכדעם איז דער קינד אויס געהיילט געווארן און אנגעהויבן זעהן כאחד אדם**.

• • •

**הרה"צ רבי נפתלי צבי מבאבוב זי"ע האט דערציילט,** אז דער יוד הקדוש מפשיסחא זי"ע האט קיינמאל נישט עולה געווען לתורה פארענט פון זיין גרויסן רבין דער חוזה מלובלין זי"ע, ווייל ווען מען איז עולה לתורה זאגט מען "**ברכו את ד' המבורך**", וואס די ווערטער מיינט, אז מען פאדערט פון אלע ארום צו בענטשן דעם באשעפער, קומט דאך אויס, אז ער הייסט אויך זיין רבין צו בענטשן דעם באשעפער, **און ער האט מורא געהאט, אז ווען ער וועט זאגן די ווערטער, וועט ער צו קומען צו כלות הנפש ממש,** און דערפאר האט ער קיינמאל נישט עולה געווען ביים רבין אין לובלין.

• • •

**דער זון הרה"ק רבי נחמי' מביכוב זי"ע האט דערציילט,** אז ער האט זיך גאר אסאך מסתופף געווען בצלו פונעם הייליגען רוזינער זי"ע, איינמאל איז ער געווען אין שטוב פון זיין רבין מרוזין זי"ע, און ער האט ארויס גענומען דעם טאביק פושקע פון זיין טאטן דער יוד הקדוש זי"ע,

האט דער הייליגער רוזינער זי"ע גלייך געזאגט, בזה"ל, "**ווען דיין טאטע דער יוד הקדוש זי"ע האט גענומען דעם טאביק פושקע אין די האנט, האט ער מתקן געווען די ארבע יסודות פון זיך און דאס מעלה געווען לשורשן, און פון דעם טאביק פושקע קען מען לערנען ווי אזוי צו דינען דעם גרויסן באשעפער מיט גשמיות**".

• • •

**ווערט דערציילט אין תולדות פונעם יוד הקדוש זי"ע,** אז די צווייטע רעבעצין הרבנית הצדקת מרת שיינדל ע"ה, איז פאר די אויגן פון די חסידים געווען גאר א שווערע פרוי, די חסידים האבן דערציילט, אז בחייו פונעם צדיק האט דער צדיק גאר שווער מיט געמאכט מיט זיין רעבעצין, און דערפאר בשעת די לוי' נאכן הסתלקות, האבן די תלמידים נישט געוואלט צו לאזן די רעבעצין צו די מיטה.

האט די רעבעצין געזאגט פאר איר הייליגע מאן בזה"ל, "**דערצייל פאר זיי, אז די אלע זאכן האסטו מיר געהייסן טון**", און דער הייליגער צדיק שוין נאכן הסתלקות האט זיך אויפגעהויבן און מודה געווען פאר זיין רעבעצין, און מען דערציילט, אז נאכן הסתלקות פונעם יוד הקדוש זי"ע, ה**אבן אידן געגעבן קוויטלעך פאר די רעבעצין,** און מען האט געזען גרויסע ישועות דורך א ברכה פון די צדקת.

• • •

**אינעם ספר תולדות פון יוד הקדוש זי"ע ווערט געברענגט,** אז ווען דער יוד הקדוש זי"ע האט געוואוינט אין שטאט אפטא, פלעגט דער צדיק וקדוש יעדן טאג גיין אין מקו' דארט אין שטאט אפטא, וואס דער מקו' איז געווען זייער טיף און קאלט ווינטער, און עס איז געווען א גרויסע סכנה צו גיין דארט אין מקו', אבער דער צדיק האט זיך יעדן טאג מוסר נפש געווען צו מאכן ש"י טבילות אין דעם מקו'.

איין נאכט אינמיטן ווינטער איז דער צדיק געקומען זיך טובל'ן אין די מקו', עס איז געווען ביטער קאלט אינדרויסן און עס איז געווען א שרעקליכע סכנה, אבער דער צדיק האט זיך מוסר נפש געווען צו טובל'ן, איז דארט געווען א שכן א פרוי מיט א בעקעריי, און ווען זי האט געזען אז די רבי קומט אין מקו', האט זי גענומען א גרויסן פאס ווארעם וואסער, און זי האט דאס געלייגט ביי די מקו', און דער צדיק האט זיך מיט די וואסער מחי' געווען און דער האלטן ביים לעבן, האט דער צדיק געבענטשט די פרוי, **אז זי זאל האבן א קינד וואס וועט באלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער מיט זיין צדקות, דאס קינד איז געווען הרה"ק רבי שמואל מדרילטש זי"ע**.

• • •

**יונגערהייט ווען דער צדיק דער יוד הקדוש זי"ע** האט נאך געדינט אלס מלמד, האט דארט אין שטוב געארבעט א משרתת, און ווען זי האט געזען אז דער מלמד איז א הייליג איד, האט זי יעדן טאג אריין געטראגן אין שטוב פון דעם צדיק א קריגל ווארעם וואסער צו מחי' זיין דעם צדיק, איין טאג האט די פרוי אריין געטראגן דאס ווארעם וואסער, און זי האט געזען אז דער צדיק איז אין א דביקות און איז עוסק אין עפעס גאר הויעך.

א שטיק צייט שפעטער איז די משרתת אריין אין שטוב, און זי זעהט אז דאס קריגל איז נישט צו גערירט געווארן און איז שוין קאלט, האט זי גענומען דאס קריגל און נאכאמאל איבער געווארעמט, און אזוי האט פאסירט אפאר מאל, אבער די משרתת האט געהאלטן און איין איבער ווארעמען דאס וואסער.

נאכדעם וואס דער צדיק האט זיך דערוועקט פון זיין דביקות, האט ער געפרעגט פון די מענטשן דארט, ווער עס האט כסדר אויף געמאכט די טיר און אים מבלבל געווען, האט מען דערציילט פארן רבין, אז דאס איז געווען די פרוי וואס האט כסדר געווארמט די וואסער פארן רבין.

האט דער צדיק געזאגט פאר די משרתת, אז זי זאל מער נישט ברענגען קיין וואסער, **און ער זאגט איר צו בזכות דעם, אז זי וועט לעבן 120 יאר**, האט דערציילט א אייניקל פון די פרוי, אז ביז ממש דעם טאג וואס זי איז געבוירן געווארן צו 120 יאר, האט די פרוי געזאגט, **אז זי וועט נישט נפטר ווערן, ווייל זי האט דאך א ברכה פונעם יוד הקדוש, כך הוה צום טאג ווען זי איז געווארן 120 יאר איז די פרוי נפטר געווארן**.

• • •

**אין ספר תפארת היהודי ווערט דערציילט**, אז איינמאל אינדערפרי נאכן דאווענען איז דער יוד הקדוש זי"ע אריין אין שטיבל פון א פשוטן אידישן שניידער אין שטעטל, דער שניידער איז געזעסן און פארראכטן בגדים, און דער יוד הקדוש האט אים געזאגט, "**איך וויל אפקויפן דיין חלק אין עולם הבא פאר א שיינעם סכום געלט**".

דער שניידער האט זיך שטארק געוואונדערט, וואס וויל שוין דער צדיק פון זיין גן עדן, אבער ער האט געוואוסט אז דער רבי מיינט עס ערנסט, און ער האט געזאגט, **אז ער איז גרייט צו פארקויפן זיין חלק, נאר אויב דער רבי צאלט אים אויס גלייך אויפן פלאץ א גרויסן סכום געלט**, דער יוד הקדוש האט אים באצאלט דאס גאנצע סכום, און געשלאסן מטטן שניידער דעם געשעפט.

נאכדעם האט דער יוד הקדוש געפרעגט פון דעם שניידער "**זאג מיר, וואספארא מצוה האסטו געטון אין דיין לעבן, וואס צוליב דעם האט דיין עולם הבא געהאט אזא געוואלדיגן ליכטיגקייט אין הימל**", האט דער שניידער דערציילט, נעכטן נאכט בין איך געזעסן ביי מיר אין שטוב און אויפגענייט א בגד פאר דעם פריץ פון שטעטל, עס איז שוין געווען שפעט ביינאכט, די לעכט איז געווען כמעט אויסגעלאשן, און איך בין געווען מורא'דיג מיד.

פלוצלונג האב איך דערהערט א קול פון א קליין קינד וואס וויינט אין שטוב פון מיין שכן, בין איך אריבערגעגאנגען זען וואס דארט טוט זיך, און איך האב געזען, אז די מאמע איז קראנק און זי ליגט אין בעט מיט היץ, און דאס קינד איז הונגעריג און קאלט, **איך האב נישט געטראכט קיין צוויי, און איך האב איבערגעלאזט די ארבעט פונעם פריץ, כאטש איך האב געוואוסט, אז אויב די בגד וועט נישט זיין גרייט צייטליך קען מיך דער פריץ שלאגן אדער גאר אריינווארפן אין טורמע**.

איך בין געגאנגען ברענגען האלץ, און אנגעצינדן דעם אויוון, געקאכט א הייסע זופ, געגעבן צו עסן פארן קינד און פאר דער מאמען, און איך בין געזעסן ביי זיי ביז דאס קינד איז איינגעשלאפן און די מאמע האט זיך בארואיגט, און ערשט דעמאלטס בין איך צוריקגעגאנגען צו מיין ארבעט צו אויפנייען דעם בגד פארן פריץ.

האט דער יוד הקדוש זי"ע אויסגערופן מיט גרויס התפעלות און געזאגט, "**איך האב געזען אזא גרויסן שיין אין הימל פון א מצוה געטון מיט פשוטע תמימות און אמת'ע מסירת נפש אן קיין שום פניות, אצינד נעם צוריק דיין עולם הבא, איך האב נאר געוואלט וויסן וויאזוי אן אמת'ע אידישע מצוה זעט אויס**".

• • •

**אין ספר רמתים צופים ווערט דערציילט**, אז איין וואך שבת קודש ביי שלש סעודות איז געזעסן דער יוד הקדוש זי"ע מיט זיינע תלמידים, און עס איז געווען דארט א גרויסע דביקות, אינמיטן האט דער יוד הקדוש זיך געוואנדען צו איינע פון די יונגעלייט וואס איז געווען א גרויסער מתמיד און א למדן, אבער ער האט זיך געהאלטן אביסל גרויס מיט זיין לערנען.

און דער יוד הקדוש האט אים געזאגט, "**זאג מיר, אויב א מענטש גייט אין וואלד אין א פינסטערע נאכט, און ער האט פארלוירן דעם וועג, און אינמיטן זעט ער א ליכטיגקייט פון דערווייטנס, וואס דארף ער טון**", האט דער יונגערמאן געענטפערט, "**ער דארף לויפן צום ליכט**", האט דער יוד הקדוש געזאגט פאר דעם למדן, "**נישט אלעמאל, ברויך מען דאס טון, אויב דאס ליכט קומט פון א פייער וואס גזלנים האבן אנגעצינדן, וועט ער אנקומען גלייך אין זייערע הענט אריין, נאר א מענטש דארף קודם בודק זיין פון וואו דאס ליכט**

**קומט, צי עס קומט פון א ישוב פון ערליכע מענטשן, אדער פון רוצחים**".

און דער יוד הקדוש האט צוגעלייגט, "**דער גרעסטער פראבלעם ביים מענטש איז נישט ווען ער ווייסט אז ער איז קרום, נאר ווען ער מיינט אז ער איז גלייך, אבער זיין גלייכקייט אליין איז קרום, א איד דארף כסדר נאר זוכן דעם אמת ביז אין די טיפענישן פונעם הארץ, און נישט זיך נארן מיט קיין שום פאלשע פרומקייט**", פארשטייט זיך אז דער יונגערמאן דער למדן האט גאר גוט פארשטאנען וואס די רבי מיינט, און פון דאן האט ער געטוישט זיין התנהגות.

• • •

**אין ספר נפלאות היהודי ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז דער יוד הקדוש זי"ע געפארן אויפן וועג מיט א פשוטן אידישן בעל עגלה, אינמיטן וועג איז דער וואגען אריינגעפאלן אין א טיפן בלאטע, און די פערד האבן נישט געקענט ארויסציען דעם וואגן.

דער בעל עגלה האט געשלאגן די פערד, געשריגן און פרובירט מיט אלע כוחות, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, זעענדיג אז די זון גייט שוין באלד אונטער און ער בלייבט שטעקן אינמיטן וואלד, האט דער בעל עגלה אויפגעהויבן די הענט צום הימל, און מיט טרערן אין די אויגן אויסגעשריגן, "**רבונו של עולם! דו ווייסט דאך אז איך האב נישט קיין כח, און איך בין א פשוטער איד וואס קען גארנישט, העלף מיר נאר דו אליין פאר דיין הייליגן נאמען**".

לפלא, גלייך נאכדעם האבן די פערד א צי געטון, און דער וואגן איז ארויס פונעם בלאטע, און דער יוד הקדוש האט זיך אנגערופן צו זיינע באגלייטער און געזאגט, "**האט איר געזען וויאזוי אן איד שרייט צום באשעפער, דאס איז די כוונה פון תפילה, ווען א מענטש שפירט מיט זיין גאנצן וועזן אז ער פארמאגט גארנישט פון זיך אליין, נאר ער איז אינגאנצן אנגעוואנדן אינעם אייבערשטן, איין אזא געשריי פון א פשוטן הארץ, ברעכט דורך אלע הימלען מער ווי שעות פון כוונות אן א אמת'ע הארץ**".

• • •

**אין ספר נפלאות היהודי ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז א איד פון פשיסחא געקומען צום יוד הקדוש זי"ע מיט א צובראכן הארץ, און ער האט דערציילט פארן רבין, אז זיין קליין קינד איז ליידער קראנק געווארן מיט א גאר שווער קראנק מיט הויכע היץ, און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן די האפענונג, און דער טאטע איז געקומען וויינען צום יוד הקדוש פאר א רפואה שלימה.

דער יוד הקדוש האט אויסגעהערט דעם טאטנס געוויין, און אנשטאט אנוואונטשן גלייך, האט ער געבעטן מען זאל אים ברענגען **א פלאש בראנפן און א קליין גלעזל**, דער רבי האט אנגעגאסן דאס גלעזל ביז אויבן, און האט דעם גלעזל דערלאנגט פארן טאטן, און געזאגט, "**מאך א ברכה און טרינק אויס דאס גאנצע גלעזל**".

דער טאטע, וואס איז געווען פארקלעמט און פול מיט שרעק, האט נישט פארשטאנען וואס דאס האט צו טון מיט זיין קראנקע קינד, אבער ער האט מיט זיין אמונת צדיקים געפאלגט, ער האט געמאכט א ברכת שהכל מיט גרויס כוונה און אויסגעטרונקען דעם בראנפן.

דאן האט דער יוד הקדוש אים געקוקט אין די אויגן און געזאגט, "**אזוי ווי דער שארפער בראנפן גייט אדורך דיין גוף און ברענגט היץ, אזוי זאל די שלעכטע היץ אינגאנצן ארויסגיין פונעם קינד**", דער איד איז אהיימגעלאפן מיט א גרויס ציטער אבער מיט גרויס אמונת צדיקים, און ווען ער איז אריין אין שטוב האט אים זיין ווייב געזאגט, **אז פונקט אין יענע מינוט האט דאס קינד אנגעהויבן שטארק שוויצן, די היץ האט זיך געבראכן, און דאס קינד האט זיך אויפגעוועקט און געבעטן צו עסן, און דאס קינד איז געזונט געווארן אינגאנצן**.

• • •

**אין ספר תפארת היהודי ווערט דערציילט**, אז א סוחר פון א דערנעבנדיגן שטעטל איז געפארן קיין פשיסחא אויפן וועג צום יריד, אין קעשענע האט ער געהאט א גרויסן בייטל מיט גאלדענע רענדלעך, וואס דאס איז געווען זיין גאנצע פארמעגן, און אויך געלט וואס ער האט געבארגט פון אנדערע סוחרים, ווען ער איז אנגעקומען קיין פשיסחא, **האט ער מיט שרעק באמערקט, אז די בייטל איז ארויסגעפאלן אויפן וועג**.

דער איד איז געווארן ממש אויס מענטש, ווייל ער האט געוואוסט אז ער בלייבט אן א פרוטה, מיט

גרויסע חובות, און זיין שטוב גייט חרוב ווערן, ער איז גלייך אריינגעלאפן צום יוד הקדוש און געוויינט מיט ביטערע טרערן, דער יוד הקדוש האט זיך פארטראכט פאר עטליכע מינוט, און דערנאך האט ער אים געזאגט מיט א שטילע זיכערקייט, "**גיי אריין אין דער קרעטשמעביים עק שטעטל, זעץ זיך ביים ווינקל טיש, באשטעל דיר אווארעמע טיי, און זאג תהילים, רעד מיט קיינעם נישט וועגן דיין געלט**".

דער סוחר איז געגאנגען און געטון פונקט ווי דער רבי האט געהייסן, נישט פיל שפעטער איז אריינגעקומען אין קרעטשמע א פויער, וואס האט געהאלטן עפעס אונטער זיין רעקל, דער פויער האט זיך אומגעקוקט, און דערזעענדיג דעם איד וואס זיצט רואיג און זאגט תהילים, איז ער צוגעגאנגען צו אים און אים געפרעגט שטילערהייט, "**ר' איד, דו האסט אפשר עפעס פארלוירן אויפן וועג**".

דער סוחר האט אים געגעבן די פונקטליכע סימנים פונעם לעדערנעם בייטל און וויפיל געלט עס ליגט דערין, דער פויער האט אים איבערגעגעבן דעם בייטל אומבארירט, זאגנדיג, "**איך האב דאס געפונען אין בלאטע, אבער א פחד איז מיר אריין אין הארץ, אז אויב איך נעם דאס וועט מיר פאסירן אן אומגליק, און איך האב געשפירט אז איך מוז גיין צום ערשטן איד אין דער קרעטשמע**", דער סוחר האט באלוינט דעם פויער מיט א שיינעם סכום, און איז צוריקגעלאפן צום יוד הקדוש באדאנקען פאר דער אפענער ישועה.

• • •

**אין ספר נפלאות היהודי ווערט געברענגט**, אז אין די צייטן פונעם קייסער אלעקסאנדער דעם ערשטן, איז געווען א שווערע גזירה, אז מען האט פארכאפט אידישע בחורים צום צארישן מיליטער אויף לאנגע יארן, וואס פאר רוב איז דאס געווען רח"ל שמד אדער טויט.

איינער פון די באליבטע יונגע תלמידים פונעם יוד הקדוש איז אונטערגעקומען אונטער דער שווערער רשימה פון די וואס מען האט געדארפט אפפירן צום מיליטער-דאקטאר (די קאמיסיע), די משפחה איז געווען צעבראכן, ווייל מען האט געוואוסט אז דער רעגירונגס-דאקטאר דארט איז א רשע און ער לאזט כמעט קיינעם נישט ארויס.

דער בחור איז אריין זיך געזעגנען פונעם יוד הקדוש פאר ער איז געפארן צו דער קאמיסיע, דער יוד הקדוש האט אים גענומען ביי דער האנט, געקוקט אויף זיין שטערן, און געזאגט, "**ווען דו גייסט אריין צום דאקטאר, זאלסטו קוקן אויף דער וואנט העכער זיין קאפ און טראכטן נאר די ווערטער "אין עוד מלבדו", עס איז גארנישט פאראן אויף דער וועלט אויסער דער בורא ברוך הוא, און קיין שום באשעפעניש האט נישט קיין שום כח אן דעם רצון פונעם אייבערשטן, און שרעק זיך נישט פון זיין פנים און הייב נישט אויף דיינע אויגן צו אים**".

דער בחור איז געקומען צו דער קאמיסיע, און ווען מען האט אים געשטעלט פארן קאמיסיע און ער איז געשטאנען פארן דאקטאר, האט ער פארגעסן פון אלעס ארום, און ער האט געקוקט נאר געקוקט העכערן דאקטאר'ס קאפ, און געטראכט מיט שטארקע דביקות און די ווערטער וואס די רבי האט געזאגט "אין עוד מלבדו".

דער דאקטאר האט אים אנגערירט, אים באטראכט איין רגע, און פלוצלונג געשריגן מיט כעס אויף די באאמטע, "**פארוואס שלעפט איר מיר אהער א קראנקן און א שוואכן מענטש וואס טויג צו גארנישט**" און דער דאקטאר האט אונטערגעשריבן די פאפירן מיט א שטעמפל פון "**נישט פעהיג צום מיליטער**", און אים גלייך ארויסגעווארפן אויף דער פריי, ווען דער בחור איז צוריקגעקומען קיין פשיסחא, האט אים דער יוד הקדוש געזאגט, "**ווען א איד פארבינדט זיך באמת צום רבונו של עולם און לעבט מיטן אמת אז ס'איז נישטא קיין שום כח אויסער אים, קען קיין שום בשר ודם אויף דער וועלט אים גארנישט שלעכטס טון**".

**יארצייט כ' תשרי ד' דחוה"מ**

**הרה"ק רבי יעקב יוסף ב"ר יהודה לייב זי"ע**
**רבי ייב"י, מאוסטראה**

ער איז געבוירן אין שטאט אוסטראה, **בשנת תצ"ח**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי יהודה לייב מגיד מישרים ודומ"ץ באוסטראה** זי"ע, תלמיד מובהק מהרה"ק **רבי אפרים מבראדי** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי משה מבראד** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען א גאון נפלא און א בקי נפלא בתורה, און א עובד השם בדביקות ובקדושה, ער איז געווען מפורסם אלס א עניו ושפל ברך מאוד, ער האט גאר אסאך עוסק געווען בצדקה וחסד און ארויס געהאלפן די נצרכים אין שטאט.

צדיקים האבן מעיד געווען אויף די גוואלדיגע אהבת ישראל וואס דער צדיק האט פארמאגט, ער האט ליב געהאט יעדן אידיש קינד אהבת נפש ממש, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל דרשן נפלא וואס האט גאר אסאך אויפגעטון מיטן פארשפרייטן דעם דרך החסידות און די וועלט, ורבים השיב מעון.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין גוואלדיגע קדושה, ווי מען קען זעהן וואס די צדיקי הדור האבן מעיד געווען אויף די גוואלדיגע קדושה פון דעם צדיק, ובתוכם הרה"ק **רבי לוי יצחק בעל הקדושת לוי מברדיטשוב** זי"ע וואס האט מעיד געווען אויף זיין גדלות און אים אנגערופן בזה"ל, "**איש אלוקים קדוש יאמר לו**", זיין חבר און ידיד נפשי הרה"ק **רבי אשר צבי מאוסטראה** זי"ע האט געזאגט אויף דעם צדיק בזה"ל, "**איש קדוש מבטן**".

ער האט נאך זוכה געווען צו זיין יונגערהייט ביים **בעש"ט הקדוש** זי"ע וואס דער צדיק רב ייבי האט כסדר געזאגט זיין גאנץ לעבן, **אז דאס האט אויף אים איבער געלאזט א גוואלדיגע השפעה**.

ער האט חתונה געהאט צו א פרוי א צדקת וואס איז געווען מפורסם אלס א בעלת מדרגה מפורסמת, מען האט דערציילט, אז איין וואך ערב שבת קודש בשעת זי האט געריינינגט דעם שטוב לכבוד שבת, **האט זי זוכה געווען צו מיט זאגן קדושה מיט די מלאכי השרת**.

ער האט זוכה געווען צו א גוואלדיגע קרבה יתירה פון די גדולי תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע, אבער א תלמיד מובהק איז ער געווען פונעם **הייליגען מגיד ממזריטש** זי"ע, ער האט זיין גאנץ לעבן גאר אסאך פארשפרייט דעם דרך החסידות מיטן דרך הבעש"ט זי"ע.

גלייך נאך די חתונה האט ער זיך באזעצט אין שטאט אוסטראה נעבן זיין טאטן, און ער האט ארויס געהאלפן דעם טאטן אלס **דיין ומורה צדק** אין שטאט.

ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסער גאון און א בעל דרשן נפלא, ער האט מיט זיינע דרשות צוגעצויגען צו זיך גאר אסאך אידן און מיט זיינע ווערטער מעורר געווען אידן צו תיקון המעשים און געלערנט אידן דעם ריכטיגען דרך אין עבודת השם.

פאר א שטיק צייט האט דער צדיק צוזאמען מיט זיין טאטן געברויכט אוועק גיין פון שטאט אוסטראה צוליב די מתנגדים וואס האבן גאר שטארק גע'רודפ'ט די חסידים וואס האבן זיך געפירט אויפן דרך החסידות.

דאן זענען די צוויי צדיקים אריבער וואוינען קיין **מעזריטש** ביים הייליגען מגיד ממזריטש זי"ע, דארט האט דער תלמיד רבי ייבי זוכה געווען צו א גוואלדיגע התקרבות ביים מגיד און גאר אסאך תורה און אויך זיין גרויסע דרך אין עבודת השם האט דער צדיק געלערנט דאן ביים הייליגען מגיד זי"ע, שפעטער האט זיך אפ געשטעלט די רדיפות פון די מתנגדים, איז דער טאטע מיטן זון צוריק געקומען קיין **אוסטראה**.

ווערט געברענגט, אז די לעצטע יאר בחייו פון זיין גרויסן טאטן רבי יהודה לייב זי"ע, האט דער טאטע איין טאג בעפאר פסח געזעהן, ווי זיין הייליגע זון דער צדיק רבי ייבי זי"ע, וואס איז געווען מפורסם אלס א בעל חסד נפלא, האט דער

צדיק געשלעפט אויפן אקסל א זאק פון ווייץ פאר די נצרכים, האט דער טאטע געזאגט בזה"ל, "**ער קען שוין זיין מיין ממלא מקום**".

כ"ה תשרי בשנת תק"כ איז דער טאטע נסתלק געווארן, און מען האט דעם זוהן רבי יעקב יוסף זי"ע אויף גענומען אלס ממלא מקום פונעם טאטן, אויך האט דער הייליגער מגיד ממזריטש זי"ע געהייסן מען זאל אים אויף נעמען אלס ממלא מקום, אפילו ער איז נאך דאן געווען בערך 22 יאר אלט.

ווערט דערציילט, אז דער הייליגער צדיק וקדוש רבי יעקב יוסף זי"ע האט געהאט א גרויסע עבודה ביים עסן, גאר אסאך מאל האט ער געקענט עסן אן א שיעור, וואס איז געווען ממש העכער דעם באגריף פון די ארומיגע מענטשן.

מען דערציילט, אז ווען די טאטע איז נפטר געווארן, האבן די אידן פון שטאט נישט געוויסט וועם אויף צו נעמען אלס ממלא מקום, און אפילו דער טאטע האט טאקע געזאגט בעפאר זיין פטירה, אז דער זון זאל איבער נעמען, זענען די מענטשן פון שטאט נישט געווען זיכער אז ער איז דער ריכטיגער ממלא מקום, ווייל ער איז נאך דאן געווען יונג און נאכנישט געווען אזוי מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און קדושה.

דאן איז איין טאג געקומען צום שטאט אוסטראהא דער הייליגער מגיד ממזריטש זי"ע און לכבודו פונעם גרויסן גאסט האט מען אנגעגרייט א שיינעם סעודה און די גאנצע שטאט איז זיך צוזאמען געקומען.

ביים טיש ווען מען האט אריין געברענגט דאס עסן, האט דער הייליגער מגיד כמעט נישט צו גערירט צו די עסן, ווייל ווי באוויסט האט דער הייליגער מגיד כמעט נישט געגעסן, אבער דער צדיק רבי יעקב יוסף האט ווי זיין מנהג גאר אסאך געגעסן, און דער הייליגער מגיד איז געשטאנען און באטראכט דעם עבודת הקודש פון דעם רבי יעקב יוסף מיט זיין עבודת האכילה.

נאך די סעודה האבן די ראשי קהלה איבער געגעבן דעם כתב רבנות פארן מגיד ממזריטש, און דארט איז געשטאנען דעם נאמען פונעם מגיד אז זיי נעמען אויף דעם מגיד אלס רב אין שטאט אוסטראהא, האט זיך דער מגיד אויסגעדרייט צו די ראשי קהילה און געפרעגט, **פארוואס שטייט מיין נאמען אונעם כתב רבנות, עטס האט דאך דא איינער וואס איז ראוי צו זיין דער ממלא מקום, דער צדיק רבי יעקב יוסף**.

האבן די ראשי קהילה געזאגט פארן מגיד, די מגיד האט דען נישט געזען ווי דער עסט אזויפיל, איז נאכן עסן אזויפיל זאל מען אים אויף נעמען אלס רב ביי אונז אין שטאט.

האט דער הייליגער מגיד געזאגט פאר די ראשי קהילה בזה"ל, "**ער מעג עסן, ער קען עסן, און ער ווייסט ווי אזוי צו עסן**", אזוי ווי זיי האבן געהערט די ווערטער פונעם מגיד, האבן זיי גלייך געשריבן א כתב רבנות, און אויף גענומען דעם צדיק אלס רב אין שטאט אוסטראהא.

ער איז דאן מפורסם געווארן אין אלע שטעט ארום אלס א גאון בתורה, ער האט דעם שטאט געפירט מיט א געוואלדיגע שטארקייט און זיך ארויס געשטעלט אויף יעדע זאך וואס האט זיך אויס געפעילט פארן שטאט מיט א געוואלדיגע מסירת נפש.

ער האט מיט זיינע געוואלדיגע דרשות און דברי מוסר ארויף געברענגט דעם שטאט אין עבודת השם און אויך דעם לימוד התורה איז דאן גאר שטארק געשטיגען אין דעם שטאט.

ער האט גאר אסאך עוסק געווען בצדקה וחסד אויף א גאר הויכע מדרגה, ער פלעגט שטיין אין שוק מארק ביים מארק טאג און דארט צוזאמען געשטעלט גרויסע סכומים פאר צדקה, איין טאג איז ער געזעצן ביים שוק דעם גאנצן טאג, אבער עס האט זיך נישט צוזאמען געשטעלט קיין גרויסע סכום געלט, דער צדיק האט פון דעם געהאט גרויס חלישות הדעת.

איז דארט דורך א גאר פשוטע איד, און ער זעט דעם צדיק אז ער איז זייער צוטראגן, האט ער געפרעגט דעם רבין וואס עס גייט פאר, האט דער צדיק זיך אויס גערעדט, אז ער איז שוין דא דעם

גאנצן טאג, אבער עס איז אים נישט געלונגען צו צוזאמען שטעלן קיין גרויסע סכום פאר זיינע צדקה צוועקן.

האט דער איד געפרעגט דעם רבין וויפיל ער ברויך נאך האבן, האט אים דער צדיק געזאגט דעם סכום וואס ער ברויך נאך, האט דער איד ארויס גענומען דעם גאנצן סכום וואס האט באטראפן א גרויסע סכום, און דאס געגעבן פארן רבין.

דער צדיק איז געווארן מורא'דיג בשמחה, און ער האט געגעבן פאר דעם איד א ברכה, **אז די הענט וואס האט געגעבן צדקה מיט אזא ברייטקייט, זאל פון היינט און ווייטער נישט קענען טון קיין עבירה**, און אזוי האט דער צדיק אויס גערעכנט אלע איברים פון דעם איד, אז קיינע פון די זאלן מער נישט קענען טון קיין עבירות.

האט דער איד דערציילט, **אז זייט די ברכה, ווען אימער עס איז אים אונטער געקומען א נסיון צו טון אן עבירה, האט אים אלע זיינע ביינער ווי געטון און ער האט בשום אופן נישט געקענט טון די עבירה.**

ווען דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האט געהערט די מעשה, האט ער געזאגט, די סיבה פארוואס דער צדיק האט דעם איד נישט געגעבן א ברכה, אז ער זאל נישט האבן קיין תאווה צו עבירות, **דאס איז ווייל פאר דעם צדיק איז בכלל נישט אריין אין קאפ אז א איד קען האבן א תאווה צו טון אן עבירה ח"ו.**

דער צדיק האט אמאל געזאגט, אז אויף דאווענען שפעט קען ער טרעפן א היתר, **נאר זיין שורש נשמה איז מתפלל גלייך ווען עס ווערט טאג דערפאר דאווענט ער נישט שפעט.**

אבער אויף תוספות שבת קודש ברויך מען נישט קיין שום ראיות, נאר א איד ברויך דאס טון אן קיין שום ראיות, ווייל באמת דארף די גאנצע וואך זיין א חלק פון שבת קודש, נאר ליידער האט דער סט"א געכאפט די וואכן טעג, **און די ארבעט פון א איד איז ארויס צו נעמען ווי מער פון די סט"א, און דאס מקדש זיין צו שבת קודש, און דערפאר ברויך יעדער איד ווי מער צו לייגן צום שבת קודש מיט תוספות שבת.**

גאנץ אנפאנג האט דארט אין שטאט אוסטראהא אויך געוואוינט דער צדיק וקדוש הרה"ק **רבי פנחס מקאריץ** זי"ע וואס איז געווען א נאנטע חבר מיט רבי יעקב יוסף זי"ע.

איין יאר ווען עס איז געקומען דעם הייליגען יו"ט פורים צופרי, איז ביי דעם צדיק רבי יעקב יוסף נישט געווען גארנישט אין שטוב, וויבאלד ער האט געלעבט אין א געוואלדיגע דחקות, דער צדיק האט געהאט פון דעם גרויס צער, אז ער האט נישט מיט וואס צו אפרעכטן דעם הייליגען יו"ט, אבער ער האט געהאט אמונה אינעם באשעפער אז ער וועט אים שוין העלפן.

פלוצלונג איז אנגעקומען א איד צום שטוב פונעם צדיק, און ער פרעגט דעם צדיק אויב ער קען עסן ביי אים, האט דער צדיק געזאגט, **איך וואלט דיר גערן געגעבן עסן, אבער איך האב אפילו נישט פאר מיר וואס צו עסן**, האט דער איד געזאגט, **אז עסן האט ער מיט זיך גאר אסאך, נאר ער וויל מאכן די סעודה ביי אים אין שטוב**, דער צדיק האט מסכים געווען, און מען האט צוגעגרייט דעם גאנצן סעודה, און דער צדיק איז אריין אין א געוואלדיגע שמחת היום.

נאכן עסן דעם סעודה צוזאמען מיט זיין משפחה, איז דער צדיק אריין אין א שמחה לכבוד פורים, און מען האט זיך ארויס געלאזט אין א טאנץ לכבוד דעם גרויסן טאג פורים, דער אורח איז ארום געלאפן דעם גאנצן צייט און אריין געברענגט א שמחה אונעם גאנצן עולם, די אידן וואס זענען דורך דעם שטוב פונעם רבין אויפן וועג צום טיש פון רבי פנחס קאריצער, האבן זיך אפגעשטעלט ביי זיין שטוב און זענען מיט געשלעפט געווארן מיט די שמחה של מצווה.

שרייבט הרה"ק רבי שמואל מסלאנים בעל דברי שמואל זי"ע, אז דער הייליגער צדיק רבי פנחס מקאריץ זי"ע האט שפעטער געזאגט, **אז דער איד דער גאסט איז געווען מרדכי הצדיק ע"ה, וואס ער איז דאך דער בעל שמחה פורים, און מרדכי הצדיק איז געקומען צום שטוב, כדי אריין צו ברענגען שמחה ביי דעם צדיק אין שטוב.**

דער צדיק איז געווען באקאנט מיט זיין גרויסע חביבות צו די מצוות סוכה, און ער איז דעם

גאנצן יו"ט געזעצן אין די סוכה, אויך האט מען דערציילט, אז דער צדיק צוליב זיין גרויסע דחקות, האט יעדעס יאר געקויפט א שוואכע אתרוג אויף וויפיל ער האט געקענט באצאלען, און דער צדיק האט דעם אתרוג אריין געלייגט אינעם קעסטל ביי זיך אין שטוב, אבער ווען עס איז געקומען דעם הייליגען יו"ט סוכות, **און מען האט ארויס גענומען דעם אתורג, האט דער צדיק געהאט דעם שענסטן אתרוג אין שטאט אוסטראה.**

ווערט דערציילט, אז אין דעם סוכה פון דעם צדיק האט זיך קיינמאל נישט געזען קיין פליג, אפילו אין די גאר הייסע טעג, ווען דער הייליגער צדיק רבי פנחס מקאריץ זי"ע האט פון דעם געהערט, האט ער זייער געוואלט גיין זעהן דעם פלא, איז ער איין טאג אריבער צום סוכה פון זיין חבר רבי יעקב יוסף, **און ער איז דארט געזעצן פאר צוויי שעה און עס איז נישט געווען אפילו איין פליג.**

פלוצלונג האט זיך דערזען א פליג ביי די סכך פון די סוכה, האט זיך דער הייליגער צדיק רבי ייבי אנגערופן צו רבי פנחס מקאריץ בדרך צחות, **קוק וואס די מלאכים האבן געטון, זיי האבן געשיקט א פליג צו די סוכה לכבוד דיר, כדי די זאלסט נישט האבן קיין עגמת נפש אז נאר ביי מיר איז נישט דא קיין פליגן אין די סוכה.**

איינע פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק איז געווען הגה"ק **רבי אלתר קאסטאנטינער** זי"ע וואס איז געווען פון די גרעסטע פוסקים בדורו און א גדול בתורה.

איינמאל ווען רבי אלתר איז געווען ביי זיין רבין אויף אפאר וואכן, איז אים איין טאג אריין א מחשבה, אז אפילו ער איז טאקע עוסק בתורה דא ביי זיין רבין און שעפט גאר אסאך קדושה, **מיט דעם אלעם, ביי זיך אין שטוב מיט זיינע ספרים אן קיין טרדות, וואלט ער אפשר ווען געקענט אסאך מער לערנען, איז דען ווערט די אלע טרדות הדרך די ביטול תורה ותפילה נאר צו קומען צו זיין רבין.**

תוך כדי דיבור איז דער גבאי פונעם רבין געקומען, און זאגט פאר רבי אלתר, אז דער רבי רופט אים, רבי אלתר איז גלייך אריבער צום רבין אין שטוב, און די רבי זאגט פארן תלמיד רבי אלתר, די געדענקסט די הלכה אין שולחן ערוך (יו"ד סי' נ"ז סעיף ה'), **אם נכנס חיה דורסת לתוך לול של תרנגולים, הרי הוא מטריף הכל מחשש שמא דרס**, וואס דאס מיינט, אז אויב א חיה גייט אריין אין א שטייג פון תרנגולים, שטעלט מען אויף חזקה דעם גאנצן שטייג אז זיי זענען אלע טריפה, אבער אויב די חיה איז נתגדל געווארן צווישן מענטשן, דאן שטעלט מען אויף חזקה אז די גאנצע שטייג איז נישט טריפה.

האט דער צדיק געזאגט, אז דאס זעלבע איז מיט א מענטש, ווייל א מענטש ווערט אויך געבוירן אלס א פרא אדם אן קיין מענטשליכקייט, עד כדי כך אז ער ווערט גערעכנט אלס א חיה דורסת, **אבער אויב דער מענטש ווערט ערצויגען ביי דעם ריכטיגען פלאץ און מען לערנט אים אויס דעם ריכטיגע דרך, דאן ווערט ער א מענטש מיט נארמאלקייט און גייט ארויס פון דעם כלל פון חיה דורסת.**

דאן האט זיך די רבי געזעגנט פון דעם תלמיד, אזוי ווי דער תלמיד איז ארויס, האט ער גלייך פארשטאנען וואס די רבי האט אים דא געזאגט, און אז די רבי האט מרגיש געווען זיין מחשבה, און די רבי האט אים דא געגעבן די תשובה, אז עס איז בעסער צו זייןביים צדיק און נתגדל ווערן מיט א דרך אין עבודת השם, אפילו עס זעט אויס אז דאס איז גורם ביטול תורה, ווייל דורך זיין ביים רבין נעמט די רבי ארויס אלע מידות מגונות און דער איד ווערט א נייע מענטש.

דער צדיק וקדוש האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען מיטן מעורר זיין אידישע קינדער, **מיט דעם חומר הענין פון רעדן אין בית הכנסת בשעת'ן דאווענען**, ער האט מיט זיין געוואלדיגע לשון מעורר געווען אסאך אידן און אויפגעטון גדולות ונצורות אין דעם ענין, אויך האט ער ארויסגעגעבן א ספר מיטן נאמען "**מורא מקדש**", ווי דער צדיק ברענגט אראפ פון גדולים אין צדיקים די הארבקייט פון רעדן אין שוהל, **וואס וועגן דעם קומט ליידער נאך נישט די גאולה שלימה.**

ער האט איבער געלאזט זיין הייליגע **ספר רב ייבי על התורה און תהילים**, און דעם **ספר מורא מקדש** אויפן חומר הענין פון רעדן ביים דאווענען.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק **רבי אליקים געץ מאוסטראה** זי"ע, ממלא מקום אביו,
הרה"ק **רבי פנחס מאוסטראה** זי"ע,
הרה"ק **רבי נחמן** זי"ע,
הרה"ק **רבי יהודה לייב מבארדיטשוב** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת יענטא** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי אברהם ב"ר צבי מפאווליטש** זי"ע.

ווי באוויסט איז דער צדיק וקדוש רבי ייבי זי"ע נסתלק געווארן חוה"מ סוכות, און יענעם טאג פון די פטירה איז דער צדיק געלעגן מיט גרויסע יסורים אין בעט וואס איז געווען אין די סוכה, ווייל וויבאלד דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן גאר שטארק עוסק געווען אין די מצוה פון סוכה,

האט ער געזאגט פאר זיינע מקורבים, **אז ווי לאנג ער ליגט אין די סוכה קען ער נישט נפטר ווערן, ווייל זיין נשמה וויל זיך נישט טיילן פון גרויס הנאה פון די סוכה, האט מען צו געטראגן די בעט אינטער א וואנט וואס דארט איז נישט געווען כשר די סוכה, און דאן האט דער צדיק צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה ליוצרה.**

עס ווערט געברענגט א מעשה נורא וואס האט גע'רעש'ט אינעם שטאט ביי די לוי פונעם הייליגען צדיק, דארט אין שטאט אוסטראה איז געווען א בית עבודה זרה וואס איז געווען אויפן וועג צום בית החיים, און די רשעים די גוים האבן געהאט א מנהג, **אז ווען מען איז דורך יענעם גאס מיט א מיטה פון א איד א נפטר, האבן די גוים אנגעצינדן די גלעקלעך פון דעם קורכע, כדי צו צושטערן דעם לוי, און דאס איז געווען א שרעקליכע בזיון המת.**

ביי די לוי' פון דעם צדיק האבן די גוים אנגעהאלטן זייער מנהג, און אנגעצונדען די גלעקלעך, דאן האט זיך דער צדיק אויפגעזעצט אויף זיין מיטה, און געהייסן מען זאל ברענגען א געוויסן ספר, און ער האט מעיין געווען אין דעם ספר, דאן האט זיך דער צדיק צוריק געלייגט אויפן מיטה.

דאן האט מען געהערט א שרעקליכע רעש קומען פון די קירכע, **און פלוצלונג איז די גאנצע קירכע צוזאמען געפאלן, און עס איז נישט געבליבן קיין זכר פון דעם קירכע**, יארן שפעטער האט מען נאך געזען די מקום חרוב פון דעם קירכע און עס איז געווען א זכרון פון דעם גרויסן נס, כן יאבדו כל אויביך השם.

נסתלק לגנזי מרומים **כ' תשרי ד' דחוה"מ סוכות בשנת תקנ"א**, ומנוחתו כבוד איז אין דעם ביה"ח אין שטאט **אוסטראה**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**איין שבת קודש ביים טיש** האט מען געזען **א שמייכל אויפן פנים** פונעם הייליגען צדיק וקדוש רבי ייבי מאוסטראה זי"ע, נאכן טיש האט ער מסביר געווען פאר די חסידים וואס דא איז פאר געקומען.

די לעצטע טעג איז נפטר געווארן א איד פון שטאט, וואס איז געווען א גרויסער מתמיד וואס איז געזעצן און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט געהאט א מנהג טוב, אז יעדן טאג האט ער פארמאכט די גמרא פאר איין שעה, און איז ארום געגאנגען נאך געלט פאר די עניים פון שטאט, דער איד האט זיין גאנץ לעבן געשפירט ביי זיך, **אז ער איז מבטל תורה מיט דעם וואס ער גייט נאך געלט יעדן טאג די שעה**, ווייל ער האט באמת געוואלט ענדערש זיצן און לערנען, **אבער ער האט נישט געוואלט מבטל זיין דעם מנהג, און ער האט ווייטער אנגעהאלטן דעם מנהג.**

יעצט איז דער איד ארויף געקומען בעולם העליון, און די בית דין של מעלה האט אנגעהויבן אפ וועגן די מצוות און די עבירות פון דעם איד, צו זעהן ווי מען זאל דעם נשמה שיקן אין גיהנום אדער אין גן עדן, די מצב האט אויס געזען זייער שמאל, ווייל די עבירות האבן ליידער איבער געוואויגען די מצוות, און ליידער האט אפיל זיין כח התורה נישט געקענט מכריע זיין לטובה.

אבער דאן זענען געקומען די אלע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן, פון די אלע שעות וואס ער איז יעדן טאג ארום געגאנגען נאך געלט

פאר די ארימעלייט פון שטאט, און זיי האבן אנגעהויבן ברענגען די אלע שעות צום בית דין של מעלה, און די וואגשאהל האט איבער געוואויגן צו די זייט פון די מצוות, און מען האט דעם איד געשיקט אין גן עדן און זכות פון דעם מצוות צדקה, **און דערפאר האט דער צדיק געלאכט אינמיטן פירן טיש.**

• • •

**איינמאל האט מען געברענגט צום גאון רבי ייבי** מאוסטראה זי"ע א ארימאן פון שטאט וואס האט זייער פארשעמט די ראשי הקהלה פון שטאט, און מען האט געבעטן, אז דער גאון זאל זאגן מיט וואס מען זאל אים באשטראפן אויף דעם.

האט דער הייליגער צדיק געזאגט, דער איד האט דאך נישט קיין געלט ער איז דאך א ארימאן, **איך וואלט געזאגט, אז מען זאל אים מאכן פאר א קורצע צייט אלס ראש הקהל פון שטאט, דורך דעם וועט ער שפירן ווי שווער עס איז צו עוסק זיין בצרכי ציבור, און דאן וועט ער באגרייפן וואס ער האט שלעכטס געטון.**

• • •

**א שטיק צייט נאך דעם פטירה** פונעם הייליגען צדיק וקדוש רבי ייבי מאוסטראה זי"ע, האט אויס געבראכן א גרויסע פייער אין שטאט אוסטראה, עס איז געווען א גרויסע צעמישעניש אין שטאט, ווייל דער עולם איז געווען פארלוירען וואס מען זאל דא טון.

פלוצלונג איז אנגעקומען דער מושל העיר, און ער האט אפיר געזיכט דעם רב פון שטאט, און ער האט מיט אים ארום שפאצירט צווישן די הייזער וואס האבן געברענט, אבער ווען ער האט געענדיגט ארום גיין, האט זיך דער מושל אנגערופן, **דאס איז נישט דער זעלבער ראבינער.**

און דער מושל האט דערציילט, **אז ווען דער פריערדיגער רב פון שטאט וואס איז געווען רבי ייבי זי"ע האט געלעבט, האט אויס געבראכן א פייער אין שטאט אוסטראה, דאן איז דער מושל ארום מיטן רב אין די גאנצע שטאט, און צו יעדן הויז וואס דער רב איז אנגעקומען האט זיך די פייער גלייך פארלאשן.**

• • •

**הרה"ק רבי דוד משה מטשורטקוב זי"ע האט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער צדיק רבי פנחס מקאריץ זי"ע האט געוואוינט אין שטאט אוסטראה, האט ער געהאט א מנהג צו גיין ביינאכט נאך חצות אין די מקוה' זיך טובל'ן.

פארן איד וואס האט קער גענומען פון די מקוה' איז געווען זייער שווער זיך צו מטריח זיין יעדע נאכט צו קומען אויף מאכן דעם מקוה' פאר רבי פנחס, האט ער אויס געלערנט פאר רבי פנחס, ווי אזוי מען מאכט אויף די מקוה', אזוי האט ער זיך נישט געברויכט מטריח זיין.

איין נאכט ווען דער הייליגער צדיק רבי פנחס איז געקומען אין די מקוה', איז דער טיר ארויף געפאלן אויף אים, און ער איז ליידער רח"ל אראפ געפאלן אויף דער ערד און נפטר געווארן.

דער הייליגער צדיק וקדוש רב ייבי מאוסטראה זי"ע האט דאס גלייך מרגיש געווען, און ער איז גלייך געלאפן צום מקוה', און שטייענדיג דארט האט ער זיך אנגערופן.

**"רבונו של עולם איך וועל מיך נישט אוועק רירן פון דעם פלאץ, ביז דער רבי פנחס שטייט אויף א לעבעדיגער פון זיין פלאץ, און איך בין דיר מבטיח, אז די וועסט נאך האבן אסאך נחת פון רבי פנחס"**, כך הוה דער רבי פנחס מקאריץ איז צוריק לעבעדיג געווארן.

• • •

**ווי באקאנט איז דער הייליגער צדיק רבי ייבי מאוסטראה זי"ע** געווען א גרויסער בעל מכניס אורח, און געטאן הכנסת אורחים אויף א געוואלדיגע אופן.

האט איינע פון די צדיקים געזאגט, אז מען האט אמאל אויסגערופן אין הימל, **אז מען זאל געבן כבוד פאר רבי ייבי, ווייל ער איז א גרויסער בעל מכניס אורח אזוי ווי אברהם אבינו ע"ה**, האט דער שטן געזאגט, אז מען דארף אים קודם אויספראבירן מיט א נסיון.

האט מען אין הימל מסכים געווען, און דער שטן איז אראפ געקומען אלס א גרויסער ארימאן מיט שמיציגע קליידער, און ער איז געקומען אין שטאט אוסטראה, די שטאט מענטשן האבן שוין געוויסט, אז א אורח וואס קיינער האט נישט

געוואלט נעמען, האט מען געשיקט צו רבי ייבי, ווייל ער האט יעדן אורח אריין גענומען.

האט דער שטן געפייניגט דעם צדיק דעם גאנצן שבת וואס ער איז דארט געווען, אבער דער הייליגער צדיק רבי ייבי האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט, נאר ער האט דעם גאסט גאר שטארק מכבד געווען און געברענגט וויפיל עסן ער האט געבעטן, ביז דער שטן האט געזען, אז ער קען אים נישט מכשל זיין מיט דעם נסיון, האט דער שטן בלית ברירה געמיזט מודה זיין צום כריז אין הימל, אז מען זאל מכבד זיין דעם רבי ייבי, **ווייל ער איז מקיים דעם מצווה פון הכנסת אורחים בשלימות**.

• • •

**ווי עס איז באקאנט**, אז ביי די גרויסע חתונה אין הוסיאטין האט פאסירט, אז איינע פון די חסידים האט צעשניטן דעם בעקיטשע פונעם הייליגען צדיק דער טריסקער מגיד זי"ע, ווייל דער טריסקער מגיד האט געהאט א שענערע בעקיטשע פונעם הוסיאטענער זי"ע, און עס איז געווארן א גרויסע רעש, און דער הייליגער הוסיאטענער האט געהייסן, אז ווער עס האט געטון דעם עוולה זאל זיך ארויס שטעלן.

און דאן זענען די דריי צדיקים דער הייליגער הוסיאטענער זי"ע דער טריסקער מגיד זי"ע און הרה"ק רבי יעקעלע מהארמנוב זי"ע אריין אין שטוב, און די דריי צדיקים האבן גערעדט צווישן זיך, וואס מען זאל טון מיט דעם חסיד, האט רבי יעקעלע מהרימנוב זי"ע געזאגט, ביים צדיק וקדוש רבי ייבי מאוסטראה זי"ע האט אמאל פאסירט, אז א איד האט זייער פארשעמט דעם ראש הקהל, און דער ראש הקהל איז אריין צום צדיק רבי ייבי זי"ע און דערציילט וואס דער איד האט געטון.

האט דער צדיק רבי ייבי זי"ע געזאגט פארן ראש הקהל, וואס ווילסטו פון דעם ארימאן, ער איז דאך אזוי צובראכן ער האט נישט קיין פרנסה, דערפאר שרייט ער און פארשעמט דיך, **און דער צדיק האט געהייסן פארן ראש הקהל, אז ער זאל געבן א שיינע נתינה פארן ארימאן, און אזוי וועט ער מער נישט זיין צובראכן**.

די צדיקים דער הייליגער טריסקער מגיד און דער הייליגער הוסיאטענער זי"ע האבן זייער הנאה געהאט פון דעם פסק דין, און אלע דריי האבן גע'פסק'נט, **אז דער איד ברויך זיין א עושר, און אזוי וועט ער מער נישט טון אזאנע זאכן**.

• • •

**אין ספר שבחי רבי ייבי ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי ייבי זי"ע זייער קראנק געווארן, אז ער האט שוין כמעט פארלוירן זיין כח הדיבור, איז די טאכטער פונעם צדיק אריבער געלאפן צום שטוב פון הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע און מזכיר געווען דעם טאטן.

האט דער צדיק רבי פנחס מקאריץ געהייסן פארן טאכטער, אז זי זאל שנעל אריבער לויפן אין שטוב, און זי זאל אפקאכן דעם מאכל, "**רעטשענע ווארעניקעס**", און מען זאל דאס געבן צו עסן פארן טאטן, און ער וועט בעזהשי"ת געזונט ווערן.

און דער צדיק רבי פנחס מקאריץ זי"ע האט געזאגט די סיבה פארוואס מען זאל פארן צדיק געבן די עסן, **ווייל די מאכל איז געקומען בעולם העליון, און מקטרוג געווען אויפן צדיק, אז ער האט נאך די יאר נישט געגעסן פון די מאכל, און ער האט דורך דעם נאכנישט מתקן געווען די מאכל בעולם העליון**.

און דערפאר האט דער צדיק רבי פנחס געהייסן, מען זאל די מאכל געבן צו עסן פארן צדיק, און כך הוה, גלייך איז דער צדיק צוריק געזונט געווארן, פון דעם קען מען זעהן דעם גרויסן כח פון דעם צדיק, **אז ער האט מיט יעדע ריר מתקן געווען גרויסע זאכן בעולם העליון, עד כדי כך, אז א מאכל האט געהאט טענות אויפן צדיק אז ער האט דאס נישט געגעסן**.

• • •

**דער טאטע פונעם צדיק רבי ייבי** איז געווען הרה"ק רבי יהודה לייב זי"ע, וואס איז געווען א למדן נפלא און א גאון בתורה, דער צדיק רבי יהודה לייב איז די גאנצע טאג געזעצן און עוסק געווען בתורה אין א געוואלדיגע דחקות מיט א מסירת נפש ממש, איין יאר ווען עס איז געקומען דעם יו"ט פסח, איז אין שטוב פון דעם צדיק נישט געווען אפילו א פרוטה מיט וואס יו"ט צו מאכן, איז דער צדיק אריבער אין ביהמ"ד, און זיך געזעצט לערנען מיט גרויס בטחון און אמונה, אז דער גרויסער באשעפער וועט אים נישט פארלאזן.

פלוצלונג קומט אן א פרעמדער גאסט צום שטוב פונעם צדיק, און ער בעט די רעבעצין, אז ער וויל זייער קומען צו זיי אין שטוב אויף פסח, האט די רעבעצין געזאגט פארן גאסט, אז זי וועט אים גערן נעמען צו זיי אין שטוב, אבער לרש אין כל עס איז נישט דא קיין שום צרכי יו"ט ביי זיי אין שטוב.

האט דער גאסט געזאגט, אז ער איז גרייט צו געבן פאר צרכי יו"ט, אבער בתנאי, אז מען וועט נישט עסן דעם סעודה אן אים, און די רעבעצין האט בלית ברירה גענומען א מטבע פון דעם גאסט.

דאן איז די רעבעצין געגאנגען איינקויפן לכבוד יו"ט, אבער לפלא ווען די רעבעצין איז צוריק אהיים געקומען פון געשעפט, האט זי צוריק געטראפן די מטבע ביי זיך אין טאש, און אזוי איז געשען אפאר מאל, האט זי שוין געזען, אז דער איד וואס איז דא געקומען צו גאסט איז א איש קדוש מאוד.

ווען דער צדיק רבי יהודה לייב איז אהיים געקומען ביינאכט נאכן דאווענען, איז ער געווען גאר בשמחה זעענדיג אז די הויז איז געגרייט צום יו"ט און די טיש איז געדעקט לכבוד יו"ט.

האט די רעבעצין דערציילט, די גאנצע מעשה מיטן גאסט, און אז דער גאסט האט געגעבן דאס געלט נאר בתנאי, אז מען ווארט אויף אים מיט די סעודה, אבער אזוי ווארטענדיג אויפן גאסט האט דער צדיק געזעהן, אז באלד איז שוין חצות און מען ברויך דאך עסן די אפיקומן פאר חצות.

בלית ברירה האט זיך דער צדיק געזעצט צום סדר און אפ געראכטן א סדר בשמחה רבה, נאכן סדר האט דער צדיק איינגערימעלט ביים טיש, און פלוצלונג איז דער גאסט אנגעקומען, און ער האט זיך קודם זייער געבייזערט אז מען האט נישט געהאלטן דעם תנאי אז מען וועט ווארטן אויף אים.

אבער דאן איז דער איד צו געגאנגען צום בעטל, ווי זייער בן יחיד דער קינד יעקב יוסף איז געלעגן, **און ער האט געבענטשט דעם קינד**, און דאן איז דער גאסט נעלם געווארן, און דער קינד איז אויס געוואקסן דער צדיק וקדוש רבי ייבי מאוסטראה זי"ע.

• • •

**ווי באקאנט האט דער צדיק רבי ייבי זי"ע** געהאט א מנהג, אז ער פלעגט קויפן א פשוטע אתרוג יעדעס יאר, און דאס אריין געלייגט אינעם קעסטל ביי זיך אין שטוב, און דער צדיק האט מקפיד געווען, **אז קיין שום מענטש זאל דעם אתרוג נישט אן רירן ביז יו"ט, און לפלא האט דער צדיק יו"ט צופרי געהאט דעם שענסטן אתרוג אין גאנץ אוסטראה**, אבער דער צדיק וקדוש רבי פנחס מקאריץ זי"ע האט יא מקפיד געווען, און געקויפט יעדעס יאר א גאר שיינעם אתרוג און זיך געלאזט קאסטן אסאך געלט.

איין יאר האט פאסירט, אז מען האט אינעם גאנצן געגענט פון אוסטראה נישט געקענט טרעפן א מהודר'דיגע אתרוג, דער צדיק רבי פנחס מקאריץ האט געהאט גרויס צער פון דעם, אפאר טאג בעפאר יו"ט, איז דער צדיק רבי פנחס מקאריץ אריבער צום שטוב פון רבי ייבי זי"ע, איז דארט אין שטוב נאר געווען דער זון פונעם צדיק רבי אליקים געציל זי"ע, וואס איז נאך געווען א קליין קינד, און דער צדיק רבי פנחס האט געבעטן, אז ער וויל זעהן דעם טאטן'ס אתרוג, אבער דער קינד האט פון גרויס פחד פון זיין גרויסן טאטן נישט געוואלט צו רירן צום אתרוג.

האט דער קינד געוויזן פאר רבי פנחס מקאריץ דעם קעסטיל ווי דער אתרוג ליגט, און דער הייליגער צדיק רבי פנחס האט מיט צוויי פינגער'ס אויפגעהויבן דעם אתרוג, און ער האט געזען, **אז דאס אתרוג איז אפילו נישט כשר אין זיינע אויגן**, און דער צדיק האט גלייך צוריק געלייגט דעם אתרוג אויפן פלאץ, לפלא יו"ט צופרי ווען דער צדיק רבי ייבי האט ארויס גענומען דעם אתרוג, האט ער גלייך געפרעגט, **ווער האט צו גערירט צום אתרוג**.

האט דער זון מיט גרויס פחד דערציילט די גאנצע מעשה מיטן צדיק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, האט דער צדיק רבי ייבי געוויזן פארן זון, **אז דאס אתרוג איז געווען א הדר ממש, אבער אויף די פלאץ ווי דער צדיק רבי פנחס מקאריץ האט אנגערירט מיט די צוויי פינגער'ס, איז געווען א סימן פון צוויי פלעקן**, און דער צדיק רבי פנחס מקאריץ האט יענעם יאר נישט געהאט קיין אתרוג, און האט

מקיים געווען דעם מצוה פון נטילות לולב אתרוג, מיטן אתרוג פון רבי ייבי זי"ע.

•••

**אין ספר מסורת חסידים ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רב ייב"י מאוסטראה זי"ע איז נאך געווען א יונגערמאן, האט ער געהערט פון די גרויסע הייליגקייט פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, און ער האט מחליט געווען צו פארן קיין מעזיבוז כדי צו זען דעם אור הגדול מיט די אייגענע אויגן.

אויפן וועג האט ער צו זיך געטראכט "**וויאזוי וועל איך וויסן צי דער בעש"ט איז טאקע אן אמת'ער בעל מופת מיט רוח הקודש**", האט דער צדיק ביי זיך געמאכט א סימן, "**אז אויב ווען איך קום אן, וועט מיר דער בעל שם טוב גלייך זאגן א תורה וואס וועט ענטפערן אויף א שווערע קושיא וואס דרייט מיר שוין לאנג אין קאפ אויפן רמב"ם, וועל איך וויסן אז זיין קדושה איז עפעס אויסערגעווענליך**".

ער קומט אן קיין מעזיבוז, גייט צו צום בעל שם טוב'ס הויז, און שטעלט זיין פוס אויפן שוועל פון דער טיר, נאך פאר ער האט באוויזן צו זאגן שלום עליכם, דרייט זיך דער בעש"ט אויס צו אים און רופט זיך אן מיט א שמייכל, "**שלום עליכם ר' יעקב יוסף! איר ווייסט, דער רמב"ם שרייבט דאך אין הלכות**", און דער בעל שם טוב האט תיכף אויסגעשמועסט די גאנצע קושיא וואס דער רב ייב"י האט געטראכט, און געגעבן א לעכטיגן, קלארן תירוץ דערויף, דער רב ייב"י איז געווארן אינגאנצן איבערגענומען, זיין הארץ האט געציטערט פון גרויס יראת הכבוד, און ער איז געבליבן צוגעקלעבט צום בעש"ט מיט אן אומבאשרייבליכע דביקות.

•••

**אין די ספרי זכרון לקהילת אוסטראה ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רב ייב"י מאוסטראה זי"ע איז געווען באקאנט מיט זיין פייערדיגע עבודה ביים דאווענען, ווען ער האט געדאווענט, האט ער פארגעסן פון דער גאנצער וועלט און געשריגן און געוויינט ווי א קינד פאר זיין טאטן.

ווערט דערציילט, אז איין יום כיפור ביי דער תפילה פון "**כל נדרי**" אין שטאט אוסטראה, האט דער צדיק געדאווענט מיט אזא מורא'דיגע התלהבות און מיט אזעלכע טיפע קרעכצן וואס האבן גערירט די טיפסטע סטרונעס פונעם הארץ, ער האט אויסגעשריגן די ווערטער מיט אזא קול און אזא כח, **אז די שיבן פון די פענסטער אין בית המדרש האבן אנגעהויבן צו ציטערן, ביז עטליכע גלאזער זענען צעפלאצט געווארן פון דער געוואלדיגע קול און הייליגע כח פון זיין תפילה**, דער עולם אין שול איז געשטאנען פארציטערט, און אלע הערצער זענען צעגאנגען אין תשובה ווען זיי האבן צוגעזען **ווי א איד רעדט צום רבונו של עולם מיט א מסירות נפש ממש**.

•••

**אין ספר שיחות צדיקים ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז דער הייליגער מגיד פון מעזריטש געקומען צו פארן אויף א שבת קיין אוסטראה, פרייטאג צונאכטס פאר קבלת שבת, איז דער בית המדרש געווען פיל געפאקט מיט מענטשן, און מען האט געבעטן פונעם צדיק רב ייב"י (וואס איז דעמאלט געווען דער מגיד מישרים פון שטאט) אז ער זאל זאגן א דרשה פארן עולם לכבוד דעם גרויסן גאסט.

דער צדיק רבי ייב"י איז ארויף אויפן עמוד, און אנשטאט לאנגע פלפולים, האט ער אנגעהויבן רעדן פשוט'ע הארציגע ווערטער איבער יראת שמים, שמירת שבת, און ווי וויכטיג עס איז אז א איד זאל תשובה טון און זיך האלטן ריין פון עבירות, ער האט גערעדט מיט אזא אמת און מיט אזעלכע הייסע טרערן, אז אינמיטן די דרשה האט איין איד אנגעהויבן וויינען, נאכדעם נאך איינער, ביז דער גאנצער בית המדרש האט אויסגעבראכן אין א געוואלדיגע געוויין פון תשובה.

נאך דער דרשה האט דער הייליגער מגיד פון מעזריטש אויסגעדריקט זיין גרויסע הנאה און געזאגט, "**דאס מיינט אן אמת'ע דרשה, ווען די ווערטער גייען ארויס פון אן ערליכן, ריינעם הארץ, גייען זיי אריין גלייך אין די הערצער פון די צוהערער און ברענגען זיי נענטער צום באשעפער**".

•••

**אין די ספרי תולדות החסידות ווערט געברענגט**, אז עס ווערט דערציילט אין די חסידישע מקורות, אז דער צדיק וקדוש רב ייב"י מאוסטראה זי"ע האט זיך געפירט מיט א

שרעקליכע **שמירת עיניים**, ער האט אזוי שטארק אפגעהיטן די אויגן פון קוקן אויף עפעס וואס פעלט נישט אויס, אז ער האט כמעט נישט געקענט די פנימ'ער פון מענטשן וואס זענען געשטאנען ארום אים..

אפילו זיינע אייגענע בני בית אדער מקורבים וואס האבן געוואוינט אין שטאט יארן לאנג, פלעגט ער אפטמאל קוים דערקענען בלויז לויטן בליק, נאר לויט זייער קול אדער זייער גאנג, ער האט שטענדיג געהאט די אויגן אראפגעלאזט צו דער ערד, מיט א פחד און אימה פאר די שכינה הקדושה, אויף אים פלעגן די צדיקים זאגן דעם פסוק, (ישעיהו ל"ג ט"ו) "**וְעֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע**", **ווייל דער צדיק האט זיך אויסגעלערנט צו לעבן אויף א וועג וואס די אויגן האבן גארנישט געזען אויסער ספרים און די הייליגע אותיות פון די תורה הקדושה.**

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר מורא מקדש ווערט געברענגט**, אז די קדושה פון זיין דאווענען איז געווען עפעס וואס האט איבערגעלאזט א ציטער אין יעדן וואס האט דאס צוגעזען, ווען ער פלעגט שטייןביים עמוד, פלעגט זיין גאנצער קערפער ציטערן פון קאפ ביז די פיס ממש ווי א בלעטל אין די ווינט.

עס איז געווען באקאנט אין שטאט אוסטראה, אז ווען ער פלעגט זאגן די ברכות התורה אדער אנהייבן ברוך שאמר, האט מען פשוט מורא געהאט צו שטיין לעבן אים, זיין פנים פלעגט טוישן פארבן, איין מאל רויט ווי פייער און איין מאל בלאס פאר שרעק פון ג-טליכקייט, ער אליין שרייבט אין זיינע הייליגע ספרים (אין "רב ייב"י" און אין "מורא מקדש"), גאר הארבע און הייליגע ווערטער וויאזוי א איד דארף ציטערן פארן מלך מלכי המלכים, **און ער האט דאס מקיים געווען יעדע רגע ביים דאווענען, אן קיין שום פניות אדער מחשבה זרות.**

• • •

**אין די מסורת מפי זקני חסידים ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען צו פארן א נגיד קיין אוסטראה און געוואלט ברענגען א גרויסע נדבה פארן צדיק וקדוש רב ייב"י זי"ע, ווייל ער האט געהערט ווי פשוט דער צדיק פירט זיך, ווען דער נגיד איז אריין אין זיין חדר, האט ער געזען בלויז א פשוט'ן האלצערנעם טיש, א באנק צום זיצן, און גאר גרויסע הויפנס מיט ספרים, און קיין שום שיינקייט אדער באקוועמליכקייט פון די וועלט האט דארט נישט עקזעסטירט.

דער נגיד האט אים געוואלט געבן א גרויסן סכום געלט אז ער זאל זיך קענען קויפן שענערע בגדים און אביסל מסדר זיין די שטוב, האט דער צדיק רב ייב"י זיך אנגערופן מיט גרויס קדושה און תמימות, "**איך דארף דאס נישט, אין דער וועלט דארף מען נאר אזויפיל וויפיל מען דארף צו קענען דינען דעם באשעפער מיט א ריין הארץ, מער פון דעם איז נאר א משא און א מניעה צו קדושה**", ער האט נאר מסכים געווען צו נעמען א קליין ביסל וואס איז געווען נויטיג אויף יענעם טאג פאר ברויט און וואסער, **און דאס איבריגע האט ער געהייסן פארטיילן פאר אלמנות און יתומים אין שטאט.**

• • •

**אין די תולדות גדולי וואהלין ווערט געברענגט,** אז עס איז געווען א חשוב'ער איד אין דער געגנט פון אוסטראה וואס איז שוין געווען חתונה געהאט העכער פופצן יאר און נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, דער איד און זיין ווייב זענען ארומגעפארן צו דאקטוירים און עוסק געווען אין פילע סגולות, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, און זייער צער איז געווען גאר גרויס.

איין טאג איז דער איד געקומען צום צדיק רבי ייב"י מאוסטראה זי"ע, און מיט ביטערע בכיות געבעטן א ישועה, אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד, דער צדיק האט אים אויסגעהערט מיט א טיפן קרעכץ, פארמאכט די אויגן און זיך פארטראכט אויף עטליכע מינוט אין דביקות. דערנאך האט זיך דער רב ייב"י אנגערופן צו אים, "**גיי אהיים צו דיין שטוב, און זאלסטו מקבל זיין אויף זיך צו זיין נזהר בקדושת בית המדרש, נישט צו רעדן קיין שום דברים בטלים ביים דאווענען און קריאת התורה, און זאלסט פארטיילן צדקה פאר עניים הגונים בהצנע לכת, און דער באשעפער וועט רחמנות האבן, און צו דער זעלבער צייט קומענדיגן יאר וועסטו האלטן א בן זכר אין די הענט**".

דער איד האט אויסגעפאלגט דעם צדיק מיט א תמימות, אין יענעם יאר איז זיין ווייב נתעבר געווארן, און פונקט א יאר שפעטער איז זיי געבוירן

געווארן א געזונט אינגל, ביי דעם ברית האט דער טאטע גערופן דעם צדיק רבי ייב"י צו זיין דער סנדק, און דער גאנצער עולם האט געזען אין דעם אן אפענער מופת פון זיין הייליגע ברכה.

• • •

**אין קונטרס סיפורי חסידים ווערט דערציילט**, אז אין יענע יארן האט דער לאקאלער פריץ (דער פראווינץ-גראף) ארויסגעגעבן א שווערן באפעל קעגן די אידישע ארבעטער און קרעטשמערס אין די דערפער ארום אוסטראה, אז ווער עס צאלט נישט אפ די גאנצע חובות ביז א באשטימטן טאג, וועט מען אים ארייןווארפן אין דער תפיסה און פארטרייבן זיין פאמיליע פון דארף.

עטליכע פון די דערפישע אידן, וואס האבן נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן, זענען געלאפן צום צדיק רבי ייב"י מאוסטראה זי"ע אינגאנצן דערשראקן און צעבראכן, דער צדיק האט זיי בארואיגט און געזאגט, "**האט קיין מורא נישט, דער אויבערשטער איז דער בעל הבית אויף דער וועלט, נישט דער פריץ, גייט אהיים און גרייט זיך צום שבת מיט רואיגקייט און פרייד**".

פרייטאג צופרי איז דער פריץ ארויסגעפארן מיט זיינע פערד אויף א געיעג אין וואלד, פלוצלונג האבן די פערד זיך דערשראקן פון א חיה, דער וואגן האט זיך איבערגעקערט, און דער פריץ איז אראפגעפאלן און צעבראכן א פוס, זייענדיג אין גרויס ווייטאג האט ער געכאפט א שרעק, אז דאס איז זיכער א שטראף פון הימל פארן וועלן רודפ'ן די אידן, און ער האט תיכף באפוילן פאר זיינע משרתים אפצושטעלן די גזירה, און ער האט מוחל געווען אלע חובות פאר די אידישע קרעטשמעס, און די אידן האבן געזען ווי דער כח התפילה פונעם צדיק האט אפגעקערט די שווערע בייזע גזירה אין איין רגע.

• • •

**אין ספרי מופתי צדיקים ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א מעשה מיט א איד אין שטאט אוסטראה וואס איז קראנק געווארן מיט א גאר שווערן פיבער, ביז די גרעסטע דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן און געזאגט פאר דער משפחה אז עס בלייבט נאר איבער עטליכע שעה, די משפחה איז געלאפן מיט גרויס צער צום צדיק רבי ייב"י מאוסטראה זי"ע, און געוויינט מיט ביטערע טרערן ער זאל מתפלל זיין פאר דעם חולה.

דער צדיק רבי ייב"י האט גענומען א שטיקל פאפיר, אנגעשריבן דערויף איין פסוק מיט הייליגע כוונות, און געהייסן מען זאל דאס לייגן אונטער דעם חולה'ס קישן, און ער האט צוגעלייגט, "**גייט אהיים, דער חולה שלאפט שוין א רואיגן שלאף, און ער וועט אויפשטיין געזונט**", ווען די קרובים זענען צוריקגעקומען אין שטוב, האבן זיי געזען, אז דער פיבער האט פלוצלונג נאכגעלאזט, דער חולה האט איינגעדרימלט אין א טיפן געזונטן שלאף, און צומארגנס צופרי איז ער אויפגעשטאנען אינגאנצן פריש אויף די פיס, צו דעם גרויסן וואונדער פון די דאקטוירים וואס האבן נישט פארשטאנען וויאזוי דער מענטש איז געראטעוועט געווארן.

**יארצייט כ"א תשרי הושענא רבה**

**הרה"ק רבי מנחם מענדל ב"ר אליעזר זי"ע**
**בעל דרכי ישרים, מפרמישלאן**

ער איז געבוירן **בשנת תפ"ח**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי אליעזר** זי"ע.

ער איז געווען א איש אלקים קדוש ונורא מאוד, בוצינא קדישא מנורה הטהורה, ער איז געווען א גאון הגאונים און א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש אמיתי, ער איז געווען א עניו ושפל רוח און באמת נישט געהאלטן פון זיך, אבער טויזענטער אידן ובתוכם צדיקים בדורו האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, הונדערטער תלמידים האבן זיך מסתופף געווען בצלו.

הגה"ק רבי יצחק אייזיק מזיטאמיר זי"ע האט געזאגט אויף דעם צדיק בזה"ל, "**כרכא דכולא ביה, ונהירין ליה כולהו שבילין דרקיע, ומיליא ליה רשא דמטמרין, וגם מעץ החיים אכל וחי לעולם שכולו טוב**".

ווי עס ווערט געברענגט, איז דער צדיק געווען א הויכער און א גאר שטארקע מענטש, אבער מיט דעם אלעם האט ער נישט עוסק געווען אין קיין תנעתים און סיגופים, ווייל ער האט כסדר געזאגט, **דער גוף האט דער הייליגער באשעפער באשאפן פאר מיר, ווי אזוי מעג איך דעם גוף מסגף זיין**.

אבער ווען ער האט באקומען יסורים, האט ער זיך גאר שטארק געפרייט, ווייל דאס קומט דאך גלייך פונעם הייליגען באשעפער, און ער אליין האט דאך פאר דעם גארנישט צו געטון, און אויב איז דורך א תקופה וואס ער האט נישט געהאט קיין יסורים, פלעגט דער צדיק וקדוש זאגן בזה"ל, "**רבונו של עולם די האסט פארגעסן פון מיר**".

אויך האט דער הייליגער צדיק כסדר געזאגט, וואס איז די ענין פון עוסק זיין בתענית און שוואך ווערן, די אברים טוען דאך עבירות, דערפאר דארף מען מיט זיי פאסן, ווי למשל מיט די אויגן זאל מען נישט קוקען נאר לצורך עבודת השם, קודם איין טאג דערנאך א וואך משבת לשבת, און אזוי אויך מיטן מויל און אויער, דאן ווען מען פאסט באמת נאר איין טאג טוט מען אסאך מער אויף, און דער צדיק איז געווען א נאה דורש ונאה מקיים, **ווייל 16 יאר האט דער צדיק נישט גערעדט קיין דבר חול מיטן מויל, נאר ער האט אלעס געטון בכתב**.

ער איז געווען א תלמיד מובהק און פון די גרעסטע תלמידים פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, און שפעטער נאכן הסתלקות פונעם בעש"ט, איז ער געווארן א תלמיד חבר פון הרה"ק **המגיד הגדול ממזריטש** זי"ע, און אויך פון הרה"ק **רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב** זי"ע.

זיין עבודת התפילה איז געווען מפורסם, אז עס איז צו געגאנגען מיט א השתפכות הנפש און מיט א מתיקות נפלא און מיט א מסירת נפש ממש, איין מאל איז דער צדיק געווען ביים הייליגען מגיד מזלוטשוב זי"ע, און דער מגיד האט אים צו געשיקט צום עמוד.

נאכן דאווענען האבן די תלמידים געפרעגט פונעם מגיד, מען זאגט דאך אז דעם עמוד זאל מען נאר געבן פאר **מלך המשיח**, האט דער מגיד געזאגט בזה"ל, "**פאר אים וואלט משיח אליין אויך אפגעטרעטן פונעם עמוד**".

צדיקים האבן דערציילט, אז דער צדיק האט טאקע אפ געראכטן זיין הייליגע עבודת התפילה מיט א געוואלדיגע דביקות און השתפכות הנפש, אבער די שמונה עשרה האט דער צדיק געדאווענט מיט א געוואלדיגע איינגעהאלטענקייט אז מען האט ממש נישט געזען קיין תנועת חוץ ביים זיך ביקן.

דער צדיק האט געהאט א מנהג, צו זאגן דעם תפלה, "**יהי רצון שאזכה בימי חיי להתפלל תפילה אחת כתיקונה לפני הבורא ברוך הוא**", אבער ווען דער צדיק איז ארויף קיין ארץ ישראל, האט ער שוין געזאגט דעם תפלה אביסל אנדערש, "**יהי רצון שאזכה לומר תיבה אחת כתיקונה לפני הבורא ברוך הוא**".

צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק האט נישט געטון קיין שום תנועה אדער ארויס געזאגט אווארט **אן קיין כוונות און מחשבות און יחודים נפלאים**, ער איז געווען מפורסם אלס א **בעל רוח הקודש אמיתי**, און צדיקים האבן מעיד געווען, **אז ער האט זוכה געווען צו גילוי אליהו הנביא ז"ל**.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עניוות, דער צדיק האט באמת ביי זיך געהאלטן אז ער איז בכלל נישט אנגעקומען צום אמת'ן דרך אין עבודת השם.

ווערט געברענגט אין שבחי בעש"ט, אז דער צדיק רבי מענדעלע מפרמישלאן זי"ע האט געהאט א איד אין שטאט א שניידער, וואס פלעגט אים כסדר נאך שרייען און פארשעמען, און דער צדיק וקדוש האט דעם איד קיינמאל נישט צוריק געענטפערט, נאר האט מקבל געווען די בזיונות באהבה.

אבער איינמאל איז זיין רבי דער בעש"ט הקדוש זי"ע געקומען באזיכען זיין גרויסן תלמיד רבי מענדעלע זי"ע, האט דער צדיק געבעטן פון דעם איד דער שניידער, אז אזוי ווי זיין גרויסן רבין איז יעצט דא, דעריבער זאל ער אים נישט אן שרייען פארענט פון זיין רבין, און אויב וועט ער נישט מסכים זיין, וועט ער מיזן פארשפארן די טיר אז ער זאל נישט קענען אריין קומען אין שטוב אים נאך שרייען.

דער איד דער שניידער האט זיך אבער נישט וויסענדיג געמאכט פון דעם געבעט פונעם צדיק, און ווען דער בעש"ט הקדוש זי"ע איז געווען אין שטוב פון רבי מענדעלע, האט זיך דער שניידער ארויף געכאפט צום פענסטער פונעם צדיק, און ער האט דארט נאך געשריגן דעם צדיק מיט שרעקליכע בזיונות, ווען דער בעש"ט הקדוש האט געפרעגט פון זיין תלמיד וואס דאס איז.

האט ער דערציילט פאר זיין רבין, **אז דאס איז זיין טעגליכע פרישטאג מיטאג און נאכטמאל, וואס ער באקומט בזיונות פון דעם איד**, האט דער בעש"ט הקדוש זי"ע געזאגט פארן תלמיד, **"מענדעלע איך בין דיך מקנא מיט די בזיונות, הלוואי וואלט איך אויך געהאט אזא איינער וואס זאל מיך פארשעמען, וואס מיט דעם קומט מען אפ אסאך יסורים"**.

ווערט דערציילט אין שבחי בעש"ט, אז דער צדיק רבי מענדעלע מפרמישלאן זי"ע האט איין טאג געמאכט א גרויסע סעודת הודאה און צוזאמען גערופן אלע זיינע תלמידים, און ווען די תלמידים האבן אים געפרעגט, **וואס איז די גרויסע שמחה אז די רבי מאכט א סעודת הודאה**, ווייל זיי האבן נישט געהאט געהערט אז די רבי זאל האבן געווען אין א מצב פון די **ארבעה הצריכים להודות**.

האט דער צדיק וקדוש געזאגט פאר זיינע תלמידים, איינער האט מיך היינט גוט פארשעמט, און דערפאר מאך איך א גרויסע סעודת הודאה, ווייל ווען א איד איז ח"ו נישט געזונט, און דער באשעפער העלפט אז ער ווערט געזונט, מאכט מען א סעודת הודאה, אבער דאס איז נישט ווייל מען איז געזונט געווארן, **נאר וויבאלד מען איז דורך די יסורים אפ געקומען אויף עבירות**.

איז יעצט ווען דער באשעפער האט מיר געהאלפן, **אז ב"ה איך בין נישט קראנק געווארן, נאר איינער האט מיך פארשעמט, און דורך דעם בין איך אפ געקומען אויף מיינע עבירות, ברויך איך זיכער מאכן א גרויסע סעודת הודאה**.

בשנת תקכ"ד פיר יאר נאכן פטירה פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, בציווי פון זיין רבי דער בעש"ט הקדוש זי"ע, איז דער צדיק רבי מענדעלע מפרמישלאן זי"ע צוזאמען מיט זיין זוהן הרה"ק רבי דוד זי"ע מיט נאך תלמידי בעש"ט **ארויף קיין ארץ ישראל**, ובתוכם הרה"ק **רבי נחמן מהורדנקא** זי"ע.

ווערט געברענגט אין שבחי בעש"ט, אז אויפן וועג האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין שטאט **פולנאה** ביים צדיק הרה"ק **בעל תולדות יעקב יוסף מפולנאה** זי"ע, מגדולי תלמידי בעש"ט זי"ע, און אפילו דער הייליגען צדיק מפולנאה איז געווען אסאך עלטער פונעם צדיק מפרמישלאן, האט ער אים אבער גאר שיין מכבד געווען, אויך האט ער דאן זייער משבח געווען דעם עבודת התפילה פונעם הייליגען צדיק רבי מענדעלע מפרמישלאן זי"ע.

די נסיעה איז געווען א גאר שווערע וועג וואס האט גענומען אפאר חדשים, **ערב ראש השנה תקכ"ה איז די גאנצע שיירא אנגעקומען קיין יפו**, די תלמידי בעש"ט זענען אלע געבליבן אויף יו"ט דארט כדי נישט ח"ו מחלל זיין דעם יו"ט.

צום גדליה זענען זיי אנגעקומען קיין עכו, י"ג תשרי האבן זיי געמאכט דעם וועג פון עכו קיין טבריה, דארט אין טבריה האט דער צדיק וקדוש גאר אסאך עוסק געווען אין תורת הנסתר אין חכמת הקבלה, און זיך מקשר געווען צו די אנדערע תלמידי בעש"ט וואס זענען שוין דאן געווען אין ארץ ישראל.

ער האט געהאט תלמידים צדיקים וקדושים ובתוכם.

הרה"ק **רבי ברוך בעל עמוד העבודה מקאסוב** זי"ע, הרה"ק **רבי משולם פייבוש הלוי הלר בעל יושר דברי אמת מזבריז** זי"ע, וואס האט מעיד געווען אויפן רבין, **אז ער איז געווען א בעל רוח הקודש אמיתי**.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אונעם **ספר דרכי ישרים**.

דער צדיק האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי דוד** זי"ע,
הרה"ק **רבי יוסף** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"א תשרי הושענא רבה בשנת תקל"א**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **טבריה**, **אינעם חלקה פון די תלמידי הבעש"ט** ובתוכם הרה"ק **רבי מענדלע מוויטעפסק** זי"ע, הרה"ק **רבי נחמן מהורדנקא** זי"ע, הרה"ק **רבי אברהם מקאליסק** זי"ע, הרה"ק **רבי יעקב שמשון משפיטיווקא** זי"ע, הרה"ק **רבי זאב וואלף מטשארני אוסטראה** זי"ע.

זכותו הגדול יגל עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין ספר שבחי הבעש"ט ווערט דערציילט**, אז איידער דער הייליגער צדיק רבי מענדלע מפרמישלאן זי"ע איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל, איז ער געקומען צום הייליגען צדיק **רבי יעקב יוסף בעל תולדות יעקב יוסף מפולנאה** זי"ע, כדי זיך מיט אים צו געזעגענען פאר דער גרויסער רייזע, און ער איז דארט געבליבן אויף שבת.

ווערט געברענגט, אז דער צדיק רבי מענדלע איז דאך געווען א גרויסער עניו און האט נישט געוואלט מען זאל אים מכבד זיין, און דערפאר האט ער לכתחילה געוואלט איינשטיין אין א פשוטע גאסט הויז, אבער דער צדיק דער הייליגער תולדות האט דעם צדיק רבי מענדלע אריינגענומען אין א חשובע שטוב, **און האט אים מכבד געווען צו דאווענען די תפילות פארן עמוד, און דער הייליגער תולדות האט גאר שטארק מפליא געווען זיין געוואלדיגע עבודת התפילה.**

• • •

**ווערט געברענגט אין שבחי בעש"ט**, אז ווען דער צדיק רבי מענדלע איז שוין אוועקגעפארן, איז אנגעקומען דער צדיק **רבי דוד מליניץ** זי"ע, וואס האט אויך געטראכט צו פארן קיין ארץ ישראל, און ער האט געוואלט זיך טרעפן מיטן צדיק רבי מענדלע, אבער ער האט אים שוין נישט געטראפן אין פולנאה, און דער רבי דוד איז איבערגעבליבן איבער נאכט ביים הייליגען תולדות.

רבי דוד רעדענדיג צום הייליגען תולדות, האט דער הייליגער תולדות זי"ע זייער געלויבט דעם צדיק רבי מענדלע'ס דאווענען, און האט אזוי געזאגט, "**אויך איך בין געווארן ווי א פשוט'ער איד פון די המון עם, און האב פארגעסן דעם דרך התפילה, און דער צדיק רבי מענדלע האט מיך דערמאנט דעם דרך התפילה**", און דאס איז געווען א גרויסע פלא, ווייל דער הייליגער תולדות האט זיך אמאל אויסגעדריקט ווען ער האט איבערגעגעבן דעם עמוד פאר א אנדערע צדיק בזה"ל, "**אויף אייביג וועל איך חרטה האבן, וואס איך האב זיי איבערגעלאזט דאס דאווענען**", אבער אנדערש איז געווען דאס דאווענען פון רבי מענדלע זי"ע.

• • •

**אין ספר שבחי הבעש"ט ווערט דערציילט**, אז בשעת דער צדיק רבי מענדלע איז געווען ביים הייליגען תולדות זי"ע, האט ער זיך באקלאגט פארן הייליגען תולדות, אויף דעם גרויסן כבוד וואס מען טוט אים אן, ווייל ווען ער איז געקומען קיין קאנסטאנטין ישן, איז די גאנצע שטאט ארויסגעגאנגען אים מקבל פנים זיין מיט גרויס כבוד.

האט דער צדיק רבי מענדלע געזאגט פארן הייליגען תולדות, "**דער כבוד ליגט אויף מיר ווי א שווערע משא**", האט אים דער הייליגער תולדות געענטפערט, "**אז דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע פלעגט שטענדיג מתפלל זיין**, "**אז מען זאל אויף אים רעדן גנות**", האט דער צדיק רבי מענדלע געזאגט, "**אז אויך ער האט שוין געטראכט פון אזא עצה**", אבער דאס ברענגט ארויס זיין געוואלדיגע עניוות, אז עס האט אים באמת ווי געטון ווען מען האט אים מכבד געווען אין געגעבן כבוד.

• • •

**אין ספר חיבת הארץ איז אפגעדרוקט** דער איינציגער קורצער בריוו וואס איז געבליבן פונעם צדיק רבי מענדלע מפרמישלאן זי"ע פון ארץ ישראל, ער האט דעם בריוו געשריבן צו זיין ברודער, הרה"ק **רבי צבי מזלאטשוב** זי"ע, וועלכער איז נאך געזעסן אין חוץ לארץ.

דארט שרייבט דער צדיק בזה"ל, "**הנה עד מתי אתה יושב בחוץ לארץ, ואתה שומע לקול המדברים סרה על ארץ הקודש הזאת, אשר כל חללי עלמא כלא נחשבו עליה, צריך להתפלל תפילות הרבה להרגיל קדושתה, ואזי ידע לחבב בעצמו שהוא הולך עם אלקים**", אויף אידיש, "**ביז ווען וועסטו נאך זיצן אין חוץ לארץ, און צוהערן צו די וואס רעדן שלעכטס אויף דעם הייליגן לאנד, א לאנד וואס די גאנצע וועלט איז גארנישט קעגן איר, מען דארף פיל מתפלל זיין, כדי צו פילן איר קדושה, און דאן וועט מען אליין פארשטיין און שעצן, אז מען גייט דא מיטן אייבערשטן**".

• • •

**אין ספר יושר דברי אמת שרייבט דער תלמיד** הרה"ק רבי משולם פייבוש העליר מזבאריזש זי"ע, אז ער האט נישט זוכה געווען צו זען **דעם הייליגן בעל שם טוב אליין**, נאר זיין'ס א תלמיד **דעם הייליגן מגיד ממזריטש רבי דוב בער** זי"ע האט ער זוכה געווען צו זעהן, און ער שרייבט בזה"ל, "**ואף כמה פעמים הייתי לפני האשל הגדול האלקי רבי מנחם מענדל מפרעמישלאן**".

און ווייטער אין ספר שרייבט ער, אז אלעס וואס ער שרייבט דארט האט ער געהערט פון זיינע הייליגע רבי'ס, "**אשר ידענו כי הם בעלי רוח הקודש, ומקצתם שהיה להם גילוי אליהו ז"ל, כמו הבעש"ט ותלמידו מו"ה דוב בער ז"ל ומו"ה מנחם מענדל ז"ל**", אידיש, "**מיר ווייסן אז זיי זענען געווען בעלי רוח הקודש, און טייל פון זיי האבן געהאט גילוי אליהו, ווי דער בעל שם טוב, זיין תלמיד ר' דוב בער, און ר' מנחם מענדל**".

און ער שרייבט, אז ער אליין האט די זאכן אויך פריער פארשטאנען, אבער ער האט נישט געהאט דערפון קיין הנאה, ביז ער האט זיי געהערט פון זייער מויל, און ווען ער האט זיי געהערט פון זיי, **זענען די ווערטער אים אזוי פעסט איינגעקניפט געווארן אין הארץ, ווי ער וואלט זיי מקבל געווען פון די חכמי המשנה אליין.**

• • •

**אין ספר יושר דברי אמת ווערט דערציילט**, אז אין יענעם דור פון דעם צדיק רבי מענדלע מפרמישלאן זי"ע זענען געווען אסאך **לצים און מקנאים**, וועלכע האבן געזוכט צו פארשווארצן דעם נאמען פון די אמת'ע צדיקים, און האבן אויף זיי אויסגעטראכט שקרים און כזבים.

און אפילו אויף איינעם אין וועמען מען האט נישט געקענט געפינען קיין שום פגם, אזוי ווי דער צדיק **רבי מנחם מענדל מפרמישלאן** זי"ע, האבן די מלעיגים געזאגט, "**ער איז טאקע א צדיק, אבער ער איז א גרויסער בעל גאוה**", און אזוי אויך האבן זיי ליידער געערדט אויפן הייליגן מגיד, און זיין תלמיד שרייבט, "**אז דאס אלעס קומט נאר פון דעם יצר הרע און פון קנאה, ווייל ווען זיי וואלטן אליין באמת אנגעהויבן צו דינען דעם אייבערשטן, און וואלטן כאטש איין רגע געהאט אמת'ע יראת שמים, וואלטן זיי געזען ווי ווייט זיי זענען נאך, און וואלטן אליין נאכגעלאפן די צדיקים, זיי זאלן זיי לערנען דעם דרך השם**".

• • •

**אין ספר יושר דברי אמת דערציילט** דער תלמיד רבי משולם פייבוש זי"ע, "**ושמעתי זה מפיו הקדוש**", **איך האב עס געהערט פון זיין הייליגן מויל**,

אז זיין רבין דער צדיק רבי מנחם מענדל זי"ע האט אים געזאגט אין נאמען פונעם בעל שם טוב זי"ע, דעם פשט אין דער משנה (אבות ו, א), "**הלומד תורה לשמה זוכה לדברים הרבה**".

"**תורה לשמה**", האט ער מסביר געווען, הייסט ווען מען לערנט מיט א דביקות אינעם בורא יתברך שמו, און "**זוכה**" קומט פון לשון "**זיכוך**" לויטער מאכן, דאס מיינט, אזא מענטש קען מזכך זיין אפילו אסאך דיבורים פון חול, ווייל פארוואס רופט מען די פשוט'ע רייד "**דברים בטלים**", ווייל זיי זענען בטל אן א חיות, ווייל זיי זענען נישט קיין דברי תורה, **אבער דער וואס איז דבוק אינעם אייבערשטן, קען אפילו אזעלכע ווערטער מזכך זיין און זיי געבן א חיות, דורך זיין דביקות און זיין הויכע חכמה**.

• • •

**אין ספר יושר דברי אמת ווערט געברענגט א שיין משל**, וואס וואס ער האט נאכגעזאגט אין נאמען פון זיין רבי'ן דער צדיק רבי מענדל מפרמישלאן זי"ע, וועגן א תפילה **וואס מען זאגט מיטן מויל און די מחשבה איז ווייט דערפון**.

דער משל, "**ווען א גרופע מענטשן גייען צופוס צוזאמען צו א געוויסן ארט, און אויפן וועג ווערט איינער פון זיי קראנק, און זיי מוזן ווייטער גיין, וועלן זיי אים זיכער נישט איבערלאזן דארט פארלוירן, אויב ער קען נישט גיין אליין, נעמען זיי אים אונטער די ארעמס און פירן אים מיט, אבער אויב, חלילה, איינער פון זיי שטארבט, וואס טויג זיי א מת, מען באגראבט אים דארט און מען גייט ווייטער**".

דער נמשל, "**אויב דער דיבור פון דער תפילה איז כאטש צוזאמען מיט דער מחשבה, אפילו אן קיין גרויסע דחילו ורחימו, איז ער ווי א קראנקער וואס האט נאך אביסל חיות, און די צדיקים נעמען אים מיט ארויף לשמי מרומים, אבער א דיבור אן שום מחשבה איז ווי א מת, חלילה, און מעןווארפט אים אוועק**".

• • •

**אין ספר יושר דברי אמת שרייבט דער צדיק רבי משולם פייבוש זי"ע** פאר זיינ'ס א חבר, וועגן די תפילות פון **ראש השנה און יום כיפור**, און דער צדיק שרייבט, די עולם, זאגן די תפילות מיט גרויס התעוררות, אבער דעם גאנצן כח לייגן זיי אריין אין די פיוטים און אין די אלע תפילות פונעם מחזור, **אבער די סדר'דיגע תפילות, ווי פסוקי דזמרה, קרבנות, קריאת שמע און שמונה עשרה, זאגן זיי אין א לויף, פונקט ווי א גאנץ יאר**, און זיי ווייסן נישט, אז דאס איז דער עיקר, און יענץ איז נאר א תוספת, און א תוספת ווערט נישט מקובל אן דעם עיקר.

און דער צדיק רבי משולם פייבוש שרייבט צו זיין חבר, "**ואתה ידעת זה מעיקרא מעצמך, ממנהג הקדוש מו"ה מנחם מענדל זלה"ה מפרעמישלאן, שעשה העיקר עיקר**", אויף אידיש, "**דו ווייסט עס דאך אליין, פון דעם מנהג פונעם הייליגן רבי מנחם מענדל פון פרעמישלאן, וואס האט געמאכט דעם עיקר פאר עיקר**", ובפרט אין אזא נורא'דיגן טאג דארף מען מוסר נפש זיין אויף דער כוונה פון יעדע תיבה און יעדן אות.

• • •

**אין סיפורי מעשיות**, דערציילט דער הייליגער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע א מעשה מיט "**א צדיק**", און די ברסלב'ער זקנים האבן מקבל געווען, אז דער צדיק איז געווען **רבי מענדלע מפרעמישלאן** זי"ע, דער תלמיד פונעם בעל שם טוב זי"ע.

אויף דעם צדיק איז אמאל אנגעפאלן **א גרויסע עצבות און כבדות**, אזוי שטארק, אז ער האט זיך ממש נישט געקענט רירן פון ארט, ער האט געוואלט זיך משמח זיין, אבער מיט וואס ער האט נאר געוואלט זיך משמח זיין, האט אים דער בעל דבר אין דעם אויך געוויזן אן עצבות, ביז ער האט אנגעהויבן זיך משמח זיין מיט דעם, **וואס דער אייבערשטער האט אים באשאפן א איד "שלא עשני גוי"**, ווייל דאס איז נאר די טובה פונעם אייבערשטן, און נישט זיין אייגענע אויפטו, און אין דעם קען מען קיין שום חסרון נישט געפינען.

אזוי האט זיך יענער צדיק משמח געווען ביסלעכווייז, ביז ער איז געקומען צו אזא גרויסע שמחה, ווי משה רבינו ע"ה האט געהאט ווען ער איז ארויף נעמען די לוחות, און אינמיטן דער שמחה איז ער געפלויגן אין די עולמות טויזנטער פרסאות, ווען ער האט זיך געכאפט און געזען אז ער איז אזוי ווייט פון זיין ערשטן ארט, האט ער געהאט גרויס צער, ווייל ער האט געמיינט, אז ער וועט אראפפאלן אין אן אנדער ארט, און אלע וועלן זיך וואונדערן וואו ער איז פארשוואונדן געווארן,

און א צדיק וויל דאך שטענדיג זיין א "**הצנע לכת**", פארבארגן.

ווען די שמחה האט ביסלעכווייז אויפגעהערט, איז ער אראפגעקומען, און האט זיך געטראפן ממש אויף זיין ערשטן ארט, ער האט זיך גארנישט אפגערוקט, נאר אפשר א חוט השערה, און מען האט אים געוויזן פון הימל, **אז אזוי טייער איז ביים אייבערשטן א קליינע באוועגונג וואס א מענטש באוועגט זיך אויף דער וועלט אין עבודת השם, אפילו ווינציגער ווי א חוט השערה, אז טויזנטער עולמות און פרסאות זענען נישט כדאי קעגן דעם**.

• • •

**אין ספר שבחי הבעש"ט ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי מענדעלע מפרמישלאן זי"ע איז אין זיינע יונגע יארן געווען א גרויסער למדן און מתמיד, אבער ער איז בכלל נישט געווען נאנט צו חסידות, איינמאל איז ער געפארן קיין מעזיבוז צו זען דעם בעל שם טוב הקדוש.

ווען ער איז אריין צום בעש"ט, האט אים דער בעש"ט אנגעקוקט און געזאגט, "**איך זע אויף דיין שטערן אז דו האסט זיך פארטיפט אין א געוויסער שווערער סוגיא אין ש"ס און דו האסט דארט א גרויסע קשיא**", און דער בעש"ט האט אים אויפ'ן פלאץ אויסגערעכנט די גאנצע סוגיא, די פונקטליכע קשיא וואס האט אים געבאדערט, און האט עס פארענטפערט מיט א געוואלדיגע בהירות.

דער צדיק רבי מענדעלע איז געווארן איבערגענומען ביז גאר **פון דער רוח הקודש און דער גאונות פונעם בעש"ט**, און פונעם יענעם טאג איז ער געווארן איינער פון די גרעסטע און געטרייסטע תלמידים.

• • •

**אין ספר דרכי ישרים ווערט געברענגט**, אז ווען דער צדיק רבי מענדעלע מפרמישלאן זי"ע איז געווען מגיד אין שטאט פרעמישלאן, האט מען איינמאל געכאפט א גנב אין שטעטל, די שטאט-לייט האבן געוואלט באשטראפן דעם גנב מיט א גרויסן קנס (געלט-שטראף), און מיט יענע געלט באצאלן די שכירות פאר'ן רבי'ן, ווייל די קהילה האט געהאט חובות און ס'איז נישט געווען פון וואו צו באצאלן.

ווען דער צדיק רבי מענדעלע האט דאס געהערט, האט ער בשום אופן נישט מסכים געווען אנצונעמען די געלט, און ער האט געזאגט, "**איך וויל נישט אז מיין פרנסה זאל קומען פון חטאים און עבירות פון א צווייטן איד, עס פאסט נישט פאר אן ערליכן איד צו געניסן פון א חטא**", ער איז ענדערש געבליבן הונגעריג און אין גרויס דחקות, אבי נישט צו נעמען די סארט געלט.

• • •

**אין ספר פרי הארץ ווערט דערציילט**, אז אין יאר תקל"ז האט דער צדיק רבי מענדעלע מפרמישלאן זי"ע באשלאסן ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל צוזאמען מיט הרה"ק רבי מנחם מענדל מוויטעבסק זי"ע און רבי נחמן מהורדענקא זי"ע, די רייזע איז געווען פול מיט גרויסע שווערקייטן און סכנות.

אויפ'ן שיף האט אויסגעבראכן א שרעקליכער שטורעם, און אלע מענטשן אויפ'ן שיף האבן שוין מורא געהאט אז מען גייט חלילה אונטערגיין, דער צדיק רבי מענדעלע פרעמישלאנער איז געשטאנען מיט א פולקאמע רואיגקייט און האט מתפלל געווען צום באשעפער מיט א שטארקע דביקות.

ער האט בארואיגט די ארומיגע און געזאגט, **אז בזכות די מצוה פון עולה זיין קיין ארץ ישראל וועט גארנישט פאסירן**, נישט לאנג דערנאך האט זיך דער ים בארואיגט, און אלע האבן געזען זיין גרויסן כוח פון אמונה און בטחון.

• • •

**אין ספר יושר דברי אמת דערציילט זיין תלמיד** דער צדיק רבי משולם פייבוש זי"ע, אז אין טבריה האט זיין רבי דער צדיק רבי מענדעלע מפרמישלאן זי"ע געוואוינט אין גרויס ארימקייט, אבער זיין הויז איז שטענדיג געווען אפן פאר יעדן איד, זיין גאנצע הנהגה איז געווען אויסגעארבעט אויף ענווה, צניעות און אהבת ישראל.

און זיין חשוב'ער תלמיד, דער בעל "יושר דברי אמת", ברענגט עטליכע מאל אין זיין ספר, אז דער רבי פלעגט כסדר לערנען מיט זיינע תלמידים, **אז מען טאר קיינמאל נישט קוקן מיט קיין שלעכטע אויג אויף א צווייטן איד, אפילו אויף איינעם וואס זעט אויס פשוט אדער נישט ערליך, נאר מען דארף שטענדיג זוכן די גוטע נקודה אין יעדן מענטש, פונקט ווי ער אליין האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן**.

• • •

**אין ספר עשר עטרות ווערט געברענגט**, אז א איד וואס איז שוין געווען פילע יארן נאך די חתונה און נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, איז געקומען צו לויפן צום צדיק רבי מענדעלע מפרמישלאן זי"ע מיט א צובראכן הארץ און ביטערע בכיות.

דער רבי האט אים אנגעקוקט און געזאגט, "**זיי וויסן, אז קינדער איז נישט מיין אייגענע זאך, נאר א מתנה פונעם אויבערשטן, אבער אז דו וועסט מקבל זיין אויף זיך צו היטן דיין צונג פון רעדן לשון הרע און געבן יעדע וואך צדקה פאר ארעמעלייט אן דעם וואס קיינער זאל וויסן, וועט דער אויבערשטער דיר העלפן**".

דער איד האט אזוי געטון מיט א פולקאמע תמימות, און צום קומענדיגן יאר איז אים געבוירן געווארן א געזונט קינד, און דער צדיק רבי מענדעלע האט זיין גאנץ לעבן געוויזן פאר זיינע תלמידים און חסידים, **אז דורך אפראטעווען אנדערע פון בושות מיטן געבן צדקה און היטן די צונג פון רעדן לשון הרע, ברעכט מען אויף די הימלישע טויערן**.

• • •

**אין ספר סיפורים נוראים ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז א שווער קראנק קינד געפאלן אין א גרויסער סכנה, און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אלע האפענונגען, די מאמע איז געקומען צום רבי'ן מיט טרערן און געבעטן אז ער זאל גוזר זיין א רפואה, דער צדיק רבי מענדעלע האט פארמאכט די אויגן און זיך פארטיפט אין גרויס דביקות.

נאך עטליכע מינוט האט ער געזאגט, "**גייט אהיים, געבט דעם קינד א טרונק פריש וואסער פון קוואל, און דער סכנה וועט אריבערגיין**", די משפחה איז געלאפן אהיים, געגעבן דעם קינד צו טרינקען, און אויפ'ן ארט האט זיך די היץ אראפגעלאזט און דאס קינד האט זיך אנגעהויבן ערהוילן, ביז ער איז געווארן אינגאנצן געזונט, און אלע שטאט-לייט האבן דעמאלט געזען אז דער כוח התפילה פונעם צדיק האט איבערגעדרייט דעם גזר דין.

• • •

**אין ספר שבחי צדיקים ווערט געברענגט א מעשה נורא**, אז א סוחר איז אמאל אנגעקומען קיין פרעמישלאן נאכדעם וואס זיין גאנצע בינטל געלט מיט וואס ער האט געדארפט איינקויפן סחורה איז פארשוואונדן געווארן אינעם קרעטשמע, ער איז געווען אינגאנצן צעבראכן, ווייל ער איז געשטאנען פאר'ן פולקאמען באנקראט, ווען ער איז אריין צום רבי'ן, האט אים דער צדיק רבי מענדעלע געהייסן **בלייבן אין שטעטל אויף נאך א טאג און נישט זאגן פאר קיינעם אז דאס געלט פעלט**.

אין דער זעלבער צייט האט דער רבי געלאזט רופן איינעם פון די איינוואוינער פון שטעטל, און אים געזאגט אונטער פיר אויגן, "**דער באשעפער זעט אלעס, און די געלט וואס ליגט באהאלטן אונטער דיין שטרויענעם בעט וועט דיר נישט ברענגען קיין ברכה נאר צרות**", יענער מענטש איז דערציטערט געווארן פון גרויס פחד, אז דער רבי ווייסט פונקטליך וואו די גניבה ליגט, ער האט גלייך מודה געווען, צוריקגעגעבן יעדע פרוטה, און דער סוחר איז אפגעראטעוועט געווארן פון גרויס אונטערגאנג.

**יארצייט כ"ב תשרי שמיני עצרת**

**הרה"ק רבי מנחם גרשון ב"ר דוד זי"ע, (גרינוואלד)**
**בעל מרגליות טובה, אב"ד קערעסטיר**

ער איז געבוירן אין שטאט אונגוואר, **בשנת תקע"ח.**

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי דוד גרינוואלד** זי"ע, (מגדולי תלמידים המחצית השקל זי"ע),
אין די משפחה איז מקובל, אז די משפחה איז מצאצאי **רבינו יהודה החסיד** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת שרה** ע"ה.

ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד, און א גאון ובקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען באוויסט אלס א בעל מקובל נורא און פון די צדיקים נסתרים בדורו, גאר אסאך צדיקים בדורו האבן מעיד געווען אויף זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה און פרישות, רוב פון זיין לעבן האט דער צדיק עוסק געווען בתורה און עבודת השם מיט א געוואלדיגע הצנע לכת און זיך באהאלטן פון אלע ארום, אפילו זיינע אייגענע קינדער האבן נישט געוויסט זיין גדלות און בקיאות התורה, ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה פון רוב צדיקי הדור.

ער האט מקבל געווען זיין תורה און דרך אין עבודת השם פון גרויסע גדולים וגאונים בדורו ובתוכם.

הגה"ק **רבי צבי הירש הלר הנקרא רבי הירש חריף מאונגוואר** זי"ע,
הגה"ק **רבי מאיר א"ש בעל מהר"ם א"ש אב"ד אונגוואר** זי"ע.

ער איז געווען גאר שטארק בידודות מיטן צדיק הרה"ק **רבי צבי הירש בעל אך פרי תבואה מליסקא** זי"ע, און די צוויי צדיקים האבן גאר אסאך עוסק געווען בתורה, און אויך אין גאר געהייבענע זאכן, און דער צדיק מליסקא האט מעיד געווען אויפן גדלות בתורה און קדושה פון דעם צדיק רבי מנחם גרשון זי"ע.

זיין רבו מובהק בתורת הנגלה איז געווען דער צדיק הרה"ק **רבי מאיר מפרמישלאן** זי"ע, און ביי דעם רבין האט זיך דער צדיק מסתופף געווען יעדעס יאר **פון ראש השנה ביז נאך חנוכה**, דער צדיק רבי מנחם גרשון איז געווען באוויסט אלס א גאר שיינע און ווארעמע בעל תפלה, און זיין רבי ר' מאיר מפרמישלאן זי"ע האט דעם צדיק גענומען אלס בעל תפילה ימים נוראים, און דער צדיק רבי מאיר'ל האט אים אהין געגעבן זיין סידור וואס ער האט אליין געשריבן אז ער זאל אין דעם דאווענען, און דער צדיק רבי מאיר'ל האט זיך אמאל אויס גערדיקט אויפן צדיק בזה"ל, "**דער וואס קען גוט, אז ישיר, קען גאנץ חכמת הנגינה**".

אין ספר **מרגליות טובה** ווערט געברענגט, אז דער צדיק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע האט סוף ימיו געוואלט אויף נעמען דעם תלמיד רבי מנחם גרשון זי"ע אלס דער ממלא מקום אין פרעמישלאן, אבער דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות און ווילענדיג בלייבן באהאלטן, האט בשום אופן נישט געוואלט דאס נעמען.

אבער מיט דעם אלעם האבן רוב צדיקי הדור זייער משבח געווען דעם צדיק און זיין געוואלדיגע כח הקדושה, אויך האבן די צדיקים בדורו מעיד געווען, **אז דער צדיק איז א גרויסע פועל ישועות**, ובתוכם **דער הייליגער דברי חיים מצאנז** זי"ע, וואס ווען אידן זענען צו אים געקומען פון אונגארין, האט ער זיי געפרעגט מיט וואונדער, ו**אס קומט איר אלע צו מיר, איר האט דאך ביי אייך אין אונגארין דעם צדיק וקדוש רבי מנחם גרשון מקערעסטיר זי"ע**.

תורת הקבלה האט דער צדיק רבי מנחם גרשון זי"ע געלערנט ביים צדיק הרה"ק **רבי משה טייטלבוים בעל ישמח משה מאוהעל** זי"ע, און ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה יתירה פונעם הייליגען ישמח משה זי"ע, וואס האט גאר שטארק מפליא געווען זיין בקיאות בתורה און זיין געוואלדיגע התנהגות דקדושה.

בשנת תר"ג האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת צפורה** ע"ה,
בת **הרבני התורני מוה"ר יחיאל שרגא שטארק מליאוואר** ז"ל.

דאן האט זיך דער צדיק געצויגן קיין **אונגוואר**, דארט האט דער צדיק ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, אפילו דער צדיק האט כסדר פראבירט צו באהאלטן זיין גדלות בתורה און זיין גרויסע כח פון פועל'ן ישועות, האבן זיך אבער דאן שוין מדבק געווען אין דעם צדיק גאר אסאך אידן יראים ושלימים, און האבן געשעפט תורה און קדושה פון דעם צדיק וקדוש.

בשנת תר"ח האט מען אויף גענומען דעם צדיק אלס רב אין שטאט **קעמעטשע**, דארט האט ער געדינט אלס רב פאר בערך א יאר, און בשנת תר"ט האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט **קערעסטיר**, און דארט איז ער שוין געבליבן ביז צו זיין הסתלקות.

הרה"ק רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע האט גאר שטארק גערעדט פון די גדלות און קדושה פון דעם צדיק רבי מנחם גרשון זי"ע, און ער האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן צדיק בזה"ל, **"כי ל"ו נאה, כי ל"ו יאה"**, און צדיקים האבן פון דעם פארשטאנען, אז דער צדיק רבי מנחם גרשון **איז געווען פון די ל"ו צדיקים בדורו**.

גרויס גדולים וצדיקי הדור זענען געווען תלמידים פון דעם צדיק וקדוש ובתוכם.

הרה"ק **רבי שמואל קאמאדער אב"ד דאראג** זי"ע,
הרה"ק **רבי הירצקא מראצפערט** זי"ע,
הרה"ק **רבי ישעי' זילבערשטיין בעל מעשי למלך אב"ד ווייטצען** זי"ע.

זיינע הייליגע דברי תורה איז געדריקט געווארן אינעם **ספר מרגליות טובה**.

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיינע קינדער.

הרה"ק **רבי יחיאל שרגא שו"ב מטשאבאי** זי"ע, חתן הרה"צ **רבי יקותיאל הכהן ווייסבערג** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד שו"ב בלאגמיץ** זי"ע, זיין רעבעצין **הצדקת מרת מרים** ע"ה האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע אריכת ימים דורך א ברכה פונעם **הייליגען דברי חיים מצאנז** זי"ע,
הרה"ק **רבי מאיר צבי הערש** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת אסתר** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יהושע בריסק אב"ד טיסא-דאדא** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת יוטא** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יעקב פרץ פריעדמאן אב"ד אודווארי** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת טויבא** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יעקב ברוך גפן בעל אותיות מחכימות** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת הדס** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי מנחם ב"ר יהודה כהנא** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת שרה רבקה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי משה פעלדמאן שו"ב נייפעסט** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ב תשרי שמיני עצרת בשנת תר"ל**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **קערעסטיר**, סמוך ונראה צום אוהל הקדוש פון דעם צדיק הרה"ק **רבי ישעי'לע מקערעסטיר** זי"ע, און מען דערציילט, אז דער צדיק רבי ישעי'לע פלעגט כסדר ארויף גיין זיך משתטח זיין על ציון קדשו פון דעם צדיק **ובפרט ערב ראש חודש**, זאגענדיג **אז ער איז געווען פון די צדיקים נסתרים בדורו**, אויך ליגט ממש נעבן דעם צדיק הרה"ק **רבי חיים ב"ר יחיאל מיכל הבעש"ט מקערעסטיר** זי"ע.

זכותו הגדול יגל עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין ספר מרגליות טובה ווערט געברענגט**, א מעשה וואס דער זון הרה"ק **רבי יחיאל שרגא שו"ב מטשאבאי** זי"ע האט מיט געהאלטן זייענדיג באהאלטן בשעת מעשה, אז איינמאל איז דער צדיק רבי מנחם גרשון זי"ע געווען אין שטאט שפאלע צוזאמען מיטן צדיק וקדוש **רבי הערשעלע ליסקער** זי"ע, און די צוויי זענען געזעצן אויפן גאס און צוזאמען עוסק געווען אין דברים נשגבים, איז צו זיי צו געקומען א פרוי א אלמנה מיט איר קינד א יתום וואס איז שוין געווען 12 יאר אלט, א**בער ליידער האט דער קינד געליטן פון א מחלה וואס צוליב דעם האט דער קינד נישט גערעדט אפילו זייענדיג שוין 12 יאר אלט**.

און דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע האט געזאגט פארן צדיק רבי מנחם גרשון זי"ע, אז די פרוי קומט שוין צו אים פאר איבער צוויי יאר און איז מזכיר דעם קינד, אז ער זאל שוין האבן א רפואה, און דער צדיק מליסקא האט פאר די פרוי געהייסן קומען דא צו אים אין שפאלע, האט דער צדיק רבי הערשעלע געהייסן פאר די פרוי, אז זי זאל אוועק גיין פאר בערך א האלבע שעה און דאן זאל זי צוריק קומען.

דאן האט דער צדיק רבי הערשעלע געבעטן דעם צדיק רבי מנחם גרשון, **אז ער זאל פועל'ן א ישועה פאר דעם קינד**, דער צדיק רבי מנחם גרשון האט אנגעהויבן לאכן און געזאגט, וואס ווילט איר פון מיר, איך בין סך הכל א רב אין שטאט קערעסטיר, אבער איר זענט א גרויסע רבי אין שטאט ליסקא, איז פארוואס בעט איר מיך אז איך זאל פועל'ן א ישועה.

האט רבי הערשעלע ליסקער זי"ע געזאגט פארן צדיק, **איך ווייס יא דעם סוד, אז איר זענט פון די צדיקים נסתרים פונעם דור, און איר קענט פועל'ן א**

**ישועה פארן קינד, נאר איר האט מורא אז עס וועט מפורסם ווערן, דערפאר זאג איך אייך צו, אז עס וועט נישט מפורסם ווערן אייער גדלות און צדקות, אבער פועל'ט שוין א ישועה פאר די צובראכענע אלמנה און איר קינד די יתום.**

ווען די אלמנה איז צוריק געקומען, האט דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע גענומען דאס קינד, און האט אים אראפ געלייגט ביי די פיס פונעם צדיק רבי מנחם גרשון, און דער צדיק האט ארום געקוקט פון אלע זייטן צו מאכן זיכער אז קיינער האלט נישט מיט, און דאן האט ער דעם קינד גענומען צו זיך אין די האנט, און ער האט אריבער געפירט זיינע הייליגע הענט **אויפן אויער, אויפן קאפ, און אויפן פנים, און דער צדיק האט געפרעגט פונעם קינד, דא טוט דיר וויי, אדער דא טוט דיר וויי.**

דאן האט דער צדיק גלייך א שטיפ געגעבן פארן קינד און געזאגט, **עס פעילט דיר דאך גארנישט די בוסט דאך געזונט און שטארק, עס מיז זיין אז עס איז נאר געווען א דמיון אז די בוסט נישט געזונט**, לפלא איז דער קינד תיכף ומיד נשתנה צורה געווארן, און ער האט אנגעהויבן גיין און רעדן כאחד אדם, פארשטייט זיך אז עס איז נישט געווען קיין גרעניץ צו די שמחה פון די אלמנה, אז איר זון איז אויס געהיילט געווארן, און זי האט אנגעהויבן באדאנקען דעם צדיק מליסקא, אויף די נס פון היילן איר קינד.

אבער דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע האט גלייך געזאגט פאר די מאמע, **פארוואס שרייט איר און איר זענט מפרסם די מעשה, עס קען נאך ח"ו שולט זיין א עין הרע אויפן קינד**, און דער צדיק רבי הערשעלע כדי ער זאל קענען פאר דעקן דעם מופת, האט געזאגט פאר די פרוי, די סיבה פארוואס איך האב דיר געהייסן קומען דא אויף דעם פלאץ איז, ווייל דא אויף דעם פלאץ איז די ליפט גאר ריין, און דערפאר האב איך דיר קודם געזאגט צוריק צו קומען נאך א האלבע שעה, ווייל די ליפט איז נאכנישט געווען גענוג ריין, **אבער דא האט קיין מופת נישט פאסירט, נעמט אייער געזונט קינד און גייט אהיים לחיים ולשלום.**

• • •

**ווערט געברענגט אין ספר מרגליות טובה**, אז דאס ערשטע מאל וואס דער צדיק רבי מנחם גרשון מקרעסטיר זי"ע איז געפארן צוזאמען מיט זיין ידיד נפשו הרה"ק **רבי הערשעלע ליסקער** זי"ע, זיך מסתופף זיין בצלו פון זיין רבין **ר' מאיר'ל מפרמישלאן** זי"ע, זענען זיי געווען אויף א שבת ביים צדיק אין פרעמישלאן, **אבער עס האט זיי נישט גלייך געפאלן די עבודת הקודש ביים צדיק רבי מאיר'ל, און גלייך נאך שבת זענען די צוויי צדיקים אהיים געפארן מיטן מחשבה, נישט צוריק צו קומען קיין פרעמישלאן.**

אבער לפלא גלייך נאכן אהיים קומען, האט דער צדיק רבי מנחם גרשון זי"ע געשפירט, אז דאס דאווענען און לערנען איז שוין נישט אזוי ווי בעפאר, און ער האט געשפירט **אז ער האט פארלוירן זיינע מדרגות**, און ווען ער האט זיך געטראפן מיט זיין ידיד רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, האט אים דער צדיק מליסקא געזאגט, **אז ביי אים האט דאס אויך פאסירט**, האבן די צוויי צדיקים גלייך פארשטאנען, אז דאס איז זיכער געקומען פון די הקפדה פונעם צדיק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע.

זענען די צוויי צדיקים צוריק געפארן קיין פרעמישלאן, און לפלא אזוי ווי די צוויי זענען אריין געקומען אין שטוב פונעם צדיק רבי מאיר'ל, האט דער צדיק זיי געזאגט בזה"ל, "**דער דרך העולם איז, אז אויב עס געפעלט נישט איין מאל, ווארט מען נאך א שבת, אבער איר זענט גלייך אוועק געפארן, אבער וואס זאל מאיר'ל טון אז ער דארף די מרגליות טובות, האט ער צו גענומען א משכון, אבער יעצט נאט אייך צוריק דעם משכון**", און לפלא פון דאן האבן די צוויי צדיקים צוריק באקומען זייערע מדרגות, און זענען שוין געבליבן זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק רבי מאיר'ל זי"ע.

• • •

**דער זון הרה"ק רבי דוד לאגמיצער זי"ע האט דערציילט**, אז נאכן הסתלקות פונעם טאטן איז ער אמאל אריבער געפארן דעם שטאט **קאמארנא**, און ווען ער איז אריין צום צדיק הרה"ק **רבי יצחק אייזיק יהודה יחיאל בעל היכל הברכה מקאמרנא** זי"ע, האט זיך דער צדיק מקאמארנא אויף געשטעלט פאר אים מלא קומתו און געזאגט בזה"ל, "**אייער טאטע איז געווען א צדיק הדור**".

ווען דער הייליגער קאמארנער האט געזען, ווי דער זון רבי דוד'ל וואונדער זיך אזוי פון ווי ער ווייסט אז זיין טאטע איז געווען א צדיק הדור, ווייל דער זון האט דאך געוויסט אז די טאטע האט זיך זיין גאנץ לעבן באהאלטן און געווען א נחבא אל הכלים און קיינמאל נישט ארויס געוויזן זיין צדקות, איז פון ווי ווייסט דער צדיק מקאמארנא אז דער טאטע איז געווען א צדיק הדור, האט דער הייליגער היכל הברכה מקאמארנא געזאגט בזה"ל, "**וואס מיינט איר, די וועלט שלאפט, מען ווייסט נישט וואס עס טוט זיך**".

**יארצייט כ"ג תשרי שמחת תורה**

**הרה"ק הגביר רבי יעקב ב"ר יצחק זי"ע, (פיש)**
**ראש הקהל מקאלוב, ויד ימינו של רבי אייזיקל**
**מקאליב זי"ע**
**"הנקרא ר' יענקעלע פיש"**

ער איז געבוירן אין שטאט זבלוטוב, **בערך בשנת תפ"א**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי יצחק מזאבליטוב** זי"ע.

און צו זיין מאמע הצדקת בת הרה"ק **רבי יצחק אשכנזי** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אפרים מקיטוב** זי"ע, (חמיו של **הבעש"ט הקדוש** זי"ע).

ווי עס איז מקובל פון צדיקי הדור, האט דער צדיק באקומען א ברכה איינמאל פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע בזה"ל, "**זאלסט דיך מערן ווי פיש**", און פון דאן האט זיך דער צדיק רבי יענקעלע אנגעהויבן ריפן מיטן משפחה נאמען "**פיש**".

ער איז געווען א צדיק אמת און א איש קדוש מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א גאון וגדול בתורה און א בקי נפלא בתורה, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט מיט א מורא'דיגע קדושה און טהרה, ער האט געהאט א געוואלדיגע קרבה יתירה צו אלע צדיקים בדורו.

אידן האבן מעיד געווען, אז דער צדיק האט געהאט גרויסע כוחות און געווען **א פועל ישועות**, אבער דער צדיק האט זיך באהאלטן זיין גאנץ לעבן מיט א געוואלדיגע הסתר, צדיקי הדור האבן מעיד געווען, אז ער איז געווען **א בעל רוח הקודש אמיתי**.

דער צדיק האט זוכה געווען, אז זייענדיג בערך 6 יאר אלט, איז ער איינמאל געווען ביים **הייליגען בעש"ט** זי"ע, און דער צדיק האט דאן באקומען א ברכה פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע בזה"ל, "**זאלסט לעבן וויפיל דו ווילסט**", אז ער זאל האבן **אריכת ימים און עשירות**, און די ברכה איז טאקע מקיים געווארן, דער צדיק האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע אריכת ימים, לויט איין גרסה האט ער געלעבט **113 יאר**, און לויט א אנדערע גירסה האט ער גאר געלעבט **117 יאר**, און ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע **עשירות נפלאה**, ער האט מיט זיין געלט אויס געהאלטן הונדערטער צדיקי הדור, און צדיקים האבן מעיד געווען, **אז דער צדיק האט זוכה געווען אז 80 צדיקי הדור בעלי רוח הקודש זענען איינגעשטאנען ביי אים אין שטוב**.

אויך איז מקובל אז דער צדיק האט לויטן ציווי פונעם בעש"ט זיך אריבער געצויגן צום שטאט קאלוב, און דארט האט ער שפעטער געדינט פאר יארן לאנג אלס דער ראש הקהל.

ער האט געהאט א זכי' **אז קרוב צו 80 צדיקים בעלי רוח הקודש האבן דווקא געוואלט איינשטיין ביי דעם צדיק ווען זיי זענען געקומען קיין קאלוב**, ובתוכם דער הייליגער **קדושת לוי מבארדיטשוב** זי"ע, **רבי לייב שרה'ס** זי"ע, **רבי יהודה צבי מסטרעטין** זי"ע, ער איז געווען זיין גאנץ לעבן א גביר אדיר און האט גאר אסאך געלט אוועק געגעבן פאר די צדיקים וואס זענען געקומען צו אים, אויך איז מקובל אז דער צדיק האט געהאט בירושה **א זאלץ מעסטל פונעם בעש"ט הקדוש** זי"ע.

דער צדיק וקדוש רבי אייזיק'ל מקאלוב זי"ע נאך זיין חתונה, אין דער צייט ווען רבי אייזיק'ל איז אוועק געפארן פון ביי זיך אינדערהיים צו לערנען ביי די הייליגע צדיקים תלמידי הבעל שם טוב הק' זי"ע, יענע צייט זענען די עלטערן פונעם רעבעצין ל"ע פאראַרימט געווארן, און דער מצב הפרנסה אין שטוב פונעם צדיק רבי אייזיק'ל איז געווארן אומדערטרעגליך.

האט אין קאלוב דעמאלט געוואוינט דער גביר הרה"ק רבי יעקב פיש זי"ע, און די רעבעצין פונעם קאלוב'ער האט ביי אים איינגעקויפט אויף בארג, און ער האט במשך די גאנצע צייט באזארגט די שטוב פונעם הייליגען קאלובער מיט אלע געברויכן, אויפ'ן חשבון אז ווען איר מאן וועט אהיימקומען וועט ער שוין באצאלען דעם חוב.

ווען דער הייליגער צדיק רבי אייזיק איז אהיים געקומען אין יאר תקמ"א, האבן אלע אידן פון דער שטאט מפציר געווען, אז ער זאל אן נעמען דאס רבנות אין קאלוב, ער האט זיי אבער אפ געזאגט, טענה'נדיג אז ער וויל נהנה זיין מיגיע כפו און ער וויל בשום אופן נישט אן נעמען קיין רבנות פאסטן.

דאן איז דער צדיק רבי יעקב פיש צו אים צו געשטאנען, און האט געזאגט פארן צדיק רבי אייזיק'ל זי"ע, **אז אויב נעמט ער נישט אהן דאס רבנות, דאן זאל ער אים באצאלען דאס גאנצע געלט וואס ער רבי יעקב פיש האט אויסגעבארגט פאר זיין פרוי במשך דער צייט וואס דער צדיק וקדוש איז נישט געווען אינדערהיים.**

דאן האט דער צדיק רבי אייזיק'ל בלית ברירה אן גענומען דאס רבנות פון קאלוב, ער איז דארט געווען רב פערציג יאר, פון תקמ"א ביז צו זיין הסתלקות, ר' יעקב פיש איז געווען פון די נכבדי העיר, און ער האט אויך אונטער געשריבען אויפ'ן כתב רבנות פון ר' אייזיק'ל, אלס דער ראש הקהל.

ווי עס ווערט דערציילט האט דער קאלובער געגעבן פאר ר' יעקב פיש א ברכה פון **אריכות ימים**, און ווי עס איז מקובל איז דאס געווען ווי פאלגענד, ווי באקאנט האט דער צדיק וקדוש רבי אייזיק'ל מקאלוב זי"ע סוף ימיו ליידער געליטן פון א שווערע מחלה אויף די הויט ל"ע, און דערפאר האט ער נישט געקענט פארנעמען קיין קליידער אויף זיין גוף קדוש.

איינמאל איז דער צדיק רבי יענקעלע פיש זי"ע פלוצלונג אריינגעקומען אין שטוב פונעם צדיק רבי אייזיק'ל זי"ע, און ער האט געטראפן דעם צדיק אן קיין בגדים, און דער צדיק רבי אייזיק'ל האט געפרעגט פון רבי יענקעלע פיש, "**וויאשוי זשע איך אויס**", האט רבי יענקעלע געענטפערט, "**ווי אדם הראשון פאר'ן חטא**", דער צדיק רבי אייזיק'ל האט זייער הנאה געהאט פון דעם ענטפער און געזאגט, "**זשאלסט לאנג לעבן**", און ער האט טאקע געלעבט איבער די הונדערט יאר.

ער האט איבער געלאזט זיין הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי אברהם אביש פיש מקאוב** זי"ע, הנקרא **ר' אבישל נאפקאר**,
הרה"ק **רבי אהרן ישעי' פיש** זי"ע,
חתנו הגה"ק **רבי אברהם אורנשטיין** זי"ע.

ווערט דערציילט, אז ווען דער צדיק איז שוין געווען בערך 113 יאר אלט, און זיין זוהן דער צדיק רבי אביש'ל נאפקאר איז געווען בערך 90 יאר אלט, איז דער צדיק איין טאג ארויף אויף א וואגן צוזאמען מיטן זוהן, און דער טאטע האט געזען, אז עס איז באמת שווער פארן זוהן ארויף צו גיין אויפן וואגן, האט דער צדיק דאן געבעטןביים באשעפער, **אז ער וויל זייער האבן א קדיש זאגער נאך זיין פטירה**, און טאקע נישט לאנג נאכדעם איז דער צדיק נסתלק געווארן, און דער זוהן רבי אבישל האט געזאגט קדיש פאר די קומענדיגע 11 חדשים, און גלייך נאכדעם איז דער זוהן נסתלק געווארן.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ג תשרי שמחת תורה בשנת תר"ד**, ומנחתו כבוד איז אין **ביה"ח החדש אין שטאט קאלוב.**

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**הרה"ק רבי יעקב פיש מקאלוב זי"ע** פלעגט דערציילן די מעשה, ווי דער צדיק וקדוש רבי לייב שרה'ס זי"ע האט אים מציל געווען מיט זיין גרויסע רוח הקודש.

ווי באקאנט איז דער צדיק רבי יעקב פיש זי"ע געווען דער בעל אכסניא פון די צדיקי הדור אין שטאט קאלוב, גרויסע צדיקים פונעם דור ווען זיי זענען געקומען קיין קאלוב, זענען זיי אלע איינגעשטאנען אינעם שטוב פון דעם צדיק רבי יעקב פיש זי"ע, דער צדיק רבי יעקב האט געהאט א פנקס, ווי ער האט פארשריבן די שמות הצדיקים וואס זענען געקומען צו אים אין שטוב, און בתוך די צדיקים האט ער געהאט נעמען פון 80 צדיקים בעלי רוח הקודש.

איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי לייב שרה'ס זי"ע געקומען צום שטוב פון רבי יעקב פיש אין קאלוב, נאך אפאר טאג האט רבי לייב געזאגט פאר רבי יעקב, גיי צום שר המדינה וואס זיין נאמען איז "**קאלא**", און זאג אים אז לייב לאזט דיך רופען, דער צדיק רבי יעקב האט געזאגט פאר רבי לייב, ווי אזוי קען איך אריבער גיין, דער שר האט דאך הינט אינדרויסן פון זיין פאלאץ, האט דער צדיק רבי לייב געזאגט, **איך וועל מיט דיר מיט שיקן איינע פון מיינע שליחים, און אזוי איז דער צדיק רבי יעקב אריבער צום שר.**

בדרך נס איז דער צדיק רבי יעקב אן געקומען אין שטוב פון דעם שר, און ער האט איבער געגעבן

די ווערטער פונעם צדיק וקדוש רבי לייב זי"ע, אזוי ווי דער שר האט געהערט די ווערטער, האט ער גלייך געזאגט, איך גיי שוין אריבער צו אים.

אזוי ווי דער שר איז אנגעקומען צו רבי לייב, האט דער צדיק רבי לייב אריין גענומען דעם שר צו זיך אין שטוב, און זיי האבן אזוי גערעדט א שטיק צייט, אויפן וועג ארויס האט דער צדיק רבי לייב געזאגט פאר דעם שר ווייזענדיג אויף רבי יעקב פיש, "**דאס איז יעקב וואס פארשטייט צו גוטע פערדן, און ווען די ברויכסט א נייע פערד, זאלסטו דעם יעקב נעמען צום יריד**", עס איז געווען א גרויסע פלא פאר רבי יעקב פיש די גאנצע זאך.

אפאר יאר שפעטער בעפאר פסח, די גוים פון שטאט קאלוב וואס זענען געווען גרויסע שונאי ישראל, און האבן נישט פארגינען פאר דעם רבי יעקב אז ער האט אזויפיל געלט, האבן זיי געמאכט צו מאכן א בלבול אויף רבי יעקב, האבן זיי באצאלט געלט פארן יונגען גוי דער משרת אין שטוב פון רבי יעקב פיש, אז דער גוי זאל אוועק פארן אין א ווייטע שטאט, און די גוים האבן געשטעלט עדות פארן געריכט, **אז רבי יעקב האט ר"ל גע'הרג'עט דעם משרת**.

פארשטייט זיך אז מען האט דעם רבי יעקב פיש איינגעזעצט אין תפיסה ביז צו זיין משפט, די משפחה פון רבי יעקב האבן פראבירט וואס זיי האבן געקענט צו ריין וואשן רבי יעקב, און זיי האבן באצאלט א גרויסע סכום געלט, אז מען זאל כאטש ארויס לאזן דעם רבי יעקב פון תפיסה ביז צו זיין משפט.

אינצווישן האט דער שר וואס דער צדיק רבי לייב שרה'ס זי"ע האט געהאט גערעדט צו אים, געברויכט קויפן נייע פערד, איז ער אריבער צו רבי יעקב און געבעטן, אז ער זאל מיט אים קומען קויפן די פערד, אבער ער האט געזען אויף רבי יעקב אז ער איז זייער צובראכן, האט ער געפרעגט פון רבי יעקב וואס עס גייט פאר, האט אים רבי יעקב דערציילט די גאנצע מעשה, אז די גוים האבן געמאכט אויף אים א פאלשע בלבול אז ער האט גע'הרג'עט זיין משרת.

האט אים דער שר געזאגט, אויב בוסטו טאקע אומשילדיג, וועל איך טון אלעס אין מיין כח צו ריין וואשן דיין נאמען און אויף ווייזן דיין גערעכטיגקייט, און דאן איז רבי יעקב געפארן מיט דעם שר צום יריד קויפן זיינע פערדן, אנקומענדיג אין מארק האבן זיי דארט געטראפן דעם משרת פון רבי יעקב ווי ער וויינט, און דער משרת דער גוי האט דערציילט, **אז דער גלח האט אים דא געשיקט קעגן זיין ווילן, כדי ער זאל קענען מאכן דעם פאלשן בלבול אויף זיין בעל הבית רבי יעקב**.

ווען דער שר האט געזען אז דער רבי יעקב איז באמת נישט שילדיג, האט ער אויפן וועג אהיים מיט גענומען דעם משרת, און ער האט אים באהאלטן ביי זיך אין שטוב ביז צום משפט, ביים משפט זענען טאקע געקומען די פאלשע עדים און האבן עדות געזאגט אז רבי יעקב האט ר"ל טאקע גע'הרג'עט זיין משרת, אבער פלוצלונג קומט אריין יענער שר מיטן משרת אין געריכט זאל, פארשטייט זיך אז דער רבי יעקב פיש איז גלייך באפרייט געווארן, און מען האט באשטראפט דעם גלח.

דאן האט דער שר דערציילט פאר רבי יעקב פיש, אז ווען ער איז געווען אין שטוב פון רבי לייב שרה'ס זי"ע, האט ער אים שוין דאן מגלה געווען, אז די וועסט יארן ארום זיין אין א עת צרה, און ער האט מיך באפוילען, אז בשכר וואס די וועסט מיר אייביג העלפן קויפן מיינע פערד, זאל איך דיך ראטעווען ווען די בוסט ח"ו אין א צרה, דאס איז געווען די הייליגע אויגן וואס דער צדיק וקדוש רבי לייב שרה'ס זי"ע האט פארמאגט און געזען זאכן וואס וועט פאסירן אפילו יארן שפעטער נאך זיין פטירה.

• • •

**אין ספר באר יצחק ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אייזיק'ל קאלובער זי"ע פלעגט יעדן ערב שבת קודש **מיט קפיצת הדרך גיין זיך טובל'ן אין די מקו' פונעם אר"י הקדוש זי"ע אין צפת**, איינמאל האט ער מיט גענומען זיין ידיד נפשו דעם צדיק רבי יענקעלע פיש זי"ע קיין צפת ערב שבת קודש, אז ער זאל זיך אויך קענען טובל'ן אין דעם אר"י הקדוש מקו', אבער דער צדיק רבי אייזיק'ל איז צוריק, און האט פארגעסן מיט צו נעמען רבי יענקעלע צוריק קיין קאלוב.

ווען דער צדיק רבי יענקעלע פיש זי"ע איז ארויס געקומען פון מקו', האט ער זיך ארום

געקוקט און נישט געקענט פארשטיין ווי ער איז, האט ער דארט געפרעגט איינעם ווי ער איז, האט אים יענער געזאגט, **אז ער איז יעצט אין צפת ביי די מקו' פונעם אר"י הקדוש**, דער רבי יענקעלע האט זיך שטארק געוואונדערט ווי אזוי ער איז אנגעקומען קיין צפת, אבער מוצאי שבת קודש איז דער צדיק רבי אייזיק'ל צוריק געקומען, און האט אהיים גענומען רבי יענקעלע צוריק קיין קאלוב.

• • •

**איין יאר ערב יום הקדוש** האט דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אייזיק'ל מקאלוב זי"ע געבעטן זיין תלמיד און ידיד נפשו רבי יעקב פיש זי"ע, אז ער וויל ארויס גיין אויף א שפאציר אין זיינע פעלדער, דער רבי יעקב פיש האט זיך גאר שטארק געוואונדערט, וואס וויל דער רבי פונקט יעצט ערב יום הקדוש גיין צום פעלד.

אבער אז די רבי הייסט טוט מען עס גלייך, אזוי גייענדיג אין פעלד ווייזט אים דער צדיק רבי אייזיק'ל זי"ע, אז דארט איז דא א קוואל, דער צדיק איז פלונג אראפ געטאנצן פונעם וואגן, און זיך א טובל געגעבן אינעם קוואל און צוריק אריין געפארן אין שטאט.

שפעטער ווען רבי יעקב פיש האט געפרעגט פונעם צדיק וואס די קוואל איז, ווייל ער גייט שוין אין דעם פעלד פאר יארן און האט קיינמאל נישט געזען אז דארט איז דא א קוואל, האט אים דער צדיק געזאגט, ווי איז געווען דיין שכל, דאס איז געווען '**בארה של מרים**' וואס איז ספעציעל געקומען קיין קאלוב לכבוד יום הקדוש, און דער ברין האט אין זיך גרויסע סגולות ברוחניות ובגשמיות פאר רפואות און ישועות.

• • •

**אין שטאט קאלוב** איז געווען דער ראש הקהל הרה"ק רבי יעקב פיש זי"ע, וואס צדיקי הדור האבן מעיד געווען אז ער איז געווען א גברא רבא, דער בעש"ט הקדוש זי"ע איז געווען א פעטער, און האט אים געבענטשט מיט אריכת ימים, ביי דעם שטוב פון רבי יעקב פיש זענען איין געשטאנען גאר אסאך צדיקים וקדושים, און דער ר' יעקב האט געהאט א פנקס ווי ער פלעגט אריין שרייבן די צדיקים בעלי רוח הקודש וואס זענען געווען ביי אים אין שטוב.

ווען דער הייליגער צדיק וקדוש הרה"ק **רבי יהודה צבי מראזלא** זי"ע איז איינמאל געווען ביי אים אין שטוב, און ווי באוויסט האט דער צדיק געפירט זיין עבודת הקודש מיט א מוראדיגע באהאלטענקייט, דער ר' יעקב האט נישט געוויסט אויב ער זאל דעם נאמען פונעם צדיק אריין שרייבן אין זיין פנקס, אבער דער צדיק האט גלייך מרגיש געווען זיין מחשבה און בתוך הדברים געזאגט פאר ר' יעקב, "**קענסט מיך אויך אריינשרייבן**".

• • •

**אין ספר אביר הרועים ווערט דערציילט**, אז איין שמחת תורה האט דער הייליגער צדיק רבי אייזיק'ל מקאליב זי"ע געטאנצט מיט א ספר תורה מיט אזא ברען, ביז זיינע כוחות זענען שוואך געווארן, דער צדיק רבי יעקב פיש זי"ע, וואס איז געווען א נאענטע מקורב און דער גביר פון שטאט קאלוב, האט געזען ווי דער רבי גייט ח"ו כמעט פאלן פון גרויס שוואכקייט, איז רבי יענקעלע גלייך צוגעלאפן, און ער האט אויפגעהויבן דעם רבי אייזיק'ל, און אפגעהיטן אז דער רבי מיטן ספר תורה זאלן נישט פאלן.

דער צדיק רבי אייזיק'ל האט זיך צו אים אויסגעדרייט מיט א פריילעך פנים און אים געבענטשט, "**איהר זאלט מיר לעבען הונדערט און צוואנציג יאהר**", ווערט דערציילט, אז דאס איז געווען די ברכה וואס דער צדיק רבי יענקעלע האט באקומען פונעם הייליגען קאלובער פאר אריכת ימים ושנים, **און די ברכה איז טאקע מקיים געווארן און דער צדיק האט געלעבט ביז אסאך איבער די 100 יאר, און נפטר געווארן בשיבה טובה.**

• • •

**עס ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי אייזיק'ל מקאלוב זי"ע איז אמאל געפארן מיטן צדיק רבי יענקעלע פיש זי"ע דורך א וואלד, און זיי האבן באגעגנט א מענטש אנגעטאן ווי א פויער, מיט א לולקע אין מויל, און יענער האט געבעטן דעם רבי'ן אביסל פייער פאר זיין לולקע, און דער רבי האט אים געגעבן, אלס דאנק האט דער פויער געגעבן פארן צדיק רבי אייזיק'ל א קלאפ אויף דער פלייצע און געזאגט, "**ערליכע איד, ערליכע איד**", און ווען דער פויער איז אוועק געגאנגען, האט דער רבי געזאגט פאר רבי יענקעלע, "דאס איז געווען אליהו הנביא זכור לטוב".